STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00633

DER REB FUN KOTSK

Zvi Cahn

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Helen Getler
in memory of
Goldie & Benjamin Greenfield

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער רבי פון קאָצק

דראַמע אין דריי אַקטן

פון

צבי כהן

דריטע אויסגעבעסערטע אויפלאַגע

פאַרלאַג „רענעסאַנס", ניו יאָרק

Copyright, 1950, by
DR. ZVI CAHN
300 W. 109th Street
New York 25, N. Y.

All rights reserved

Printed in the United States of America by
Aber Press, Inc., New York, N. Y.
225 Varick St., New York
281

מײַן ליבער און טרײַער
מ ל כ ה ׳ ל ע ן
אַ מתּנה
צבי

אַלע רעכט, סיי פון אויפפירן און סיי פון איבערזעצן — ביים מחבר.
צום מחבר דאַרף מען זיך אויך ווענדן נאָך די אָריגינעלע נאָטן פון
די נגונים

דער מתבודד פון קאָצק

(אַריינפיר)

פון די דריי זונען וואָס האָבן באַלויכטן דעם הימל פון חסידיזם, נאָכן קומען פון בעש״ט, און אַרום וועלכע עס האָבן זיך באַוואויגן פיל פּלאַנעטן, אין געשטאַלט פון איבערגעגעבענע תּלמידים און צוקונפטיקע רביים, איז די זון פון ר׳ מענדל פון קאָצק געווען די דריטע אין צייט. די ערשטע זון איז געווען די פון ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו, דער גרעסטער אוהב ישראל, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן. זיין גרויס ליכט האָט געשיינט איבער אוקראַינע. נאָך אים איז אויפגעגאַנגען די צווייטע זון, די פון ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, דער שאַפער פון קאָפּ־חסידות (חב״ד). די זון וואָס האָט געשיינט איבער רייסין. דערנאָך איז געקומען די דריטע זון, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין פּוילן, די פון ר׳ מענדל פון קאָצק, דער מענטש פון אייזערנעם ווילן און דער רבי פון קאָצק איז געוואָרן דער פאָטער פון חסידיזם אין פּוילן.

און געוואָרן איז דאָס ר׳ מענדל גראָד קעגן זיין ווילן, וואָרום געוועזן איז ער אַן איינזאַמער, אַ מתבודד, וואָס איז אַנטלאָפן פון המון. אָבער דאָך, האָט די גרויסע חסידישע השפּעה אויף די מאַסן אין פּוילן געהאַט, נישט דער נזיר, ר׳ אלימלך פון ליזשאַנסק, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין אַסקעטיזם און וועלכער האָט טאָג און נאַכט נאָר געזאָרגט זיך וועגן זיין חלק עולם הבא; אויך נישט זיין תּלמיד ר׳ יעקב יצחק הורוויץ, דער „חוזה״ פון לובלין, וועלכער האָט זיך קאָנצענטרירט אויף מופתים און דער־מיט געוואונען דעם המון; און אַזוי אויך נישט זיין תּלמיד דער „יוד הקדוש״ פון פּשיסכע און דעם תּלמידס תּלמיד, אויך פון דער זעלביקער שטאָט, דער רבי ר׳ שמחה בונם, וואָס ביידע האָבן געדרשנט ביידע וועגן, סיי דעם וועג צו זיך אַליין, דער וועג פון התבודדות און סיי דעם אַנדערן וועג, דער וועג צו די מאַסן, דער וועג פון „ברוב עם הדרת מלך״; די צוויי פּשיסכער וואָס האָבן זיך באַמיט צו שאַפן אַ סינטעזע פון ביידע וועגן און וואָס עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן — נאָר די השפּעה האָט געהאַט גראָד ער, ר׳ מענדל, דער אַריסטאָקראַט, דער פיינט פון „פּאָספּולסטוואָ״ און דער

גרעסטער שונא פון ערב־רב. ווארים געגאנגען איז ער מיט דער שיטה פון אַלץ אָדער גאָרנישט. נישטאָ קיין פשרות. ער האָט געהאַלטן מיט ר׳ אלעזרן אין דער אַלטער מחלוקה פון „יקוב הדין את ההר״ (דער דין זאָל דורכ־לעכערן דעם באַרג), דאָס הייסט — צי גיין מיטן דין ביזן סאַמע סוף, אָדער מאַכן אַ פשרה. ר׳ אלעזר, דער זון פון ר׳ יוסי הגלילי, האָט געטענהט, אַז עס טאָרן נישט זיין קיין שום קאָמפּראָמיסן. מען דאַרף פסקענען לויטן דין אָן שום פשרות. ער איז געשטאַנען אויפן שטאַנד־פונקט פון „אָסור לבצוע,״ מען טאָר נישט מאַכן קיין פשרות. „וכל הבוצע הרי זה חוטא,״ ווער עס מאַכט אַ פשרה, איז אַ זינדיקער. „וכל המברך את הבוצע,״ ווער עס לויבט דעם וואָס מאַכט אַ פשרה, „הרי זה מנאץ,״ לעס־טערט גאָט (סנהדרין ו׳), ווייל ר׳ אלעזר האָט געהאַלטן, אַז פשרות זיינען דער אומגליק פון דער וועלט, די וועלט דאַרף שטיין אויף דין, אויף אמת, אויף אַבסאָלוטער גערעכטיקייט.

אָבער זיינע חברים האָבן געקריגט קעגן אים און געזאָגט, אַז „מצווה לבצוע,״ עס איז אַ מצווה צו מאַכן אַ פשרה, ווארום דער פסוק זאָגט „אמת ומשפט ושלום שפטו בשעריכם.״ איז דאָך אַ קשיא: „במקום שיש משפט אין שלום ובמקום שיש שלום אין משפט.״ אויב מען גייט דורכאויס מיט משפט, ווי אַזוי קען זיין שלום? און אויב מיט שלום, ווי אַזוי קען זיין משפט? אלא — נאָר — „איזה משפט שיש בו שלום, הרי זה אומר ביצוע״ — וועלכער משפט איז אַזעלכער וואָס עס איז דערביי אויך דאָ שלום, דאָס איז נאָר ווען מען מאַכט אַ פשרה (דאָרטן). אין דער דיסקוסיע זיינען אַריינ־געצויגן געוואָרן, לויט אונזערע חכמים, אויך משה און אהרן. משה איז געווען פאַר „יקוב הדין את ההר.״ דעריבער, ווען די אידן האָבן געזינדיקט מיטן עגל, האָט ער צעבראָכן די לוחות און איז געווען גרייט צו צעלאָזן דאָס חדר. אהרן אָבער איז געווען אַ רודף שלום און האָט נאָכגעגעבן די מאָסן אַזוי ווייט, אַז ווען די אידן האָבן אים געבעטן צו מאַכן אַן עגל, האָט ער עס געמאַכט פאַר זיי.

ר׳ מענדל, וואָס איז געגאַנגען מיטן דרך פון ר׳ אלעזר׳ן: „יקוב הדין את ההר,״ האָט דערפאַר אויך געהאַט די גרעסטע התפעלות פאַר משה רבנו. ר׳ מענדל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ גרויסער אידייע, און דאָס איז — אויסצולייזן די אידן פון גלות. אמת, דער רבונו של עולם וויל נאָך נישט, אָבער ער וועט מוזן וועלן. מען דאַרף זיך נאָר איינשפאַרן, מען דאַרף אַפילו פירן אַ קאַמף מיט אים. עס העלפט. אברהם אבינו האָט זיך איינ־געשפאַרט און געקאָנט אָפּראַטעווען סדום (ווען עס וואָלטן דאָרט געווען צען צדיקים). משה רבנו האָט זיך איינגעשפאַרט אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט געזאָגט צו גאָט „ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת״ (אויב דו ווילסט מיר נישט נאָכגעבן, מעקסטו מיך אויס פון דיין בוך, וואָס דו האָסט

געשריבן). איז אַלץ אויס. משה האָט אַזוי צו זאָגן, געוואָרפן דעם כביכול דעם גט פאַר די פיס. אָט אַזוי, האָט געטענהט ר׳ מענדל, דאַרף מען איצט אויך טאָן. מען דאַרף מאָנען, שטאַרק מאָנען, אָן אויפהער מאָנען און נישט אָפּטרעטן. כביכול האָט אַפילו ליב אַזאַ איינגעשפּאַרטקייט. עס נעמט אויס ביי אים.

אָבער עס זיינען געווען אין יענער צייט אַזעלכע, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דעם און געזאָגט, אַז מען טאָר נישט זיין קיין דוחק את הקץ. ווידער אַנדערע האָבן אים גאָר חושד געווען, אַז ער האָט נישט קיין אהבת ישראל אין האַרצן. צו זיי האָט ר׳ מענדל אויסגעשריגן מיט כעס און ווייטיק:

— בהמות, פערד, וואָס איר זענט, איר זאָגט, אַז איך האָב נישט קיין אהבת ישראל, ווען ביי מיר אין האַרצן ברענט אַ העליש פייער פון ליבע צום אידישן פאָלק, אַ פייער וואָס פאַרצערט אַלע מיינע גלידער. אָבער איר פאַרשטייט ניט וואָס עס מיינט אהבת ישראל. מיין ליבע צו אידן איז נישט צו יחידים, נאָר צום כלל, נישט צו ר׳ ישראל נאָר צו כל ישראל. איך קען זיך נישט אָפּגעבן מיטן יחיד און מיט זיינע טאָג־טעגלעכע קליינע געברויכן. עס אינטערעסירט מיך נישט. וואָס גייט מיר אָן דער איד וואָס קומט זיך באַקלאָגן אויף אַ מיחוש אָדער וועגן פרנסה, צי גאָר וועגן דעם וואָס זיין ווייב איז אַן עקרה. זאָלן זיי אַלע גיין צו אַלדי גוטע יאָר! נישט אין דעם גייט עס! עס גייט אין דעם וואָס מען מוז העלפן אַלע אידן, מ׳דאַרף ברענגען די גאולה. פאַר דעם בין איך אַלע מאָל. איך בין גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר דעם און אַפילו צו פאַרפירן אַ קריג צוליב דעם מיטן רבונו של עולם!

און ער האָט סוף כל סוף פאַרפירט אַזאַ קריג. איר וועט זאָגן אַז ר׳ לוי יצחק האָט זיך אויך געקריגט מיט גאָט. איז עס נישט קיין פאַר־גלייך. קודם כל האָט זיך ר׳ לוי יצחק קיינמאָל נישט אויף אַן ערנסטן אופן צעקריגט מיטן כביכול. לוי יצחק האָט געהאַט טענות צו אים אין הימל, און דאָס גרעסטע וואָס ער האָט געטאָן איז געווען, אַז ער האָט זיך מיטן רבונו של עולם צעווערטלט. אָבער ער איז פון אים נישט אַוועק־געגאַנגען ברוגז. קיינמאָל נישט. ר׳ לוי יצחק האָט ליב געהאַט אויפצו־ווייזן דעם רבונו של עולם, אַז ער איז נישט אין גאַנצן גערעכט; אַז ער האָט געזאָגט אַ וואָרט וואָס ער דאַרף האַלטן. דאָס איז געווען זיין דרך.

— האָסט געזאָגט, גאָטעניו — האָט ר׳ לוי יצחק זיך צעקאָכט אין אַ טענה צום רבון העולמים — אַז מיר זיינען דיין „עם סגולה,״ האָסט דער־קלערט עפנטלעך, אַז דו האָסט אונדז אויסגעקליבן פון אַלע שבעים אומות, איז עס אמת, אַז „אתה בחרתנו מכל עם,״ אויב אַזוי, פאַר וואָס פּייניקסטו אונדז? פאַר וואָס העלפסטו אונדז נישט?

אַט אַזוי האָט ר׳ לוי יצחק געטענהט, אין אַ מילדן טאָן, מיט דרך ארץ, כעבדא קמי מרא, און אויסגעפירט, אַז גאָט דאַרף העלפן די אידן. און וועמען? — יחידים. איינעם — אין זיין קאַמף מיטן פריץ, אַ צווייטן — צו האָבן אַ בן זכר און אַ דריטן — געבן אַ רפואה שלמה. אַלץ וואָס ער האָט געמאָנט ביי גאָט איז געווען „בני חיי ומזוני.״ דאָס אַלץ. נישט מער און דערביי האָט ער שפּעטער פאַרענדיקט מיט אַ הלל הגדול צום כביכול.

נישט אַזוי אָבער איז געווען דער דרך פון ר׳ מענדל פון קאָצק. ווען ער איז שוין אַרויס אין קאַמף קעגן גאָט, איז עס געווען אויף טויט און אויף לעבן. און געפאָדערט האָט ער נישט אַביסעלע, נאָר אַ סך; אָדער גאָר, אָדער גאָרנישט. אָדער די גאולה, אָדער מרידה. אויסגלייכן דעם סכסוך מיט אַ פּשרה פון „בני, חיי ומזוני״ האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט געטענהט צום רבונו של עולם: — שיק דיין משיח און לייז אויס די אידן, אָדער איך בין מורד אין דיר!...

אָבער ער האָט געפילט, אַז דאָס קען נישט אָפּגיין אָן אַ שטאַרקן קאַמף מיטן כביכול, אַז ער וועט מוזן טענהן ווי אַמאָל משה רבנו: „ואם אין — און אויב נישט, איז נישט. איז אויס.״ און ער האָט געוואוסט, אַז דערצו מוז ער האָבן אַרויסהעלפער. וואָרים, ווען מען וועט אים פרעגן פון הימל: „מי ומי ההולכים?״ זאָל ער קאָנען אָנווייזן אויף זיין אַרמיי, זיינע תלמידים. זאָל עס זיין אַפילו אַ קליינער חייל פון בלויז אַ צוויי הונדערט געשוואוי־רענע זעלנער. אָבער זיי זאָלן זיין געטרייע, איבערגעגעבענע, און ווען ער, דער גענעראַל, ר׳ מענדל, וועט זיך איינשפּאַרן ביים כביכול, ווען ער וועט זאָגן דעם „ואם אין...״ אַלס צייכן פון מרידה — זאָלן זיי שטיין מיט אים שטאָל און אייזן און זיי זאָלן זאָגן צו אים:

— רבי, מיר זיינען מיט דיר. אויך מיר זיינען מורד אין כביכול. מיר ווילן די גאולה. זאָל דער רבונו של עולם געבן זיין צייכן, און אַזוי ווי אין יעדן דור איז דאָ משיח, איז דער רבי דער משיח הדור!

ר׳ מענדל האָט דעריבער נישט געוואָלט קיין המון. ער האָט אַפילו מורא געהאַט פאַר אַ חסידים מאַסע. אַ המון, האָט ער געוואוסט, קען נאָר קאַליע מאַכן. ער וועט נאָר שטערן. אַן ערב־רב וועט בעת אַ מרידה נאָך זאָגן „גאָט און זיין משפּט איז גערעכט!״ — און אַלץ וועט זיין פאַרלוירן. ער האָט דעריבער דערצויגן זיך תלמידים. ער האָט געוואָלט זיי זאָלן זיין פּרושים, אָפּגעזונדערט פון זייערע ווייבער; זיי זאָלן זיך נאָר פאַרטיפן אין רוחניות; זיי זאָלן זיין הייליקע און, דער עיקר, ראוי צו דער גרויסער שעה, ווען ער וועט קומען מאָנען ביים רבון העולמים דעם כוח צו צעברעכן די קייטן פון גלות.

און אין דעם קאַמף פאַר דער גאולה האָט ער געוואָלט איינשפּאַנען אויך דעם כוח הטומאה און ער האָט דעריבער געזען אין קומען פון דאָקטאָר קאָך

אַ צייכן פון הימל, אַז דאָקטאָר קאַך איז משיח בן יוסף, וואָס דאַרף קומען פאַר משיח בן דוד.

און ער האָט אָנגעפירט די סטראַטעגיע און זיך געגרייט צום קאַמף ביז אַ געוויסן פריייטיק צו נאַכט, ווען ער האָט געפילט זיך זיכער אין זיינע כוחות, און ער האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש און אַ געשריי געטאָן:

— רבונו של עולם! איך וויל אַ משפט מיט דיר. איך מאָן ביי דיר גערעכטיקייט. איך זאָג צו דיר, ווי אברהם אָבינו אַמאָל: „השופט כל הארץ לא יעשה משפט?" — דער וואָס משפט די גאַנצע וועלט, זאָל נישט טאָן קיין גערעכטיקייט? אָבער היות עס איז נישטאָ קיין העכערער פון דיר, ביי וועמען זיך צו לאָדן מיט דיר, וויל איך דו זאָלסט אַליין אַרויס־געבן דעם אורטייל. איך וויל, אַז דו זאָלסט שיקן צו די אידן זייער משיח, ווייל עס איז שוין נישטאָ מער קיין כוח צו ליידן! וויז מיר אַ צייכן, גאָט! גיב מיר דעם כוח צו צערייסן די קייטן פון גלות, און אויב נישט... אויב נישט... בין איך מורד אין דיר! האָלסטו נישט דיין ברית, דיין אָפּמאַך מיטן אידישן פאָלק, וועל איך אויך נישט האַלטן דעם אָפּמאַך, איז אַלץ אויס, זיינען מיר אויס „עם סגולה"!

און געמיינט האָט ער, ר' מענדל, אַז איצט וועט זיך אַרויסלאָזן אַ געשריי פון די מיילער פון זיינע זעלנער:

— מיר אַלע וועלן דעם אָפּמאַך נישט האַלטן! מיר שטיין מיט דיר, אונדזער רבי! גיב גאָט אונדז דעם צייכן, שיק אונדז דיין משיח, דעם צדיק הדור. אויב נישט — זיינען מיר אַלע מורד אין דיר!...

אָבער אַנשטאָט דעם האָט גאָר דער עלטסטער פון די תלמידים אַ געשריי געטאָן צו די איבעריקע:

— בינדט אים!

האָט זיך ביים רבין אַראָפּגעלאָזט די הענט, און ער האָט זיי אָנגע־קוקט ווילד:

— בהמות, וואָס איר זייט! איר דאַרפט מיך מער נישט בינדן! איר זעט דען נישט, אַז איך בין שוין געבונדן? חמורים וואָס איר זייט! קליי־נע מענטשעלעך!...

און ער האָט געטאָן דאָס איינציקע וואָס עס איז אים געבליבן צו טאָן: אָפּזונדערן זיך אויך פון זיי.

און ער איז אַוועק לעבן צווישן מייז און שפינען און איז אין פאַר־לויף פון צוואַנציק יאָר, פון פופציק ביז זיבעציק, געווען איינזאַם, אָפּגע־זונדערט פון אַלע, ער איז געוואָרן אַ מתבודד.

דער רבי האָט פאַרשפּילט. נישט נאָר ביים כביכול, נאָר אויך ביי זיינע תלמידים. ער האָט זיך איצט פאַרטיפט אין דער לערע פון גאָט און אין דער לערע פון מענטש און געשריבן גרויסע ווערק. איבערהויפּט איינס,

וואָס ער האָט געשריבן גאַנצע צוואַנציק יאָר, און וועלכער האָט אָנט־האַלטן נאָר איין בלעטל, און געהייסן האָט עס „אלה תולדות אדם.״ אָבער צו די מענטשן האָט ער זיינע שאַפונגען נישט געוואָלט געבן און האָט זיי יעדעס יאָר צו ביעור חמץ פאַרברענט און דעם סאַמען גרעסטן ביעור חמץ האָט ער געמאַכט פאַר זיין פטירה.

**
*

ר׳ מענדל איז געבוירן געוואָרן ביי זיין פאָטער ר׳ לייבוש אין גאריי, לובלינער גובערניע, אין יאָר תקמ״ח. זיין פאָטער איז געווען אַ מתנגד און האָט דערצויגן זיין זון, וועלכער האָט שוין פון די יונגע יאָרן אָן גע־שמ׳ט איבער פוילן אַלס גרויסער עילוי, אין גייסט פון קעגנערשאַפט צו חסידיזם. אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. ווען מענדל איז אַלט געוואָרן 17 יאָר איז ער אַנטלאָפן קיין לובלין צום חוזה, ווייל די טרוקענע גמרא מיטן האַרבן רמב״ם האָבן מער נישט באַפרידיקט זיין דורשטיקן גייסט. אין לובלין האָט מענדל דערפילט דעם גרויסן שוואונג פון חסידות, אָבער די מופתים פון „חוזה״ האָבן אים נישט געגומען. ער פאָרט איצט אַוועק קיין פשיסכע, צום יוד הקדוש, און נאָך זיין פטירה צו זיין תלמיד ר׳ שמחה בונם, אויך אין פשיסכע. ער האָט חתונה און ווערט אַן איידים פון אַ גביר, ר׳ אייזיק ניי פון טאָמאַשאָוו (לובלינער גובערניע), און פאַרטיפט זיך אין חסידות אויף אַן אייגענעם שטייגער. דערביי איז ער געווען אַרומגערינגלט פון אַ גאַנצער ריי חברים־תלמידים, אַזעלכע שאַרפע מוחות ווי ר׳ איטשע מאיר אַלטער, שפּעטערער גערער רבי, ר׳ מרדכי יוסף ליינער פון איזש־ביצע, ר׳ חנוך העניך הכהן פון אַלעקסאַנדער, ר׳ פייוול, דער גריצער רב און נאָך אַנדערע.

ר׳ מענדל האָט איצט געגומען אויסבויען זיין שיטה פון „קדושים תהיו.״ ער האָט געוואָלט שאַפן אַ „ממלכת כהנים,״ אַ גרופּע פון „בני עליה,״ וואָס שטייען איבער אַלע קליינע ענינים פון המון־עם. מענטשן וואָס שוועבן אין די וועלטן פון דער געטלעכקייט און געניסן מזיו השכינה. דאָס איז געווען זיין גרויסער אידעאַל. מיט אַזאַ הייליקער מחנה האָט ער געוואָוסט, קען מען ברייגגען משיחן. פון אַזאַ הייליקער עדה האָט ער גע־וואָלט זיין דער פעלדמאַרשאַל.

און ער איז עס אויך געווען. וואָרים אַלע האָבן געקוקט אַרויף צו אים. שוין וועגן זיין צייט אין טאָמאַשאָוו האָט מען געזאָגט, אַז דאָרטן ברענט אַ פייער און עס ווערט געגעבן אַ נייע תורה, און וועגן קאָצק האָט מען גע־זונגען: „קיין קאָצק פאָרט מען נישט, קיין קאָצק גייט מען, קאָצק איז במקום המקדש.״....

אַזוי איז עס געווען ביז צו דער מרידה, ווען עס האָט זיך געביטן ר׳ מענדעלס גאַנצע וועלט־אַנשויאונג. ער האָט שוין מער ניט געזוכט קיין

הייליקע און שטאַרקע. ווייל ער האָט איצט באַגריפן, אַז — — — „דער מענטש שטינקט" און אַז אַלץ איז נישט כדאי. ער איז איצט געקומען צום סך הכל פון יענע, וואָס האָבן געזאָגט: „נוח לו לאדם שלא נברא משנברא" (עס וואָלט בעסער געווען פאַרן מענטש, ווען ער וואָלט נישט געשאַפן, ווי ער איז יאָ געשאַפן געוואָרן), און האָט רעזיגנירט צו שפּאַצירן בלויז אין גן־עדן פון העכערע געדאַנקען וועגן גאָט און די וועלט.

אָבער מיט זיין גאַנצער שנאה און פאַראַכטונג צום מין מענטש, האָט דאָך ערשט איצט דער עולם געקלעבט אַרום אים און ער, וואָס האָט תכלית שנאה פיינט געהאַט די „פּאָספּולסטוואָ," האָט געזען ווי עס וואַקסט אַן עולם פון חסידים אין פּוילן.

ער איז נפטר געוואָרן כ"ב שבט תרי"ט (1859) און האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך נישט ספרים, נאָר חסידים. דאָס חסידות פון פּוילן, די גרויסע מאַסן פון חסידים, וואָס זיינען געפאָרן שפּעטער צו פאַרשיידענע רביים, חסידים געטיילט אין פיל לאַגערן, ווי, למשל, גערער, סאָכאַטשעווער, וואָרקער, איזשביצער, ראַדזינער און פיל אַנדערע.

***

די מאַטעריאַלן פאַר דער דראַמע האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביי מיר, אייגנטלעך נאָך פון מיין פריסטער יוגנט. עס איז געווען „תורה שבעל פה," וואָרים „בכתב" איז וועגן קאָצקער ווייניק געבליבן. חסידים בכלל און די קאָצקער בפרט האָבן נישט געהאַלטן פון פאַרשרייבן לדורות. פון רבין גופא זיינען געבליבן בלויז תורהס און ווערטלעך, וועלכע ווערן געבראַכט אין חסידישע ספרים. דערפאַר איז דער „שבעל פה" געווען פילפאַרביק.

אָט דעם „שבעל פה" האָב איך געקראָגן פון פיר קוואַלן. קודם כל פון ביידע זיידעס. שפּעטער פון סאכאטשאָווער הויף, וואו דער רבי ר' אברהמעלע איז געווען דעם קאָצקערס איידעם, און פון ר' חזקיה ליוויטשער, דער אַלטער קאָצקער חסיד און באַרימטער וויצלינג.

דער זיידע פון טאַטנס זייט איז געווען פון דער ליניע פון רבי ר' חנוך העניך הכהן פון אַלעסאַנדער, וועלכער איז געווען פון קאָצקערס נאָענטסטע חברים און תלמידים (ער איז פאַרקערפּערט אין דער דראַמע). דער צווייטער קוואַל איז געווען דער זיידע פון מאַמעס זייט, וועלכער איז נפטר געוואָרן מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק, אין טיפן עלטער, און איז געווען אַ קאָצקער. פון אים האָב איך אויך געהערט דעם סוד פון יענעם פרייטאָג־צו־נאַכט. דער דריטער קוואַל איז געווען דער סאָכאַטשאָווער רבי ר' אברהם באָרנשטיין זצ"ל, וואו כ'האָב געלערנט פיר יאָר (פון 12־טן ביזן 16־טן) און פון וועמען כ'האָב אויך געקראָגן סמיכה. ער פלעגט אַמאָל אין אַ יומא דפגרא דערציילן מעשהלעך וועגן זיין גרויסן שווער. דערפאַר האָט די רביצין, שרה צינע, דעם קאָצקערס טאָכטער (זי איז געווען אַ קאַרגע, אָבער

כ׳האָב געזען יענע וואָך, אַז איר האָט אַרום זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט ערשט איך האָב דאָך גענעסן ביי איר צווייַ „טעג״ — דאָס איז געווען אַ דאַנק מיין איבערשרייבן דעם רבינס ספרים.) מיר דערציילט אַ וועלט מיט מעשיות וועגן קאָצקער, יעדעס מאָל, ווען כ׳האָב זיך געזעצט עסן, פרישטיק צי מיטיק, צי וועטשערע. דער פערטער קוואַל, ר׳ חזקיה (אויך פאַרקערפּערט אין דער דראַמע), איז געווען מיין צווייטער דערציער (אויף אַזוי ווייט, אַז אויב עס האָט זיך ביי מיר אָפּגעריסן אַ קנעפּל פון מאַנטל, האָט ער אים באַלד מיר אָנגענייט). אויך ער האָט געהאָט אַ וועלט פון מעשיות און האָט מיר דערציילט דעם „אמתן אמת״ וועגן יענעם פרייטיק־צו־נאַכט. די ווערטלעך און תורהס זיינען טיילוויז פון דעם וואָס כ׳האָב געהערט און טיילוויז פון פאַרשיידענע חסידישע ספרים.

***

עטליכע ווערטער וועגן די תלמידים, וועלכע דאָס רוב פון זיי זיינען אויך געווען זיינע חברים.

ר׳ איטשע מאיר אַלטער פון גער. שפּעטער באַוואוסט אַלס „דער גערער רבי״, דער מחבר פון „חידושי הרי״ם״ (חידושי הרב יצחק מאיר)׃ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקנ״ט. זיין פאָטער ר׳ ישראל איז געווען פריהער רב אין גנישעוו און דערנאָך אין גער. און איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו. ר׳ איטשע מאיר איז שפּעטער געוואָרן דער איידעם פון באַוואוסטן וואַרשעווער גביר ר׳ משה חלפן (ליפשיץ). אין דער צייט ווען ער האָט געזעסן קעסט, האָט ער אָנגעפירט מיט אַ ישיבה אין וואַרשאַ און איז באַלד מפורסם געוואָרן אַלס דער „וואַרשעווער עלוי״. ר׳ איטשע מאיר איז געפאָרן פריהער צום מגיד פון קאָזשעניץ, דערנאָך צום „חוזה״. שפּעטער צום „יוד הקדוש״ און צו ר׳ שמחה בונים פון פשיסכע און דערנאָך קיין קאָצק. ער איז געווען דער גרינדער פון גערער חסידות.

ר׳ העניך הכהן פון אַלעקסאַנדער. שטאַמט פון גרויסן יחוס. גע־בוירן געוואָרן תקנ״ח. זיין פאָטער איז געווען הרב ר׳ מנחם הכהן, דער רב פון ליטאָמירסק. געווען 5 יאָר רב אין נאָווידוואָר און אין פּראַשניץ. אַ תלמיד פון רבי ר׳ שמחה בונם און נאָך זיין פטירה געפאָרן קיין קאָצק. נאָך די הסתלקות פון קאָצק געפאָרן צום „חידושי הרי״ם״. ווען דער חידושי הרי״ם אין נפטר געוואָרן איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס רבי. ער איז נפטר געוואָרן י״ח אדר ב׳ תר״ל.

ר׳ יצחק קאַליש פון וואָרקע. געבוירן געוואָרן אין יאָר תקל״ט. זיין פאָטער איז געווען הרב ר׳ שמעון קאַליש. געפאָרן צום „חוזה״ און צו ר׳ שמחה בונם. נאָך דער פטירה פון פשיסכער געקרוינט געוואָרן אַלס רבי, ער האָט געהאַט 104 תלמידים וואָס זיינען אַלע געוואָרן רביים. צווישן זיי

איז געווען ר׳ פישל פון סטריקאָוו, ר׳ יעקב אריה פון ראדזימין און אַנדערע. נפטר געוואָרן כ״ב ניסן תר״ח.

ר׳ מרדכי יוסף ליינער פון איזשביצע. געבוירן געוואָרן תקנ״ט, געפאָרן צום „חוזה״ און צו ר׳ שמחה בונים, שפּעטער קאָצק. געפירט אליין 14 יאָר. נאָך זיין פּטירה איז ערשינען זיין ספר „מי השלוח״. זיין אָרט האָט פאַרנומען זיין זון ר׳ יעקב מחבר פון „בית יעקב״. נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ח.

ר׳ פייוועל דאַנציגער. גריצער רב. דער פאָטער פון אדמו״ר ר׳ יחיאל פון אַלעקסאַנדער. געבוירן געוואָרן אין יאָר תקנ״ט. נפטר געוואָרן אין יאָר תרט״ו.

* * *

מיין צוגאַנג צו דער קאָצקער טראַגעדיע איז אַ ריין חסידישער, אין געגענזאַץ צו דער אונבאַוואוסטזיניג־משכּילישער אויפפאַסונג וואָס עס הערשט נאָך, צום באַדויערן, אין אונדזער ליטעראַטור. די דאָזיקע אין תוך נעגאַטיווע באַציאונג וואָס איז געבליבן, אָפּן און פאַרהוילן, צו חסידיזם בכלל ביי פיל פון אונזערע שעפער, האָט געשטערט אפילו די יעניקע פון זיי וואָס האָבן שוין דערזען דאָס ליכט פון חסידישן ראָמאַנטיזם, צו פאַר־טיפן זיך אין אירע דרכים און זיי זיינען דעריבער געבליבן בלויז ביים אויסערלעכן גלאַנץ און נישט אַריין אינעווייניק אין פּאַלאַץ צו האָבן אַ הנאה פון דער ליכט פון דער שכינה. דערפאַר האָבן זיי אויך נישט געקענט באַגרייפן די הימל־הויכקייט פון אַ קאָצקער, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן ביזן כסא הכבוד און ווי אַמאָל, משה, גערעדט צום כביכול ווי צו אַ גלייכן: „דו מוזט... און אויב נישט...״ אַ הויכקייט צו וועלכער קיינער פון זיין דור איז נישט דערגאַנגען און זיי האָבן גיכער געזען אין אים — לויט זייער „העכסט״ השכלהשער השגה — אַ „נתפקר״ און אַ „קוצץ בנטיעות,״ וואָס עס איז ממש לעכערלעך.

דער מחבר האָט זיך אויך באַמיט צו לאָזן רעדן יעדן פון די העלדן — ווי ווייט מעגלעך — אויף זיין אייגנאַרטיקן לשון. ער האָט בפירוש נישט געוואָלט געבן עפּעס אַ דראַמאַטישע פאַרטראַכטונג, וואו די העלדן זאָלן פאַראַדירן מיט צוגעטראַכטע כלומרשטע „הויכע״ רייד, נאָר אַ שטיק לעבן פון יענער צייט, ווען אונזערע זיידעס האָבן אויף זייער פּשוט לשון גע־קעמפט, יעדער אויף זיין שטייגער, וועגן די וועלט פּראָבלעמען, וואָס בלייבן אייביק. עס האָט גענומען פיל יאָרן צו פאַרשן אָט די דאָזיקע אייגנאַרטי־קייטן, אָבער דער מחבר גלויבט, אַז עס איז געווען כדאי.

צ. כ.

פּערזאָנען:

ר׳ מענדל מאָרגענשטערן פון קאָצק. אין דער ערשטער סצענע פון ערשטן אַקט — מענדל טאָמאַשאָווער. שפּעטער בלויז „דער רבי״. אין ערשטן אַקט — אַ יאָר 40. אין צווייטן אַקט: אין דער ערשטער סצענע 47. אין צווייטער סצענע — אַ יאָר 48. אין דער ערשטער סצענע פון דריטן אַקט — אַ יאָר 51. אין צווייטער סצענע — אַ יאָר 70. אַ מיטל וואוקס, פעסטגעבויט. גרויסע ברעמען מיט אַ שוואַרצע באָרד און פּאות. אין דער דריטער סצענע פון דריטן אַקט — שוין גרוי.

ר׳ איטשע־מאיר־אַלטער פון גער — אין טעקסט, קורץ: **איטשע־מאיר.** ערשטן אַקט אַ יאָר 30. אין צווייטן אַקט — 38. אין דער ערשטער סצענע פון דריטן אַקט — אַ יאָר 41. אין דער צווייטער סצענע פון דריטן אַקט אַ יאָר 60. מיטל וואוקס מיט אַ קלייגער שוואַרצער באָרד און פּאות. אין דער לעצטער סצענע, גרוילעך.

ר׳ פייוול דאַנציגער, דער גריצער רב — אין טעקסט קורץ: **„דער גריצער רב.** אין אויסזען און אין די יאָרן ענלעך צו איטשע־מאיר.

ר׳ העניך הכהן פון אַלעקסאַנדער — אין טעקסט קורץ: **העניך.** אין די זעלבע יאָרן און אויך אין אויסזען ענלעך צו די צווי פריערדיקע; בלויז די באָרד און פּאות זיינען רויטלעכע.

ר׳ יצחק קאַליש — אין ערשטן אַקט, דער **שוואַרצער יצחק.** שפּעטער דער **וואָרקער רבי.** אַ יאָר 35, מיט שוואַרצע באָרד און פּאות.

ר׳ מרדכי־יוסף לײנער, פון איזשביצע. — אין טעקסט, קורץ: **מרדכי־יוסף.** אין סוף סצענע פון דריטן אַקט — **דער איזשביצער רבי.** מיטל וואוקס. רויטלעך. אין ערשטן אַקט — אַ יאָר 25. אין צווייטן אַקט — 33 און אין דער ערשטער סצענע פון דריטן אַקט — 36.

ר׳ הירש טאָמאַשאָווער. ברייטלעך געבויט. קליינע באָרד און פּאות. אין צווייטער סצענע פון ערשטן אַקט אַ יאָר 45. אין צווייטן אַקט — 53. אין ערשטער סצענע פון דריטן אַקט אַ יאָר — 56. אין דער צווייטער סצענע פון דריטן אַקט — 75. ער איז דעם קאָצקער רבינס נאמן און הויז־פאַרוואַלטער.

בערל חסיד. שמש ביים רבין.

חזקיה.
שמואל־משה. } צווי פריינט. חסידים פון רבין.

תמרל. באַוואוסטע גבירטע און וואוילטעטיקע פרוי.

אליעזר פּולטיסקער. אַ רייכער ייד פון אַ יאָר 45. אַן אַנגעזעענער חסיד.

יסכה. — אין ערשטן אַקט אַ יונג מיידל פון 18 יאָר. אין צווייטן אַקט — 28

יסכה. — אין ערשטן אַקט אַ יונג מיידל פון 18 יאָר. אין צווייטן אַקט — 26 סצענע פון דריטן אַקט — אַ יאָר 48. אין ערשטן אַקט און אין צווייטן גייט זי אַנגעטאָן אין מענערשע קליידער און הויזען מיט שטיוול און טראָגט אַ טיפּן היטל אויפן קאָפּ.

יחיאל־פישל. — העניכס זון. אַ יאָר 20.

דאָקטאָר יוסף קאַך. — אין טעקסט, קורץ: **דאָקטאָר קאַך.** אין צווייטן אַקט אַ יאָר 25. אין ערשטער סצענע פון דריטן אַקט — אַ יאָר 28. אין דער צווייטער סצענע פון דריטן אַקט — 48 יאָר. מיטל וואוקס, מיט אַ קורץ בערדל. געקליידעט אין אייראָפּעאישע קליידער.

חוהלע חלפן — דעם רבינס צווייטע פרוי. 25 יאָר צו דער חתונה. אין צווייטער סצענע פון דריטן אַקט — 45 יאָר.

רחלע אַלטער — איטשע־מאירס פרוי און אַ שוועסטער פון חוהלע חלפן. מיט 5 יאָר עלטער פון איר שוועסטער.

יאַרטשעווער רב — מיטל וואוקס פון אַ יאָר 40.

שמש פון פּשיסכער רבי.

ח ס י ד י ם.

מ ש ה.

ז י י ד ל.

פּ י י ו ו י ש.

משה־מיכל ביאַלער.

משה וואורקער.

אליעזר־בער פון גראַבעוויץ. קורץ: **אליעזר־בער.**

שמואל נאַשעלסקער.

ערשטער חסיד. צווייטער חסיד. דריטער חסיד. פערטער חסיד.
טאָמאַשאָווער רב. יונגעלייט, יונגע איזשביצער חסידים. בעלי בתים.
מענער. פרויען. קינדער. שטימען.

צייט און אָרט פון די האַנדלונגען:

ערשטער אַקט: ערשטע סצענע:
אין פשיסכע — אלול, פון יאָר תקפ״ז. (סעפּטעמבער 1828).

ערשטער אַקט: צווייטע סצענע:
אין טאָמאַשאָוו — צוויי יאָר שפּעטער.

צווייטער אַקט: ערשטע סצענע:
אין קאָצק. — 5 יאָר שפּעטער.

צווייטער אַקט: צווייטע סצענע:
אין קאָצק. — נאָך אַ יאָר שפּעטער.

דריטער אַקט: ערשטע סצענע:
אין קאָצק. פרייטיק צו נאַכט פרשת תולדות פון יאָר תקצ״ט. ((נאָוועמבער 1839).

דריטער אַקט: צווייטע סצענע:
אין קאָצק. דאָנערשטיק, כ״ב שבט, תרי״ט (יאַנואַר 1859).

ג ע ז אַ נ ג ע ן:

1) דער קאָצקער ניגון.
2) וואו וואוינט דער אייבערשטער.
3) דער וואורקער ניגון.
4) דער איזשביצער ניגון.
5) אָמאר מאטשעק (פויליש־יידיש ליד).
6) ידיד נפש (קאבאליסטיש ליד).
7) אל מסתתר (קאבאליסטיש ליד).
8) יה רבון.
9) גערער ניגון (אָן ווערטער).

(אַלע לידער צום סוף פון בוך. — די נאָטן פון די לידער — ביים מחבר.)

פּ ר אָ ל אָ ג

(אַ גרופּע חסידים קומט אָן אין טעאַטער רעכטס פון פּובליקום, זינגענדיק דעם קאָצקער ניגון. פון פאָרענט גייט ר׳ משה, וועלכער פירט אָן מיט דער קאַפּעליע. נאָך אים גייען עטלעכע רייען פון חסידים, צו דריי אין אַ ריי. אָפּט האַלט דער מיטעלסטער זיינע הענט אויף די אַנדערע׳ס אַקסלען. נאָך זיי גייען נאָך עטלעכע יונגעלייט, וואָס קומען דאָס ערשטע מאָל צום רבין. זיי מוזן דערפאַר טראָגן אַנדערעס פּעקלעך. ר׳ משה זינגט און אַלע העלפן אים אונטער.)

משה: (זינגט) קיין קאָצק פאָרט מען נישט.

אַלע: קיין קאָצק פאָרט מען נישט.

משה: קיין קאָצק גייט מען,

אַלע: קיין קאָצק גייט מען,

משה: קאָצק איז במקום המקדש,

אַלע: קאָצק איז במקום המקדש,

משה: קיין קאָצק מוז מען עולה רגל זיין,

אַלע: עולה רגל זיין!

משה: רגל איז דער טייטש אַ יום־טוב,

אַלע: רגל איז דער טייטש אַ יום־טוב,

משה: אַז מען גייט קיין קאָצק איז אַ יום־טוב.

אַלע: אַז מען גייט קיין קאָצק איז אַ יום־טוב.

משה: (פרייילעך) גוט יום־טוב! גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

אַלע: גוט יום־טוב! גוט יום־טוב! גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

משה: אַז חסידים גייען קיין קאָצק, איז אַ גרויסער יום־טוב.

אַלע: אַז חסידים גייען קיין קאָצק, איז אַ גרויסער יום־טוב.

(אַ צווייטע גרופּע חסידים קומט אָן אין טעאַטער לינקס פון פּובליקום אויפן זעלבן אופן ווי די פון רעכטס. זיי זינגען די צווייטע סטראָפע פון קאָצקער ניגון. דער אָנפירער פון דער קאַפּעליע איז **ר׳ זיידל**. אַלע זינגען איצט צואַמען.)

זיידל: (זינגט) קיין קאָצק פאָרט מען נישט.

אַלע: קיין קאַצק פאָרט מען נישט.
זיידל: קיין קאַצק גייט מען,
אַלע: קיין קאַצק גייט מען,
זיידל: קאַצק איז במקום המקדש,
אַלע: קאַצק איז במקום המקדש,
זיידל: קיין קאַצק מוז מען עולה רגל זיין,
אַלע: עולה רגל זיין!
זיידל: רגל איז דער טייטש אַ פוס,
אַלע: רגל איז דער טייטש אַ פוס,
זיידל: דינען גאָט מיט די פיס,
אַלע: דינען גאָט מיט די פיס,
זיידל: טאַנצענדיק!
אַלע: טאַנצנדיק!

(ר׳ זיידל דרייט זיך אוים צו די חסידים, זינגט און טאַנצט, אַ טייל חסידים נעמען זיך אָן ביי די הענט און טאַנצן מיט התלהבות. אַנדערע פּאַטשן צו מיט די הענט און זינגען.)

זיידל: הולאַ, לאַ־לאַ, הולאַ, לאַ־לאַ,
אַלע: הולאַ, לאַ־לאַ, הולאַ, לאַ.

(ר׳ זיידל און ר׳ משה חזרן איבער דאָס זעלבע, און די חסידים נאָך זיי, און אַלע טאַנצן מיט באַגייסטערונג).

זיידל: אַז חסידים גייען קיין קאַצק, גייט מען מיט אַ טאַנץ!
אַלע: אַז חסידים גייען קיין קאַצק, קייט מען מיט אַ טאַנץ!

(פון מיטן פון פובליקום קומט אָן אין טעאַטער אַ דריטע גרופּע פון חסידים אויפן זעלבן אופן וואָס די צוויי פריערדיקע גרופּן. זייער אָנפירער איז ר׳ פּיווויש. זיי זינגען די דריטע סטראָפע פון קאַצקער ניגון).

פּיווויש: (זינגט) קיין קאַצק פאָרט מען נישט,
אַלע: קיין קאַצק פאָרט מען נישט,
פּיווויש: קיין קאַצק גייט מען,
אַלע: קיין קאַצק גייט מען,
פּיווויש: קאַצק איז במקום המקדש,
אַלע: קאַצק איז במקום המקדש,
פּיווויש: קיין קאַצק מוז מען עולה רגל זיין,
אַלע: עולה רגל זיין!
פּיווויש: רגל איז דער טייטש אַ געוואוינהייט,
אַלע: רגל איז דער טייטש אַ געוואוינהייט,
פּיווויש: מען מוז זיך געוואוינען צו דינען גאָט.

אַלע: מען מוז זיך געוואוינען צו דינען גאָט.

פּיוויש: זינגענדיק!

אַלע: זינגנדיק!

פּיוויש: (דרייט זיך אויס צו די חסידים, זינגט מיט התלהבות) **שיר מזמור, מזמור שיר! מזמור שיר, שיר מזמור!**

אַלע: שיר מזמור, מזמור שיר! מזמור שיר, שיר מזמור!

(ר׳ פּיוויש און די חסידים חזרן דאָס איבער עטלעכע מאָל).

פּיוויש: **אַז חסידים גייען קיין קאָצק, גייט מען מיט געזאַנג!**

אַלע: **אַז חסידים גייען קיין קאָצק, גייט מען מיט געזאַנג!**

(אַלע גרופּן מיט זייערע פּירער אָפּ).

ערשטער אַקט

ערשטע סצענע

(אַ גרויס בית המדרש פון רבי שמחה בונם פון פּשיסכע. צו לניקס — אַן אָרון קודש, פאַרן אָרון קודש אַן עמוד מיט אַ „שויתי״. ניט ווייט פון דאָרטן, אַ באַלעמער אײַבערגעדעקט מיט אַ בלויען פּלושענעם צודעק וואָס איז אַרומגעזוימט מיט גאָלדענע טאַש־מעס. צוויי פּראָסטע, לאַנגע טישן מיט לאַנגע בענק זײַנען אויסגעשטעלט ביי דער וואַנט פון לינקס צו רעכטס. אין ווינקל לינקס איז אַ שאַנק מיט ספרים, איבערהויפּט גמרות. רעכטס איז דער הויפּט־אַרײַנגאַנג. ניט ווייט פון דער טיר אין ווינקל ביי דער וואַנט — אַ כיור, און דערנעבן — אַ שמוציקער האַנדטוך. אַ ביסל ווייטער רעכטס — אַ טיר צום פּאָליש. יונגע חסידימלעך דרייען זיך אַרום אַרויף און אַראָפּ און זינגען: „ידיד נפש, אָב הרחמים״. אַלע זײַנען אָנגעטאָן עלעגאַנט, איבערהויפּט זײַנען ביי זיי פּאַרפּוצט די באָרד און פּאות. אַנדערע זיצן ביי די טישן און לערנען גמרא מיט אַ ניגון.

עס דרייען זיך אַרויף און אַראָפּ דריי פון די אָנגעזעענע פון פּשיסכער הויף: ר׳ איטשע־מאיר אַלטער פון גער, ר׳ חנוך העניך הכהן פון אַלעקסאַנדער און ר׳ פייוויש דאַנציגער, גריצער רב. זיי זײַנען פאַרטיפט אין אַ שמועס און לערנען).

יאַרטשעווער רב: (קוקט זיי נאָך אַ שטיקל צײַט און ענדלעך שטעלט ער זיי אָפּ): זײַט מיר מוחל, אפשר קענט איר מיר עפּעס קלאָר מאַכן?

גריצער רב: ווער זײַנט איר?

יאַרטשעווער רב: איך בין דער יאַרטשעווער רב, אָבער, רופט מיך פּשוט ר׳ יאָסל פון יאַרטשעוו. איך בין אַ מתנגד. אָבער כ׳האָב געהערט ווי מענטשן ריידן אַ סך פון פּשיסכער רבי, ר׳ שמחה בונם און פון פּשיסכער חסידות. מען האָט מיר געזאָגט, אַז עס קערן זיך דאָ ממש וועלטן. בין איך געקומען אַהער צו זען, מיט מײַנע אייגענע אויגן וואָס דאָ קומט פאָר און טאַקע אויך עפּעס צו לערנען, אָבער איך בין שוין דאָ אַ קימא לן פון פינף טעג און כ׳הויב ניט אָן צו וויסן וואָס איר ווילט אַזוינס? דעם רבין האָב איך ניט געזען, ווייל ער איז קראַנק. קענט איר מיר אפשר זאָגן וואָס עס איז אַזוינס פּשיסכער חסידות? וואָס טוט איר אַזוינס אויף? איך האָב שוין גערעדט מיט אַ סך חסידים און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן מיר דאָס געבן צו פאַרשטיין, זיי האָבן מיר עפּעס געזאָגט, אָבער עס קלעפּט זיך ניט. איך

הויב נישט אָן צו פאַרשטיין אַ וואָרט פון דעם וואָס זיי זאָגן. נו, האָב איך זיך נאָכגעפרעגט, ווער עס זיינען דאָ די סאַמע קאַרפּען־קעפּ, האָט מען מיר אָנגעוויזען אויף אייך. האָב איך ביי מיר אָפּגעמאַכט צו בעטן אייך, אַז איר זאָלט עס מיר געבן צו פאַרשטיין. איך ווייס גוט ווער איר זייט. איך קען אייך אַלע. איר זיינט ר׳ פּיוויש דאַנציקער, גריצער רב (גיט אים שלום עליכם.) כ׳ווייס, אַז איר זיינט אַ גדול בתורה; כ׳קען אויך אייך, ר׳ איטשע מאיר פון גער (גיט אים אויך שלום עליכם.) איר זיינט ר׳ משה חלפנס איי־דעם און כ׳ווייס אַז איר האָט אַ שאַרפן מוח. מען האָט מיר אפילו אַמאָל נאָכגעזאָגט אַ פּשטל פון אייך, איז עס מיר שטאַרק געפעלן. אויך אייך קען איך, ר׳ חנוך העניך הכהן פון אַלעקסאַנדער (גיט אים אויך שלום עליכם.) איך ווייס וועגן אייך, אַז איר זיינט אַ גרויסער צדיק. נו, אפשר וועט איר אַלע דריי מיר זאָגן וואָס עס איז אַזוינס דאָס פּשיסכער חסידות?

איטשע מאיר: יאַרטשעווער רב, און וואָס האָט איר אַזוינס געזען אין פּשיסכע דורך דער צייט וואָס איר זיינט דאָ?

יאַרטשעווער רב: כ׳האָב געזען אַ סך זאַכן, אָבער כ׳האָב מורא צו רעדן.

איטשע מאיר.: רעדט, רעדט, יאַרטשעווער רב האָט קיין מורא ניט! אין פּשיסכע האָט מען ליב דעם אמת!

יארטשעווער רב: (קווענקלנדיק זיך) נו, כ׳האָב געזען אַז איר זיינט פריילעכע מענטשן. מען טרינקט דאָ אַ סך יי״ש, כאָטש שיכור ווערט מען ניט און מען גייט דאָ אַרום כסדר און מען זינגט; כ׳ווייס שוין אויך אַז דאגהנען טאָר מען דאָ ניט און אַז טאָמער ברעכט זיך עמעצער די הענט פאַרזאָרגט, זאָגט מען אים גלייך אַז דאָס איז עצבות, און אַז עצבות איז ער־גער ווי דינען דער עבודה זרה.

גריצער רב: נו, איז דאָס אַלץ שלעכט?

יארטשעווער רב: חס ושלום! אָבער...

איטשע מאיר: אָבער וואָס?

יאַרטשעווער רב: (קווענקלט זיך) אָבער דאָס וואָס איר לאָזט איבער ווייב און קינדער אויף הפקר? דאָס וואָס איר דרייט זיך דאָ אַרום און מוח׳ט זיך זינגענדיק, בעת אייערע ווייבער און קינדער אין דער היים גייען אויס פון הונגער...

איטשע מאיר: (צעלאַכט זיך) אַזוי! זיי גייען נעבעך אויס פון הונגער! (סאַרקאַסטיש) נו, אויב אַזוי דאַרף מען טאַקע גלייך פאָרן אַ היים האקן האַלץ פאַר זיי.

העניך: און וואָס נאָך האָט איר געזען דאָ, וואָס עס טויג נישט?

יאַרטשעווער רב: וואָס נאָך? איך וויל אייך עפּעס פרעגן, ר׳ העניך. כ׳האָב געזען, אַז איר האָט אַרום זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט ערשט

אָנגעטאָן טלית און תפילין און זיך געשטעלט דאַוונען שחרית. נו, פרעג איך אייך, איז דאָס אַזוי ריכטיק? און וואָס איז מיט דעם דין וועגן זמן תפילה? מעג מען דאַוונען שחרית אַזוי שפּעט? און אַז איר דאַוועט שחרית פאַרנאַכט, ווען דאַוונט איר שוין מנחה? און ווען מעריב? זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, איז דאָס פּשיסכער חסידות?

מענדל טאָמאַשאָווער (קומט אַריין מיט גיכע טריט און מיט אַ שאַרפן בליק אין די אויגן).

איטשע-מאיר: (דערזעעט אים, צו אַלע) מענדל איז דאָ! (רופט אים) מענדל! מענדל!

גריצער רב: מענדל וועט אים ענטפערן.

העניך: טאַקע, זאָל מענדל אים ענטפערן!

מענדיל טאָמאַשאָווער: (קומט צו, קוקט אָן דעם יאַרטשעווער רב, בייזלעך) וואָס איז געשען?

איטשע מאיר: מיר טענהן זיך דאָ אויס מיט אַ מתנגד. ער איז דער יאַרטשעווער רב (ווייזט אויף אים) ער וויל וויסן וואָס פּשיסכער חסידות איז אַזוינס, דער עיקר וויל ער וויסן, פאַרוואָס מיר דאַוונען שפּעט שחרית. פאַר־וואָס מיר זיינען עובר אויף זמן תפילה? אפשר ווילסטו אים ענטפערן?

מענדל טאָמאַשאָווער: (וואַרפט בייזע בליקן אויף יאַרטשעווער רב): יאַרטשעווער רב, איר קענט דאַוונען?

יאַרטשעווער רב: (דערשראָקן) וואָס מיינט איר?

מענדל טאָמאַשאָווער: (מיט אַ געשריי) איך האָב דאָך אייך עפּעס געפרעגט? איר קענט דאַוונען?

יאַרטשעווער רב: (נערוועז) וועלכער ייד קען דאָס נישט דאַוונען?

מענדל טאָמאַשאָווער: אַזוי! (שטורמיש) און וועלכער ייד קען דאָס יאָ דאַוונען? וואָס הייסט ביי אייך דאַוונען? אויפמישן דעם סידור און זאָגן. אַבי געזאָגט, דאָס הייסט ביי אייך דאַוונען? (הויך) דאַוונען מיינט, אַז מען זאָל וויסן, אַז מען גייט זיך שטעלן פאַרן מלך מלכי המלכים; דאַוונען, הייסט, אַז דאָס האַרץ, דער קאָפּ און אַלע אברים זאָלן דאַוונען, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: „כל עצמותי תאמרנה ה׳ מי כמוך״. אַלע מיינע גלידער זאָלן רעדן צו גאָט. נו, צו אַזאַ דאַוונען דאַרף מען האָבן הכנות, מען קען נישט דאָס מאַכן אויפן שפּרונג! (שרייט אויס שטורמיש) ניין! מען קען נישט דאַוונען אויפן זייגער! (לויפט איבערן בית המדרש, קומט צוריק, כאַפּט אָן דעם יאַר־טשעווער רב ביי די לאַצן פון מאַנטל) איר ווייסט וואָס עס הייסט דאַוונען? ביים דאַוונען דאַרף מען האָבן דרייערליי אופנים פון אהבה. דריי וועגן פון ליבשאַפט: מען דאַרף האָבן אהבת המקום, אהבת ישראל און אהבת התורה. מען דאַרף האָבן אַ ליבשאַפט צו גאָט, וואָס זאָל ברענען אין אַלע ביינער; מען דאַרף האָבן אַ ליבשאַפט צו יידן, אַז מען זאָל זיין גרייט יעדע מינוט

זיך מקריב צו זיין פאַרן כלל ישראל און מען דאַרף האָבן אַ ליבשאַפט צו דער תורה, אַז עס זאָל ציען צו איר ווי אַ חתן צו אַ כלה. נו, יאַרטשעווער רב, זאָגט מיר, קען מען דאָס אַלץ טאָן אויפן זייגער? (טרייסלט אים ווי אַ לולב) איר הערט יאַרטשעווער רב, אין פשיסכע איז דאָ נשמה, אָבער ניט קיין זייגער. איר פאַרשטייט, מיר האָבן דאָ ניט קיין זייגער! (לאָזט אָפּ זיינע לאַצן.)

יאַרטשעווער רב: (נערוועז) כ׳האָב גאָרנישט געמיינט, ר׳ מענדל, כ׳האָב בלויז געפרעגט, כ׳האָב נאָר בלויז געפרעגט.

מענדל טאָמאַשאָווער: (לויפט הין און צוריק איבערן בית מדרש, שטעלט זיך אָפּ ביי אַ טיש, וואו עס זיצן און לערנען אַ גרופע יונגעלייט און רופט אויס): משה־מיכל ביאַלער! (ער הויבט זיך אויף) שמואל נאַשעלסקער! (ער הויבט זיך אויף) אליעזר־בער פון גראַבעוויץ! (הויבט זיך אויף) איר זעט דאָרט יענעם ייד, דעם מתנגד (ווייזט אָן אויפן יאַרטשעווער רב) ער איז דער יאַרטשעווער רב! ער וויל וויסן וואָס אַזוינס פשיסכער חסידות איז? גו, גייט אַהין צו אים, לערנט מיט אים פשיסכער חסידות.

(מענדל צוזאַמען מיט איטשע מאיר, העניך און דער גריצער רב גייען אָפּ אין אַן אַנדערווינקל וואו זיי שמועסן און לערנען).

משה מיכל ביאַלער: (צום יאַרטשעווער רב): ר׳ ייד, קודם כל דאַרפט איר שיקן נאָך אַ קווערטל בראָנפן.

אליעזר־בער פון גראַבעוויץ: אַ קוואָרט! בלויז? אַזוי וואָלוול? אַ מתנגד דאַרף געבן צוויי קוואָרט יי״ש.

שמואל נאַשעלסקער: איך וועל נישט נעמען ווייניקער ווי דריי! (צום יאַרטשעווער רב) יאַרטשעווער רב, גיט אַהער געלט!

יאַרטשעווער רב: וואָס פאַר אַ געלט?

שמואל נאַשעלסקער: פאַר יי״ש!

יאַרטשעווער רב: פאַר יי״ש? וואָס עפּעס אין מיטן דעריבען יי״ש? וואָס איז אויף אייך די שמחה?

שמואל נאַשעלסקער: די שמחה איז וואָס איר זיינט אין פשיסכע. ביי פשיסכער חסידים איז אַלע מאָל אַ שמחה! עס איז אַ שמחה וואָס מען קען דינען דעם רבונו של עולם. נו, גיט שוין אַהער די פאַר גראָשן.

יאַרטשעווער רב: איך וויל ניט טרינקען!

משה־מיכל ביאַלער: (צעלאַכט זיך) ער וויל נישט טרינקען! נו, חברה, איר ווייסט דאָך וואָס מען דאַרף טאָן.

שמואל נאַשעלסקער: יאַרטשעווער רב, איר גיט געלט, צי איר גיט נישט?

יאַרטשעווער רב: איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז איך וויל נישט טרינקען!

שמואל נאַשעלסקער: אַזוי! (קרימט אים נאָך) איר ווילט נישט טרינ־קען, אָבער מיר ווילן טרינקען! הערט ר׳ ייד, אַזוי ווי איר זיינט אַ רב ווילן מיר נוהג כבוד זיין מיט אייך. איר זאָלט וויסן, אַז פאַר אַזאַ זאַך קריגט מען ביי אונדז אַ משכנתא, איר פאַרשטייט? נו, מאַכט עס גיכער, נעמט אַרויס דאָס בייטעלע און דערלאַנגט די פאַר גראָשן אויף יי״ש!

יאַרטשעווער רב: וויפל מאָל האָב איך אייך שוין געזאָגט, אַז איך וויל נישט טרינקען.

משה־מיכל ביאַלער: (גיט אַ וואונק צו דער חברה), נו, וואָס שטייט איר? אַ משכנתא! (חברה כאַפּן דעם יאַרטשעווער רב, לייגן אים אויפן טיש, גרייט אים אַריינצוצימבלען אין הינטערשטן טייל).

יאַרטשעווער רב: (מיט אַ וויינענדיק קול) כ׳בין אַ ייד אַ חלוש, האָט רחמנות! הערט אויף! כ׳וועל אייך געבן! לאָזט מיך אַראָפּ! (מען נעמט אים אַרונטער פון טיש. יאַרטשעווער רב נעמט אַרויס דאָס בייטעלע און שלעפּט אַרויס פון דאָרט דריי גרויסע פוילישע צענערס) אָט האָט איר אַ גילדן, אַ גאַנצן גילדן!

שמואל נאַשעלסקער: וואָס ציילט ער דאָרט דער מתנגד? (רייסט אַרויס דאָס בייטעלע פון זיינע הענט, רופט) משה־מיכל!

משה־מיכל ביאַלער: וואָס איז?

שמואל נאַשעלסקער: אָט האָסטו דאָס בייטעלע מיט געלט, לויף און ברענג יי״ש פאַרן גאַנצן געלט! הערסט!

יאַרטשעווער רב: (פאַרזאָרגט) אָבער כ׳וועל דאָך ניט האָבן אויף הוצאות אַ היים.

שמואל נאַשעלסקער: דאָ זאָרגט מען זיך נאָר אויף הוצאות צו קומען צום רבין און נישט אויף צו פאָרן אַהיים.

(משה־מיכל קומט באַלד צוריק מיט פלעשלעך יי״ש; זיי גיסן אָן פולע גלעזער, טרינקען לחיים. דערנאָך נעמען זיי אַריין דעם יאַרטשעווער רב אין מיטן, טאַנצן און זינגען):

ידיד נפש, אב הרחמים
נפשי חולה אהבתך
אנא אל רפא נא לה
בהראות לה נועם זיוך.

(חברה שטעלט זיך אָפּ. יאַרטשעווער רב דרייט זיך גיך אַרויס פון אַלע און אַנטלויפט.)

מרדכי־יוסף: (לויפט אַריין אין בית המדרש מיט אַן אימפּעט) **דעם רבין איז ערגער געוואָרן. דער דאָקטאָר איז נאָר וואָס אַרויס. ער האָט געזאָגט, אַז דער רבי איז אַ חולה מסוכן.**

משה־מיכל ביאַלער: לאָמיר זאָגן תהלים. (נעמט אַ תהלים וואָס ליגט אויפן בעלעמער, הויבט אָן זאָגן) **אשרי האיש אשר...**

מענדל טאָמאַשאָווער: (שטורמיש) **וואָס בלעקעט ער דאָרטן? וואָס עפּעס פּאָר אַ תהלים פּלוצלונג?**

משה־מיכל ביאַלער: דער רבי איז זייער קראַנק.

מענדל טאָמאַשאָווער: (מיט כעס) **נו איז וואָס? דאַרפן מיר דערפאַר ווערן יידענעס? אפשר גייען אויפן בית עולם און רייסן קברים? צי האָט דוד המלך געמאַכט דעם תהלים פאַר אַ סגולה צו בויך־ווייטיק?**

מרדכי־יוסף: אָבער, מענדל, מען דאַרף דאָך בעטן צו גאָט פאַרן רבינס געזונט.

מענדל טאָמאַשאָווער: (סאַרקאַסטיש) **בעטן, שמעטן.** (שטורמיש) **מיינסטו טאַקע, אַז דער רבונו של עולם איז אַ יידענע? עפּעס ביי זיי איז אַלץ אַזוי פּשוט; ווערט עמעצער קראַנק, זאָגט מען אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהלים און פאַרטיק.**

מרדכי־יוסף: איך זע נישט קיין שום שלעכטס אין דעם! וואָס קען זיין שלעכט ווען יידן זיינען מתפלל?

מענדל טאָמאַשאָווער: (קאָכט זיך) **איך האָב פיינט אַזעלכע תפילות. איך האָב פיינט ווען מען דרייט גאָט אַ ספּאָדיק וועגן געזונט, וועגן פּרנסה, וועגן קינדער! צו גאָט דאַרף מען קומען מיט העכערע ענינים, מ'דאַרף בעטן צו אים, אַז מען זאָל פאַרשטיין זיינע וועגן, זיין גרויסקייט! אָט דאָס פאַרשטיי איך, אָבער נישט תפילות וועגן קאַרטאָפּליעס!** (שטורמיש) **מאַכט נישט פון בית מדרש שניידערישע שול; כ'האָב פיינט נאַרישע שטיק! זאָל יעדער איינער בעטן גאָט, פאַרן רבין, אויף זיין אופן.** (טאָן ענדערנדיק) **איך וועל לערנען אַ בלאַט גמרא!** (זעצט זיך אַוועק לערנען מיט אַ גמרא ניגון.)

תמרל: (אַנגעטאָן אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד, מיט אַ רויט זיידן טיכל אויפן קאָפּ, באַוויזט זיך ביי דער טיר. זי קוקט זיך אַרום) **גוט מאָרגן יידן, כ'האָב געהערט אַז דער רבי איז קראַנק, בין איך געקומען אַהער.**

בערל חסיד: (וועלכער האָלט אינמיטן צורעכט מאַכן דעם הענג־לייכטער, דערזעט זי) **; תמרל! וואָס מאַכט איר?** (גייט צו צו איר.)

גריצער רב: (דערזעט תמרלן, גייט אַוועק פון דער גרופּע, וואו ער, איטשע־מאיר און הענין האָבן געשמועסט, און גייט צו צו איר): **וואָס מאַכט איר תמרל?**

איטשע־מאיר און העניך (קומען אויך צוביידע): וואָס מאַכט איר תמרל?

תמרל: אַ דאַנק דעם אויבערשטן. אָבער כ׳האָב געהערט אַז דער רבי ר׳ בונם איז אַזוי שלאַף.

איטשע־מאיר: השם ירחם.

העניך: דער רבונו של עולם זאָל העלפן.

גריצער רב: וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער וועלט, תמרל?

תמרל: מיין מאַן און איך באַמיען זיך איצט אָפּצושאַפן די נייע גזירות. עס וועט קאָסטן אַן אוצר, אָבער עס איז כדאי! אויף צו ראַטעווען יידן פון אַ צרה איז אַלץ כדאי! אַ טייער פאָלק יידן! אַ טייער פאָלק!

איטשע־מאיר: דער רבונו של עולם זאָל גאָר שטאַרקן אייערע הענט. איר זיינט דאָך אַ צדקת.

תמרל: איך בין אַ פּשוטע יידענע. איך טו וואָס איך קען! איך האָב נאָך דאָ עפּעס צו טאָן! כ׳וועל אייך זען שפּעטער. (דרייט זיך אַוועק פון זיי.)

(איטשע־מאיר, העניך און גריצער רב גייען צוריק צום פריערדיקן פּלאַץ און שמועסן ווייטער אין לערנען).

משה־מיכל ביאַלער: (צו משה וואורקער) דו ועסט באַלד עפּעס זען! תמרל וועט זיך איצט פרעגן אויפן שוואַרצן יצחק. כ׳קען זיך וועטן דערויף.

משה וואורקער: (מיט אַ ווידערווילן) נו, און אַז זי וועט זיך פרעגן איז וואָס? עס איז חס ושלום ביי איר דערביי גישטאָ קיין שום שלעכטער געדאַנק.

תמרל: (צו בערל חסיד) וואו איז ר׳ יצחק וואורקער?

משה־מיכל ביאַלער: וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

משה וואורקער: שוייג, בעסער!

בעריל חסיד: (צו תמרלן) ער זיצט אין פּאַליש און לערנט, ער האָט מיך אָבער געבעטן אַז כ׳זאָל קיינעם צו אים נישט צולאָזן.

תמרל: (לאָזט זיך גיין צום פּאַליש.)

בערל חסיד: תמרל גייט נישט אַריין, עס פּאַסט נישט! אַן אשה!

תמרל: (שמייכלט) פאַר תמרלן פּאַסט אַלץ! תמרלן וועט קיינער נישט חושד זיין! (זי גייט אַריין אין פּאַליש.)

משה־מיכל ביאַלער: (צו משה וואורקער) זי איז אַריין צו אים אין פּאַליש.

משה וואורקער: (בייז) טאָ איז וואָס? דו ווייסט ווער תמרל איז? דו ווייסט וואָס פאַר אַ צדקת זי איז און וואָס זי טוט אַלץ פאַר יידן? ווייסטו, אַז נאָכדעם ווי די קאָזאַקן האָבן פאַרכאַפּט וואַרשע און אויסגעהרגעט אַזוי פיל יידן, האָט תמרל געפּועלט ביי איר שווער ר׳ שמואל זביטקאָווער, אַז

ער זאָל אָוועקשטעלן צוויי פּעסער מיט געלט: איינס מיט גאָלד־שטיקלעך און דאָס צווייטע מיט זילבער, אויף אויסצולייזן די יידן און ער האָט אזוי געטאָן. נאָך מער, ער האָט אויסגערופן, אַז ווער עס וועט אים ברענגען אַ לעבע־דיקן יידן, וועט קריגען אַ גאָלד־שטיקל, און פאַר אַ טויטן יידן — אַ זילבער־נעם טאָלער, און ווייסטו אויך, אַז ביידע פּעסלעך זיינען אויסגעליידיקט גע־וואָרן איבערן טאָג, און אַז אַזוי אַרום האָט זי אָפּגעראַטעוועט פיל יידן פון טויט און די אומגעקומענע יידן האָט מען געבראַכט צו קבר ישראל. אָט דאָס האָט תמרל געטאָן! און נאָך וואָס מיינסטו קומט זי איצט צו ר׳ יצחק וואורקער? — אַלץ וועגן העלפן יידן! תמרל איז באַוואוסט מיט איר ליב־שאַפט צו יידן.

משה־מיכל ביאַלער: (סאַקאַסטיש) דערוויייל ווייס איך נאָר פון איר ליבשאַפט צו איין יידן.

משה וואורקער: (לויפט צו און לאָזט אים אַראָפּ אַ פּאַטש) שייגעץ! עזות־פּנים! ווי אַזוי האָסטו די העזה אַזוי צו רעדן! דרך ארץ פאַר ר׳ יצחק וואורקער! דרך ארץ פאַר תמרל!

(יצחק וואורקער און תמרל קומען אַרויס פון פּאַליש.)

משה וואורקער: (רופט) יצחק וואורקער, תמרל, קומט אַהער! לאָמיר טרינקען אַ גלעזעלע משקה!

(יצחק וואורקער און תמרל גייען צו און טרינקען לחיים. אַלע חסי־דים זינגען צוזאַמען. „וואו וואוינט דער אייבערשטער״.)

מרדכי־יוסף: (שרייט אויס הויך) שווייגט! ס׳איז אַ חרפּה, כ׳לעבן, דער רבי איז אַזוי קראַנק און דאָ זינגט מען גאָר!

מענדל טאָמאַשאָווער: (שטורמיש) וואָס ווילסטו פון זיי? זאָלן זיי זינגען! מען קען פּועלן ביים רבונו של עולם דורך זינגען מער ווי דורך טרערן!

(דאָס געזאַנג ווערט איבערגעריסן. די יונגעלייט זעצן זיך צוריק אַוועק ביי די טישן און לערנען. תמרל און יצחק וואורקער גייען אַוועק אין אַ זייט, פאַרטיפט אין אַ שמועס.)

תמרל: ר׳ יצחק, כ׳וויל איר זאָלט זיין ביי מיר אין הויז. כ׳וועל פאַר אייך אָוועקשטעלן צוויי פּעסלעך מיט גאָלד־שטיקלעך און איר טוט מיט זיי וואָס איר ווילט, טיילט זיי אויס צו תלמידי חכמים, צו סתם יידן, צו יעדן איינעם וואָס איז אין אַ עת צרה. איר וועט מיר נישט דאַרפן אָפּגעבן קיין שום דין וחשבון. כ׳ווייס, אַז גאָט האָט מיר נישט געגעבן קיין פאַרמעגן צו פאַרשאַפן דערמיט פאַרגעניגען בלויז זיך אַליין, וואָרום פאַרוואָס קומט עס מיר? ווער בין איך דאָס, אַז גאָט זאָל מיר געבן אַזוי פיל געלט? — ניין, כ׳בין נאָר אַ שליח, אַ שומר פונעם געלט, מער נישט. גאָט האָט מיר גע־

געבן, כ׳זאָל קענען געבן אַנדערע. נישט אַזוי ר׳ יצחק? נו, ווער ווייס נאָך בעסער וואָס צו טאָן מיטן געלט, ווי איר.

יצחק וואורקער: אָבער איך קען נישט אָוועקפאָרן פון דאַנען.

תמרל: פאַרוואָס?

יצחק וואורקער: ווייל עס איז דאָ קיינער נישטאָ צו העלפן אַ יידן. דער רבי איז קראַנק און עס קומען אַהער יידן און האָבן נישט צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. עס קומט, למשל, אַ ייד וואָס דאַרף פּרנסה, און וויל, אַז מען זאָל פאַר אים בעטן צום רבונו של עולם; אָדער עס קומט אַ ייד וואָס דאָס ווייב איז ביי אים קראַנק, רחמנא לצלן; צי אַ קינד, חלילה, איז קראַנק, און דער ייד וויל אַז מען זאָל דערפאַר תפילה טאָן; אָדער עס קומט אַ ייד וואָס האָט נישט קיין קינדער, און וויל מען זאָל בעטן פאַר אים, אַז ער זאָל האָבן אַ בן זכר; צי עס קומט איינער וואָס עס האַלט זיך ביי אים נישט קיין קינדער; צי עמעצער דאַרף אַן עצה אין געשעפטס־זאַכן; צי עס קומט אַ ייד וואָס מען האָט אים געמסרט, און ער האָט מורא ער זאָל נישט דאַרפן גיין אין געפאַנגעניש, די אַלע יידן בלאָנקען זיך דאָ אַרום און עס איז נישטאָ קיינער וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט זיי.

תמרל: און וואָס איז מיט איטשע־מאירן, מיט מענדל טאָמאַשאָווער, מיטן גריצער רב, אָדער מיט יוסף־מרדכי איזשביצער. זיי זיינען דאָך אַלע יונגעלייט מיט שאַרפע קעפּ?

יצחק וואורקער: אָט דאָס איז דאָך די צרה! זיי האָבן טאַקע שאַרפע קעפּ, אָבער די קעפּ זיינען פאַרטאָן אין עולמות עליונים, און אָן דעם פּראָסטן יידן פאַרגעסט מען. אָט זעט, אָט איז מענדל טאָמאַשאָווער, ער איז פייער און פלאַם. אַזוי איז אויך איטשע־מאיר, אַן עלוישער קאָפּ, אַזוי אויך מרדכי־יוסף פון איזשביצע און אַזוי אַלע. שטייען זיי אָפּ גאַנצע טעג און שמועסן אין לערנען אָדער אין חסידות; מען שוועבט אין די עולמות העליונים און אַז עס קומט אַ ייד און דאַרף עפּעס, האָט ער זיך נישט צו וועמען צו ווענדן.

תמרל: טאָ, וואָס קענט איר דאָ העלפן?

יצחק וואורקער: העלפן קען איך קיין סך נישט. אָבער מקרב זיין אַ יידן קען איך יאָ. איך קען אים אויסהערן, זאָגן אים אַ פאָר גוטע ווערטער. אַמאָל מתפלל זיין פאַר אים, אָדער געבן אים אַן עצה. עס ווערט אים דערפון גרינגער אויפן האַרצן, און דער עיקר — ווען ער פאָרט אַהיים, ווייס ער אַז ער איז נישט געפאָרן צום רבין אומזיסט.

תמרל: און וואָס איז וועגן כלל ישראל, ר׳ יצחק? עס זיינען דאָך איצט דאָ אַזוי פיל גזירות אויף יידן?

יצחק וואורקער: געוויס, תמרל. אָבער יעדער ייד איז חשוב ביי גאָט. יעדער איד איז אַ גאַנצע וועלט, יעדער ייד איז בבחינת משיח. יעדער ייד

קען אויסלייזן די וועלט. איך האָב ליב יידן, תמרל. איך קען אויסקושן יעדן ייד, וואָס פאַר אַ טייער פאָלק יידן זיינען!

תמרל: (נעמט אַרויס אַ זעקל מיט געלט) אויב אַזוי וועל איך צעטיילן אַביסל געלט צווישן די תלמידי חכמים, איידער איך פאָר אַהיים. (זי גייט אַרום מיטן זעקל געלט, נעמט אַרויס גאָלד־שטיקלעך און צעטיילט זיי צווישן די יונגעלייט. גייט צו צום גריצער רב און גיט אים עטלעכע גאָלד־שטיקלעך.) גריצער רב, כ׳וויל געבן אויך עטלעכע גאָלד־שטיקלעך מענד־לען, אָבער כ׳האָב מורא פאַר אים. ווילט איר אים אפשר זאָגן, אַז ער זאָל צוקומען צו מיר?

גריצער רב: (שרייט אויס הויך) מענדל, מענדל!

מענדל טאָמאַשאָווער: וואָס שרייסטו אַזוי?

גריצער רב: תמרל וויל דיר געבן עטלעכע גאָלד־שטיקלעך. קום אַהער!

מענדל טאָמאַשאָווער: (מיט כעס) וואָס, געלט?! (גיט אַ קלאַפּ אין טיש) איך אַנטלויף פון געלט און עס יאָגט מיר נאָך! אַפילו אַהער אין בית המדרש אַריין אויך! (שרייט הויך) פּיוול! וואָס ווילסטו פון מיר? איך בין אַנטלאָפן אַהער זיך ראַטעווען! איך וויל דינען גאָט בשלימות! איך וויל מיר דערהויבן צו די שערי שמים, און דו ווילסט מיך גאַר אַראָפּשלעפּן צום תהום, צום שאול תחתיה, צום מקור הטומאה! געלט! (שפּייט אויס) פּיוול, זאָג איר, אַז איך וויל נישט קיין געלט! זאָג איר אַז דאָס איז אַ שפּיצל פון שטן! זאָג איר פּיוול, אַז זי זאָל נישט קומען נאָענט צו מיר! אַז זי זאָל גיין צום טייוול מיט איר געלט!

תמרל: (צעוויינט זיך אויפן קול און לויפט אַרויס פון בית המדרש שרייענדיק) וואָס וויל ער פון מיר?

יצחק וואורקער און **גריצער רב** (לויפן איר נאָך, רופן): **תמרל! תמרל!** (אָפּ.)

אליעזר פּולטיסקער און **יסכה** (קומען אַריין, זיי שטייען ביי דער טיר פון בית המדרש און קוקן זיך אַרום).

בערל חסיד: (דערזעט אליעזר פּולטיסקער און לויפט צו אים צו): שלום עליכם ר׳ אליעזר פּולטיסקער.

אליעזר פּולטיסקער: שלום עליכם, בערל!

בערל חסיד: און ווער איז זי, ציִ ער?

אליעזר פּולטיסקער: דאָס איז דאָך מיין טאָכטער, מיין כלה־מיידל, יסכה.

בערל חסיד: אין מאַנצבילשע קליידער?

אליעזר פּולטיסקער: דו ווייסט נישט, זי שמ׳ט איבער גאַנץ פּוילן? זי האָט דאָך אַן עלוישן קאָפּ. זי קען דאָך 60 בלאַט גמרא פון אויסנווייניק!

בערל חסיד: אַבער אַ נקבה אין מענערשע קליידער?

אליעזר פּולטיסקער: ווען עס איז נישט אויף צו טאָן שלעכטס, איז עס נישט קיין עבירה. מיט איר איז געשען אַ טעות. זי האָט געדאַרפט גע־בוירן ווערן אַ יינגל. לומדים שמועסן דאָך מיט איר אין לערנען.

בערל חסיד: דו האָסט מיט איר געלערנט גמרא?

אליעזר פּולטיסקער: ווייס איך וואָס? ווער געלערנט, וואָס געלערנט, זי האָט מיך געהערט לערנען מיט מיין בחורל, מיט מיין דודל, האָט זי עס אויפגעכאַפּט. זעט איר, מיין בחורל איז גראָד נישט קיין עלוי! אָבער זי האָט אַ פּייערדיקן קאָפּ. איך קום אַמאָל אַהיים פון געשעפט און טרעף זי זיצן איבער אַ גמרא, זאָג איך צו איר: יסכה, וואָס מאַכסטו חוזק פון דער גמרא. זאָגט זי צו מיר, איך לערן טאַטע, און אויב דו גלויבסט מיר נישט, פאַרהער מיך. ווער איך נשתומם און אויף טשעקאָוועסט איר פאַר־הערט. נו, האָט זי מיר אָפּגעזאָגט צווי בלאַט גמרא מיט רש״י און מיט תוספות. האָב איך אָפּגעמאַכט ביי זיך צו ברענגען זי אַהער, אָבער כ׳האָב נישט געוואָלט ברענגען אַ מיידל אין בית המדרש אַריין, האָב איך איר געהייסן אָנטאָן זיך ווי אַ יינגל. אגב, אַזוי האָט מיר אויך געראָטן ר׳ איטשע־מאיר, אין אַ בריוו וואָס ער האָט צו מיר געשיקט.

בערל חסיד: אַזוי גאָר! אַזוי איז די מעשה, נו, האָב איך דאָך פאַר דיר גאָר אַ וואַזשנעם שידוך.

אליעזר פּולטיסקער: דהיינו?

בערל חסיד: מיט ר׳ העניכס זין. ער האָט ערשט נעכטן מיט מיר גערעדט אַז ער זוכט אַ שידוך פאַר זיין יחיאל־פישל.

אליעזר פּולטיסקער: דו קענסט דעם בחור?

בערל חסיד: אַ שאלה? א טייערע פּרי. אַ גוטער קאָפּ און דער עיקר אַ ירא שמים. ער געפינט זיך דאָ. אָבער גיב אַ רייד פריער מיט ר׳ העניכן.

אליעזר פּולטיסקער: אוודאי, אוודאי. וואו איז העניך?

בערל חסיד: (רופט) ר׳ העניך! ר׳ העניך! קומט נאָר אַהער. (העניך קומט צו.)

בערל חסיד: ר׳ העניך, איר דערקענט אים? דאָס איז דאָך ר׳ אליעזר פּולטיסקער!

העניך: אָ! שלום עליכם, אליעזר! וואָס מאַכסטו?

אליעזר פּולטיסקער: געלויבט השם יתברך. כ׳האָב געהערט, אַז דער רבי איז אַזוי קראַנק, בין איך געקומען צופאָרן.

העניך: השם יתברך וועט העלפן.

בערל חסיד: (צו העניך) איר זעט וועמען ער האָט דאָ מיטגעבראַכט? זיין טאָכטער יסכה. מען זאָגט אַז זי איז אַן עלוי. זי קען 60 בלאַט גמרא פון אויסנווייניק.

העניך: (כאַפּט זיך ביים קאָפּ) 60 בלאַט פון אויסנווייניק?!

אליעזר פּולטיסקער: און מיט רש״י און תוספות. מען קען זי פאַר־הערן.

העניך: פּלאי פּלאים!

בערל חסיד: ווייסט איר, וואָס כ׳האָב געטראַכט, ר׳ העניך? אפשר אַ כלה פאַר אייער זון יחיאל־פישל.

העניך: (טראַכט אַ ווייל) אפשר!

בערל חסיד (צו העניכן) רופט צו אייער זון און זאָל ער שמועסן מיט איר אין לערנען.

העניך: עס איז ניט קיין שלעכטער געדאַנק (רופט:) יחיאל־פישל!

יחיאל־פישל: וואָס, טאַטע! (קומט צו נענטער.)

העניך (צו יחיאל־פישל): דאָס איז ר׳ אליעזר פּולטיסקער. פון אונ־דזערע אַלטע אנשי שלומינו! ר׳ אליעזר האָט מיטגעבראַכט זיינע אַ טאָכטער, אַ מיידל וואָס איז אַן עלוי; זי קען 60 בלאַט גמרא פון אויסנווייניק.

יחיאל־פישל: (פאַרוואונדערט) זעכציק בלאַט גמרא פון אויסנווייניק? דאָס איז דאָך מער וויפיל איך קען.

העניך: אַזוי זאָגט ר׳ אליעזר. נו, גייען מיר זי פאַרהערן. ווילסט אפשר מיטגיין? מיר גייען אַריין אין פּאַליש.

יחיאל־פישל: יאָ, אדרבה.

(אלעזר, יסכה, העניך און יחיאל־פישל אָפּ אין פּאַליש.)

יצחק וואורקער: (צום גריצער רב אַריינקומענדיק צוריק אין בית־המדרש): דו וועסט דאָס אים זאָגן!

גריצער רב: ניין, דו, דו זאָג עס אים!

יצחק וואורקער: נו, גוט, איך וועל עס אים זאָגן. (גייט צו צו מענדלען, וועלכער איז פאַרטיפט אין לערנען). מענדל, עס וואונדערט מיך אויף דיר, פאַרוואָס ביזטו גראָב פאַרגעקומען תמרלען? אַזאַ צדיקת! זי קומט אַהער צו העלפן תלמידי חכמים און געבן זיי עפּעס געלט, דאַרף מען זי דערפאַר נישט מבייש זיין! זי האָט אַזש געוויינט!

מענדל טאָמאַשאָווער: (סאַרקאַסטיש) אַזוי?... טאַקע!... זי האָט אַזש געוויינט! פּש... פּש... פּש... אַזש געוויינט? טאַקע!

יצחק וואורקער: וואָס מאַכסטו חוזק? איך פרעג דיך פאַרוואָס קומט עס איר? זי איז דאָך אַזאַ צדיקת!

מענדל טאָמאַשאָווער: זאָל זי בעסער נישט קומען אַהער און נישט טיילן קיין געלט!

יצחק וואורקער: אַזוי?! פאַרוואָס נישט? העלפט זי דען נישט דער־מיט די יונגעלייט וואָס זיצן דאָ און לערנען? עס שטייט דאָך: „אם אין קמח אין תורה״.

מענדל טאַמאַשאָווער: עס שטייט דאָך אָבער נישט, אַז קמח איז מער ווי תורה! איך קען נישט פאַרטראָגן, ווי זי קומט אין בית המדרש אַריין מיטן זאַק געלט, און דרייט זיך דאָ אַרום צווישן די יונגעלייט, מעשה גבירטע, און טיילט אַלעמען צדקה! (שרייט אויס הויך) דו פאַרשטייסט מיך נישט, יצחק! זי מאַכט אונדז אַלע פאַר שנאָרערס!

יצחק וואורקער: אָבער מען דאַרף דאָך העלפן די יונגעלייט וואָס זיצן און לערנען?

מענדל: זי האָט דאָס געקענט טאָן אין דער שטיל! נישט אַרומגיין מיטן זעקל און טיילן! גענוג וואָס די יונגעלייט דאַרפן אָנקומען צו דער גבירטע, אָבער זי דאַרף זיך דאָך נישט זיך אויסשטעלן דערמיט!

יצחק וואורקער: (אָפּ אין פּאַליש.)

(אליעזר פולטיסקער, יסכה, העניך און יחיאל־פישל קומען צוריק פון פּאַליש.)

יחיאל־פישל: (צו אליעזרן) אַזאַ קאָפּ! אַן אמתער עלוישער קאָפּ! ממש נתפעל צו ווערן!

בערל חסיד: נו, וואָס זאָגט איר איצט, ר׳ העניך?

העניך: איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז איך בין וויליק זיך משדך צו זיין, ווער שמועסט נאָך, אַז דער זיווג איז געקומען גלייך אין בית המדרש אַריין.

אליעזר פולטיסקער: אַלזאָ, לאָמיר מאַכן אַ וואָרט. (דערלאַנגט העניכן די האַנט) מזל טוב מחותן, אין אַ גוטער שעה!

העניך: אין אַ מזלדיקער שעה!

אליעזר פולטיסקער: (צו יחיאל־פישל) נו, מזל טוב חתן! איך שיק נאָך משקה. (רופט אויס הויך) חברה, ווינטשט מיר מזל טוב! כ׳האָב זיך משדך געווען מיט העניכן. ברענגט אַריין בראַנפן מיט לעקעך, וויפיל נאַר איר ווילט אַליין! אַלץ על חשבון הגביר.

(מען טרינקט בראַנפן, מען פאַרבייסט מיט לעקעך. מען ווינטשט מזל טוב די מחותנים און חתן־כלה. די יונגעלייט זינגען און גייען אין אַ טאַנץ. מען נעמט אַריין אינמיטן יסכהן, וועלכע זינגט זייער שיין.)

מענדל טאַמאַשאָווער: (שפרינגט אויף) וואָס איז דאָ ווייטער? וואָס טוט זיך דאָ? מען קען שוין ביים רבין אין בית המדרש אויך נישט זיין? קול באשה. ווער איז די חצופה וואָס זינגט? שוין ווידער אַן אשה אין בית המדרש־?

אליעזר פולטיסקער: קאָך זיך נישט מענדל, עס איז מיין טאָכטער, יסכה. זי איז געוואָרן אַ כלה מיט העניכס זון. אָבער זי איז נישט גלאַט אַ מיידל. זי איז אַן עלוי. זי קען גוט לערנען! זי קען 60 בלאַט גמרא פון אויסנווייניק.

מענדל טאָמאַשאָווער: שוין אַ נייער איינפאַל פון שטן! פריער איז געווען אַ צדיקת, און איצט איז אַ למדנטע מיט 60 בלאַט גמרא פון אויסנ־ווייניק! און אַז 60 בלאַט גמרא פון אויסנווייניק איז וואָס? און אַז אַפילו 100, און אַז גאַנץ ש״ס? אַן אשה בלייבט אַן אשה! (שרייט) ווייסטו ניט, אליעזר, אַז מיר אַלע דאָ זיינען אַנטלאָפן פון אונדזערע ווייבער? פאַרוואָס? ווייל אַ ווייב שלעפּט אַראָפּ, אַראָפּ! ווייל די אשה איז דאָס שטאַרקסטע געווער פון שטן. זי לאָזט נישט דערהויבן זיך! און הויבט מען זיך אויף, רייסט זי באַלד אַרונטער, ווייל איר וועג איז דער וועג צום תהום. ווייסטו נישט, אליעזר, אַז ווען די יידן זיינען געגאַנגען מקבל זיין די תורה, האָט מען זיי געזאָגט, אַז זיי מוזן זיך אָפּטיילן פון זייערע ווייבער? פאַרוואָס האָט עס דער רבונו של עולם אַזוי געוואָלט? — ווייל אויב מען וויל אויף זיך נעמען דעם עול תורה, מוז מען זיך אָפּטיילן פון דער אשה. פּורש זיין זיך פון איר. פאַרשטייסט?

יסכה: (צעוויינט זיך) פאַרוואָס האָסטו מיך גאָט געשאַפן מיט אַ קאָפּ פון אַ מאַן, אין געשטאַלט פון אַ פרוי? (זי לויפט אַרויס.)

יחיאל־פישל: (לויפט איר נאָך) יסכה, יסכה!

1טער חסיד: (לויפט אַריין מיט אַן אימפּעט) דער רבי איז גוסס. דער דאָקטאָר איז נאַרוואָס אַוועק און האָט געזאָגט, אַז ער קען גאָרנישט מער טאָן. מען דאַרף בעטן צו גאָט. יידן, וואָס זיצט איר שטיל? (אָפּ)

2טער חסיד: (קומט אַריין מיט אַ שטורעם) די גאַנצע שטאָט לויפט אין שול אַריין מתפּלל זיין פאַרן רבין. אין שטאָטישן בית המדרש האָט מען אָנגעצונדן ליכט אין אַלע הענג־לייכטער. אין די חדרים האָט מען צעלאָזט די קינדער און זיי געשיקט אין שול אַריין, זאָגן תהלים. (אָפּ)

3טער חסיד (קומט אַריין פאַרצווייפלט) ר׳ אברהם־משהלע, דער איינ־ציקער זון פון רבין, איז אַלץ איינגעשפּאַרט. ער וויל ניט גיין זען זיין טאַטן. ער זיצט אַלץ אין זיין חדר און גייט נישט אַרויס. דער רבי האָט שוין צוויי מאָל געשיקט נאָך אים. אָבער ער וויל נישט קומען צו אים. (אָפּ)

4טער חסיד (קומט אַריין אויפגערעגט) מען ווייסט שוין פאַרוואָס אברהם־משהלע וויל נישט קומען צום רבין. ער האָט עס געזאָגט צו אַ מקורב: „איך ווייס פאַרוואָס דער טאַטע וויל איך זאָל קומען צו אים. ער וויל מיר איבערגעבן זיינע מדרגות. אָבער איך וויל נישט, ער זאָל זיי מיר איבערגעבן. איך וויל אַז מיין טאַטע זאָל לעבן! איך וויל בעסער האָבן אַ טאַטן ווי מדרגות״. (אָפּ)

1טער חסיד: (קומט אַריין מיט אַ געוויין) דער רבי איז נאַרוואָס נסתלק געוואָרן!

שטימען: ברוך דיין אמת!

1טער חסיד: ער האָט פאַרן טויט געזאָגט צו די אַרומיקע: „מען האָט ביי מיר איצט צוגענומען דאָס ליכט פון די אויגן, דערפאַר האָט מען מיר

געגעבן דאָס ליכט פון אור הגנוז! עס איז איצט אַזוי ליכטיק ווי זיבן זונען וואָלטן געשיינט מיט אַמאָל! זאָגט מיט מיר „שמע ישראל ה׳ אלוקינו, ה׳ אחד״, מען האָט מיט אים געזאָגט, און מיט „אחד״ האָט ער זיין נשמה אויס־געהויכט.

(אַלע בלייבן זיצן פאַרשטומט, אַ דריקנדיקע שטימונג.)

מענדל טאָמאַשאָווער: איך פאָר אַהיים!

איטשע־מאיר: מענדל! וואָס הייסט דו פאָרסט אַהיים? דו וועסט נישט זיין ביים רבינס לוויה?

מענדל טאָמאַשאָווער: ניין! איך בין געקומען אַהער צו אַ לעבעדיקן רבין. איצט ווען מיין רבי איז טויט האָב איך דאָ גאָרנישט וואָס צו טאָן.

איטשע־מאיר: (אויפגערעגט) מענדל בלייב! מיר זיינען געבליבן כצאן בלי רועה! מען דאַרף טראַכטן וועגן אַ ממלא מקומו. אַלע ווילן אַז דו זאָלסט עס זיין! זיי ווילן אָבער אויך, אַז דו זאָלסט דיך נישט דערווייטערן פון יידן; אַז דו זאָלסט נישט אַוועקגיין צופיל אין די עולמות העליונים. נאָר דו זאָלסט זען דעם צער פון די יידן אין גלות. מיר ווילן אַז דו זאָלסט גיין אין מיטן וועג.

מענדל טאָמאַשאָווער: אין מיטן וועג גייען פערד; מענטשן גייען ביי די זייטן.

העניך: מענדל בלייב! דו טאָרסט אונדז נישט פאַרלאָזן!

מענדל טאָמאַשאָווער: צו וואָס דאַרפט איר מיך? וואָס איר ווילט איז, אַז איך זאָל ווערן אַ „זנאָכער״, אַ פערד־הענדלער און אַ פּרנסה־געבער! אַז איך זאָל גאַנצע טעג פאַרנעמען זיך נאָר מיט די נאַרישע השגות פון קליינע מענטשעלעך! דערפאַר וועט איר מיך רופן „רבי״. נו, אַ גליק האָט מיך געטראָפן, צו זיין אַ רבי פון נאַראָנים.

מרדכי־יוסף: מענדל, מיר ווילן אַז דו זאָלסט בלייבן. מיר דאַרפן דיך, אַז דו זאָלסט זיין אונדזער מדריך אין חסידות, זאָלסט זיין צו אונדז אַ וועג־ווייזער ווי אַזוי צו דינען דעם רבונו של עולם.

מענדל טאָמאַשאָווער: מיר ווילן? וויפיל זייט איר? שוחט, שעכט מיר די הינער! וויפיל הינער? — איינע. איך פאָר אַהיים. (גייט אָפּ)

גריצער רב: נו, אויב מענדל איז אַוועקגעפאָרן, מוז מען טראַכטן פון אברהם־משהלען. איך האָב שוין מיט אים גערעדט. ער וויל דערווייל דער־פון נישט הערן, דאַרף מען נאָך אַמאָל מיט אים רעדן.

1טער חסיד: (קומט אַריין צוטומלט) אברהם־משהלע האָט זיך פאַר־שלאָסן און וויל נישט אַרויסקומען. ער זאָגט ער וועט נישט גיין צו דער לוויה. (אָפּ)

2טער חסיד: (קומט אַריין) מען האָט געפּרואווט רעדן מיט אברהם־משהלען און אים געזאָגט, אַז ער מוז ווערן ממלא מקומו, אָבער ער האָט גע־

זאָגט, אַז ער וויל עס נישט בשום אופן. דערפאַר וויל ער אויך נישט גיין צו דער לוויה. ער האָט מורא, אַז מען וועט אים דאָרטן, ביים אָפענעם קבר, אויסרופן פאַר רבי.

3טער חסיד: (קומט אַריין) מען האָט געעפנט די צוואה פון רבין. ער שרייבט, אַז באַלד נאָך דער פטירה, זאָל זיין די לוויה, ווייל ער וויל ניט לאַנג זיין קיין מת. ער וויל גלייך קומען אויפן עולם האמת. מען איז אים שוין מטהר. (אָפּ)

4טער חסיד: (קומט אַריין) חסידים האָבן ניט געוואָלט צולאָזן די חברה קדישא. אָבער די חברה קדישא־לייט האָבן געטענהט, אַז דאָס איז זייער גרעסטע מצווה, און זיי וועלן זי ניט אָוועקגעבן צו אַן אַנדערן. האָט מען אַריינגעשיקט אַ צעטעלע צו אברהם־משהלען און ער האָט געענטפערט, אַז זיי זיינען גערעכט.

(עס פאַרמירן זיך איצט קופּקעלעך חסידים וואָס שטייען און שמועסן.)

ערשטע קופּקעלע

מרדכי־יוסף: טאָ וואָס וועט זיין, ווער וועט זיין רבי?

איטשע־מאיר: זאָרג זיך נישט, מרדכי־יוסף, מענדל וועט זיין רבי!

מרדכי־יוסף: מענדל? ער איז דאָך אַנטלאָפן!

איטשע־מאיר: ער איז נישט אַנטלאָפן. ער וועט קומען צוריק. ער וועט נישט זיין אַן אונדז! כ׳גלויב גאָרנישט, אַז ער איז געפאָרן אַ היים קיין טאָמאַשאָוו. ער איז מסתמא אויף זיין אכסניה.

מרדכי־יוסף: טאָ, לאָמיר גיין צו אים, לאָמיר אים רופן אַהער און אים זאָגן, אַז ער מוז זיין רבי!

איטשע־מאיר: לאָמיר וואַרטן ביז ער וועט אַליין קומען אַהער.

גריצער רב: איטשע־מאיר איז גערעכט.

העניך: מען מוז האָבן געדולד! מענדל וועט אונדז נישט פאַרלאָזן.

(עס קומען אַריין ערשטער, צווייטער, דריטער און פערטער חסיד, זיי גרופּירן זיך אין אַ)

צווייטע קופּקעלע

1טער חסיד: מען מוז פאַרלאַנגען פון אברהם־משהלען, אַז ער זאָל זיין רבי.

2טער חסיד: אַז ער האָט געזאָגט בפירוש, אַז ער וויל נישט. אפשר מאַכן יצחק וואורקער פאַר אַ רבי. ער איז אַ גרויסער צדיק.

3טער חסיד: פאַרוואָס נישט דעם גריצער רב? ער איז אויך אַ גרויסער צדיק און אַ גדול בתורה אויך.

4טער חסיד: פאַרוואָס נישט איטשע־מאירן?

(ערשטער, צווייטער, דריטער און פערטער חסיד אָפּ.)

דריטע קופּקעלע

משה־מיכל: עס קען נישט זיין קיין אַנדערער ווי מענדל!

אליעזר פּאָליטיקער: מענדל איז ווי די זון. קען מען דען שטענדיק שטיין מיטן פּנים צו דער זון?

שמואל נאַשעלסקער: בעסער מיטן פּנים צו דער זון ווי אברהם־משהס קאַלטקייט. איך האָב ביי אים נישט וואָס צו לערנען.

משה וואָרקער: ר׳ יצחק וואָרקער איז אַ צדיק יסוד עולם און דערצו גוט צו מענטשן.

אליעזר־בער: איך דאַרף נישט אַזאַ רבי! איך דאַרף נישט קיין רבין פאַר פּרנסה!

שמש פון פּשיסכער רבין: (עפנט טיר פון בית מדרש, שרייט אויס:) באַלד וועט זיין די לוויה! (אָפּ)

(יסכה קומט אַריין שמועסנדיק מיט תמרלן.ביידע מיט פאַרוויינטע אויגן.)

יסכה: איך וויל גיין צו דער לוויה מיט מיין חתן, צווישן די מענער, זאָגן זיי מיר, אַז כ׳זאָל גיין צווישן די ווייבער... אַפילו מיין חתן זאָגט מיר, אַז כ׳זאָל נישט גיין לעבן אים, ווייל כ׳בין אַן אשה, אָבער אַזוי, ביז איצט ווייס ער גאָרנישט צי איך בין אַן אשה. ער האַלט מיך פאַר אַ ייִנגל און וויל נאָר שמועסן מיט מיר אין לערנען. אָבער איך בין שוין מיד פון דעם. איך בענק נאָך ליבשאַפט, תמרל! (וויינט)

תמרל: (גלעט איר איבערן קאָפּ) באַרואיק דיך, מיין קינד. קום מיט מיר! כ׳וויל מיט דיר עפּעס רעדן. (ביידע אָפּ)

(עס קומען אַריין ערשטער, צווייטער, דריטער און פערטער חסיד.)

1טער חסיד: אברהם־משהלע וויל בשום אופן נישט גיין צו דער לוויה. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין צימער און איז דאָרטן די גאַנצע צייט. ער וויל נישט ווערן רבי!

2טער חסיד: טאָ, וואָס וועט איצט זיין?

3טער חסיד: קיינער וויל נישט זיין קיין רבי.

4טער חסיד: מיר מוזן גיין צו אברהם־משהלע און אים מאַכן פאַר רבי מיט גוואַלד, צי ער וויל דאָס, צי נישט. אַן עדה יידן קען נישט בלייבן אויף הפקר.

דאָרפס־ייִד: (קומט אַריין, צום ערשטן חסיד) **דער פריץ וויל מיר אַרויסוואַרפן פון דער אַרענדע. ער וויל מער געלט. אָבער איך קען נישט באַצאָלן אַזאַ פּרייז. וואָס זאָל איך טאָן?**

1טער חסיד: **פאַרדרייט מיר נישט דעם קאָפּ מיט אייער פריץ.**

דאָרפס־ייִד: (גייט צו פּאַמעלעך צום צווייטן חסיד) **אפשר קענט איר מיר העלפן? וואָס זאָל איך טאָן קעגן פריץ, דעם אכזר, וואָס...**

2טער חסיד: **וואָס דרייט איר מיר אַ קאָפּ וועגן פריץ? לאָזט מיך צורו.**

דאָרפס־ייִד (גייט שוין צו פאַרזיכטיק צום דריטן און פערטן חסיד, וועלכע שמועסן צוזאַמען) **אפשר ווייסט איר וואָס איך זאָל טאָן וועגן פריץ? אפשר האָט איר אַן עצה?**

3טער חסיד: **דאָ זיינען נישטאָ קיין עצה־געבערס. זאָגט אַ קאַפּיטל תהלים.**

דאָרפס־ייִד: (ערנסט) **כ'האָב שוין געזאָגט.**

4טער חסיד: **און אַז תהלים העלפט נישט, וואָס קענען מיר טאָן?**

דאָרפס־ייִד: **כ'קען נישט אַהיימפאָרן מיט גאָר נישט צו מיין ווייב און קינדער.** (זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקל און ווישט זיך די אויגן.)

בערל חסיד: (קומט אַריין מיט פרייד) **מענדל איז דאָ! מענדל איז צוריקגעקומען! אָט איז ער! אָט גייט ער!**

מענדל טאָמאַשאָווער: (קומט אַריין, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן.)

אַלע: (גיבן זיך אַ לאָז צו אים) **מענדל! מענדל!**

מענדל טאָמאַשאָווער: **וואָס איז ס'בייזע געלאָף אויף אייך?**

איטשע־מאיר: **מענדל, מיר וואַרטן דאָך אויף דיר! עס איז געבליבן בהסכם כולם, אַז דו ביסט אונדזער מנהיג!**

מענדל טאָמאַשאָווער: **אַ בעל עגלה איז אויך אַ מנהיג. איך וויל נישט זיין קיין מנהיג פון פערד.**

איטשע־מאיר: **דו וועסט זיין אַ מנהיג פון אַן עם קדוש.**

מענדל טאָמאַשאָווער: **איך וויל העלפן יידן וואָס ווילן דערהויבן ווערן.**

שטימען: **מיר ווילן אַלע דערהויבן ווערן!**

איטשע־מאיר: **מזל טוב רבי! מזל טוב!**

העניך: **מזל טוב רבי!**

גריצער רב: **מזל טוב מענדל! דו ביסט איצט אונדזער רבי!**

מרדכי־יוסף: **מזל טוב, רבי, מנהיג הדור!**

חסידים: (שרייען) **מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב! מענדל איז דער רבי! מזל טוב!**

יצחק וואורקער (קומט אַריין, הערט די געשרייען, קומט צו צו מענדלען.)

מזל טוב מענדל! אָבער דו זאָלסט זיין אַן אמתער רבי. דו זאָלסט זיין גוט צו יידן!

דאָרפס־ייד: (דערמוטיקט גייט צו צו מענדלען.) רבי, איר וועט מיר העלפן! דער פּריץ וויל איך זאָל אים געבן מער געלט פאַר דער אַרענדע. איך האָב אָבער נישט. וואָס זאָל איך טאָן? ער זאָגט, אַז ער וועט מיך אַרויסוואַרפן מיט מיין ווייב און קינדער.

מענדל טאָמאַשאָווער: טאָ, וואָס ווילסטו פון מיר?

דאָרפס־ייד: אַ ברכה אָדער אַן עצה.

מענדל טאָמאַשאָווער: פערד איינער! וואָס האָב איך קעשענעס פול מיט עצות?

דאָרפס־ייד: (פאַרצווייפלט) טאָ, וואו זאָל איך גיין? צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן, אַז מיר איז אַזוי שלעכט?

מענדל טאָמאַשאָווער: וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר? גיי צו אַלדי גוטע יאָר!

יצחק וואורקער: (שפּרינגט אויף, גיט אַ קלאַפּ אין טיש) מענדל, דאָס איז נישט דער וועג! טרייב נישט פון דיר קיין יידן. וואָס ווילסטו דווקא זיין אַ קטיגור אויף יידן? יידן זיינען אין גלות, מען דאַרף זיי העלפן! מען דאַרף זיי טרייסטן!

מענדל טאָמאַשאָווער: איך קען נישט אַוועקגעבן מיין גאַנץ לעבן פאַר אַ באַנדע קבצנים, וואָס קומען נאָר צום רבין וועגן גראַשנדיקע זאַכן. (שרייט ווילד) איך קען נישט ווערן קיין גראַשנדיקער רבי! איך האָב העכערע השגות!

יצחק וואורקער: (אויפגערעגט) מענדל, איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, אַז דו זאָלסט נישט טרייבן פון זיך קיין יידן! די וועלט איז גרויס און פול מיט גוים, אָבער יידן זיינען אין גלות און ליידן! אויב דו וועסט זיי טרייבן, וועלן זיי חלילה וחס אַוועקגיין צו די גוים! מען דאַרף העלפן יידן! מען דאַרף ליב האָבן יידן! עפּעס אַ קליינִיקייט, אהבת ישראל!

מענדל טאָמאַשאָווער: (שטורמיש) איך האָב ליב יידן נישט ווייניקער ווי דו, יצחק! עס קען נישט זיין קיין אהבת המקום אָן אהבת התורה, און עס קען נישט זיין אהבת תורה אָן אהבת ישראל, ווייל אַלע דריי זיינען איינס. אורייתא, קודשא בריך הוא וישראל חד הוא. אָבער איך פאַרשטיי אַנדערש אהבת ישראל ווי דו, יצחק. עס דאַרף זיין אהבת ישראל צום כלל ישראל. מען דאַרף העלפן די יידן אויסגעלייזט ווערן פון גלות, אָבער כדי אויסגעלייזט צו ווערן, דאַרף מען האָבן גרויסע יידן. מען דאַרף האָבן יידן וואָס זאָלן זיין ראוי לגאולה. שטאַרקע יידן, יידן וואָס שטייען העכער איבער די גראַשנדיקע ענינים פון נאַרישן לעבן! הער מיך אויס, יצחק, פאַר גראַשנדיקע יידן וויל איך קיין רבי נישט זיין! איך פאָר שוין אַוועק!

שטימען: רבי, פאַרלאָז אונדז נישט! ווער וועט בעטן צו גאָט פאַר אונדז? ווער וועט אונדז העלפן אין צייט פון נויט? ווער וועט מתפלל זיין פאַר אונדז אויף פרנסה?

מענדל טאָמאַשאָווער: (אויפגעקאָכט) איר הערט! איר הערט! פרנסה! פאַר־נאָ־סע! אָט דאָס אַלץ וואָס זיי ווילן! עפּעס העכער פון פרנסה איז ביי זיי נישטאָ! נאָר פרנסה גיב זיי! גייט צו אַלדי גוטע יאָר!

שטימען: ער איז נישט קיין רבי! ער וויל אונדז נישט העלפן!

יצחק וואורקער: די צרה מיט דיר, מענדל, איז דאָס וואָס דו קריכסט צו הויך! עס איז געגליכן צו אַ באַרג. צופוסנס פון באַרג זיינען דאָ אַ סך מענטשן. אָבער וואָס העכער מען שטייגט, אַלץ ווייניקער מענטשן, און אויפן שפּיץ פון באַרג זיינען שוין גאָר נישטאָ קיין מענטשן. דאָרטן איז מען שוין איינער אַליין, ס'איז אַ גרויסע סכנה!

מענדל טאָמאַשאָווער: עס איז קיין שום סכנה! די תורה איז גע־געבן געוואָרן אויף אַ באַרג מיט קולות וברקים. פון דעמאָלט אָן, ווער עס וויל מקבל זיין די תורה, מוז שטייגן אויפן באַרג, און גיין העכער און הע־כער. בהמות גייען נישט אויף קיין באַרג, און קיין בהמות דאַרף איך נישט. מיר דאַרפן גאַנצע יידן, נישט קיין שטיקלעך יידן, אַפילו אַ גאַנצער גוי איז ביי מיר מער חשוב ווי אַ האַלבער ייד.

יצחק וואורקער: אָבער ווי אַזוי קען מען מיט אַזאַ דרך פירן אַן עולם?

מענדל טאָמאַשאָווער: איך וויל נישט קיין עולם! איך וויל נאָר צוויי הונדערט יונגעלייט וואָס זאָלן פאַרגעסן אין אַלע הבלי העולם הזה און דינען גאָט בשלימות. זיי זאָלן זיין אַזוי אָרעם, אַז זיי זאָלן מוזן צודעקן זייערע קעפּ מיט אַ בלעטל קרויט, אָבער פאַרט זאָלן זיי אויסרופן אומע־טום: „ה' הוא האלוקים"! מיט צוויי הונדערט אַזעלכע יונגעלייט און אַפילו מיט נאָך ווייניקער, קען מען אויסלייזן די וועלט.

יצחק וואורקער: מאַכסט אַ טעות, מענדל, דו גייסט אויף אַ פאַלשן וועג, וואָס איז פול מיט סכנות. דו וועסט אַזוי אָרום נישט אויסלייזן די וועלט. עס וועלן קיינמאָל נישט זיין קיין צוויי הונדערט מענדלס, און ווען אַפילו יאָ — זיינען צוויי הונדערט מענדלס נישט אַלע יידן.

מענדל טאָמאַשאָווער: יצחק, איך זע נישט קיין אַנדערן וועג! נישט בהמות פירן מענטשן, נאָר מענטשן — בהמות! אַ בעל עגלה וואָס פירט די פערד, פאָרט מיט זיי אַזוי לאַנג ביז ער קומט אָן צום ריכטיקן פּלאַץ. ווי איז אָבער צו אַ בעל עגלה וואָס זיינע פערד האָבן זיך צעבריקעוועט און זיי פירן אים!

יצחק וואורקער: אָבער פערד דאַרפן דאָך אויך עסן! מען דאַרף זיי אויך אַמאָל אָנפּאַיען!

מענדל טאַמאַשאָווער: ווער עס זאָרגט זיך פאַר עסן פאַר פערד — און ווער פאַר אויסלייזונג פון די יידן! די יידן דאַרפן אויסגעלייזט ווערן פון גלות. משיח זיצט ביי די טויערן פון רוים און וואַרט אויף די יידן ביז זיי וועלן זיין ראוי לגאולה! ער וואַרט אויף אונדז, מיר זאָלן אויפ־בינדן זיינע קייטן. אָבער אויפבינדן די קייטן פון משיח קענען נישט קיין פערד, וויפיל עסן זיי זאָלן נישט האָבן! בלויז אַ הייפל גרויסע, שטאַרקע יידן איז געגנוג צו באַפרייען משיחן פון זיינע קייטן!

יצחק וואורקער: דער בעל שם טוב איז געקומען צו די פשוטע יידן. ער איז געקומען זיי צו העלפן.

מענדל טאַמאַשאָווער: האָט דען דער בעל שם טוב געשוואוירן, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין גרעסערע פון אים?

יצחק וואורקער: מענדל, פאַר וואָס האָט ר' לוי יצחק פון בערדיטשעוו אַנדערש פאַרשטאַנען אהבת ישראל. ער האָט דאָך גאָר נישט גע־זען קיין שלעכטע יידן! ער האָט געוואָלט העלפן אַלע יידן, יעדן באַזונדער.

מענדל טאַמאַשאָווער: זאָג מיר נישט פון ר' לוי יצחקן. ער האָט געקענט אויף אַפּפאַל פון אַ ייד זאָגן, אַז עס שמעקט ווי בשמים. איך וויל אָבער ברענגען די גאולה!

יצחק וואורקער: מענדל, וועסט זיך אפשר איינריידן, אַז דו ביסט משיח?

מענדל טאַמאַשאָווער: אין יעדן דור איז דאָ משיח, און אויב עס זאָל אין היינטיקן דור אויספאַלן דער גורל אויף מיר, בין איך גרייט זיך מקריב צו זיין כדי אויסצולייזן די יידן.

יצחק וואורקער: איך קען נישט גיין מיט דיר, מענדל, דאָס זיינען נישט מיינע וועגן!

מענדל טאַמאַשאָווער: מיר פאָרן קיין טאָמאַשאָוו. דאָרט וועט גע־שאַפן ווערן אַ נייע וועלט. ווער עס וויל זאָל מיטפאָרן!

שטימען: ר' מענדל איז דער רבי! ר' מענדל איז דער רבי! מיר וועלן פאָרן קיין טאָמאַשאָוו!

מענדל טאַמאַשאָווער: מי לה' אלי! (עס גייען צו צו אים און געבן אים די הענט איטשע־מאיר, העניך, דער גריצער רב, רב מרדכי־יוסף און נאָך אַנדערע יונגעלייט. זיי גייען אַוועק אין אַ זייט און שמועסן.)

4טער חסיד: (אין אַן אַנדער ווינקל) און מיר וועלן מאַכן אברהם־משהלען פאַר רבי. ער מוז ווערן אונדזער רבי. שרייבט אַן קוויטלעך און מיר וועלן אַריינגיין צו אים; מיר וועלן שטורעמען די טיר ביז ער וועט אונדז עפענען און דערנאָך וועלן מיר נישט אָפּטרעטן פון אים ביז ער וועט ביי אונדז נעמען קוויטלעך.

שטימען: ריכטיק! ריכטיק!

(אַ טייל שרייבן אָן קוויטלען און האַלטן זיי אין די הענט.)

4טער חסיד: קומט אַלע! (עטלעכע יונגעלייט גייען מיט אים, אָפּ)

משה וואָרקער: און מיר וועלן מאַכן ר׳ יצחק וואָרקער פאַר אַ רבי.

יצחק וואָרקער: פאָלגט מיך און שרייבט אויך אָן קוויטלעך און גייט צו אברהם־משהלען.

שטימען: ניין, מיר ווילן אייך פאַר רבי! מיר ווילן פאָרן מיט אייך קיין וואָרקע!

משה וואָרקער: ר׳ יצחק וואָרקער איז רבי! ער איז דער וואָרקער רבי! מזל טוב! מזל טוב!

שטימען: מזל טוב! מזל טוב!

דאָרפס־ייד (קומט צו דרייסטער צו יצחק וואָרקער), **רבי, אפשר** וועט איר מיר העלפן? (וויינט)

יצחק וואָרקער: אוודאי וועל איך טאָן פאַר אייך וואָס עס איז נאָר מעגלעך, מיט השם יתברך׳ס הילף.

דאָרפס־ייד: (צעוויינט זיך)

יצחק וואָרקער: איר וויינט! אַ ייד וויינט! אַז אַ ייד וויינט צעברעכט עס מיר דאָס האַרץ! כ׳קען זיך באַלד אַליין צעוויינען. נו, וויינט נישט, ר׳ ייד. (נעמט אַרויס אַ טיכל אוןווישט אים אָפּ די אויגן). וויינט נישט! טייערע יידן! וואוילע יידן! מען דאַרף זיי העלפן! נו, דערציילט מיר, ר׳ ייד אַלצ־דינג. דערציילט מיר אַלץ!

שמש פון פשיסכער רבי: די לוויה! די לוויה!

(אַלע גייען אַרויס.)

(פאָרהאַנג)

צווייטן שפּיל

(פֿאַר דער פֿאָרהאַנג)

שמואל משה: חזקיה, ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, זייט ר׳ מענדל האָט אָנגעהויבן צו פֿירן דאָ אין טאָמאַשאָוו, ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ שווערער אָנצוקומען צו אים. איך בין שוין דאָ דריי וואָכן און כ׳האָב נאָך אַלץ דעם רבין נישט געזען. איך האָב שוין עטלעכע מאָל געבעטן הירש טאָמאַשאָווער, וואָס איז דער גאַנצער בעל הבית דאָ און האָט אַזאַ גרויסע דעה ביים רבין, אַז ער זאָל מיך צולאָזן, און ער זאָגט מיר כסדר, אַז מען קען נישט. כ׳האָב שוין גערעדט אויך מיט בערל חסיד, וואָס איז אויך אַ יוצא ונכנס ביים רבין, און אויך ער זאָגט מיר, אַז עס איז איצט אוממעגלעך. דער רבי איז אין די עולמות העליונים און מען קען אים נישט שטערן. נו, היינט אין דער פֿרי האָב איך געקראָגן אַ בריוו פֿון מיין ווייב, אַז מיין יאָסעלע איז קראַנק געוואָרן און כ׳מוז גלייך קומען אַהיים. אָבער ווי אַזוי פֿאָרט מען אַוועק איידער מ׳זעט דעם רבין? קענסטו דיר דאָס אויסמאָלן, חזקיה?

חזקיה: אוודאי נישט, אוודאי נישט! שמואל־משה, איז וואָס גייסטו טאָן? פֿאָרסט טאַקע אַהיים און וועסט נישט זען דעם רבין?

שמואל־משה: מאָל דיר אויס אַז כ׳האָב אים יאָ געזען היינט אין דער פֿרי. כ׳האָב געוויזן דעם בריוו צו הירש טאָמאַשאָווער און אים נישט אָפּגעלאָזט, ביז ער האָט מיך אַריינגעלאָזט צו אים.

חזקיה: אַזוי? נו, דערציילן, שמואל־משה. וואָס איז געווען?

שמואל־משה: ווען איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר פֿון זיין צימער און כ׳האָב אים דערזען, איז אויף מיר אָנגעפֿאַלן אַזאַ פּחד, ווי כ׳וואָלט געשטאַנען פֿאַרן גרעסטן קייסער! הענט און פֿיס האָבן זיך ביי מיר געטרייסלט און כ׳האָב געציטערט ווי אַ בלאַט. פֿונדעסטוועגן האָב איך נישט געוואָלט צוריקגיין, ווייל עס איז נישט געווען עפּעס גלאַט אַזוי אַ שרעק, נאָר שרעק אויסגעמישט מיט פֿרייד, מיט גליק, ווי עס שטייט אין פּסוק: „וגילו ברעדה", פֿרייט אייך מיט ציטערניש. כ׳ווייס נישט, חזקיה, צי עס פֿילן אַלע אַזוי, ווען זיי גייען אַריין צום רבין?

חזקיה: יאָ, אַלע פֿילן מיר אַזוי און דערפֿאַר ציט עס צו זיין דאָ! דו פֿאַרשטייסט, איך בין שוין דאָ אַ האַלב יאָר און יעדעס מאָל ווען כ׳זע

דעם רבין, ציטערט אַלץ אין מיר. עפּעס אַזאַ געטלעכע מורא באַפאַלט מיך! איינמאָל האָט דער רבי אויף מיר אָנגעשטעלט זיינע אויגן פון הינטער זיינע גרויסע ברעמען און מיך אַ פרעג געטאָן: „חזקיה, ביסט דאָך געווען אין פשיסכע, נו, ווי געפעלט דיר טאָמאַשאָוו?“ האָט זיך ביי מיר אָפּגענומען פאַר אַ ווײַלע דאָס לשון פון שרעק. ווען כ'בין געקומען צו זיך, האָב איך געענטפערט: „טאָמאַשאָוו איז אַ המשך פון פשיסכע“. דער רבי האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט: „אין פשיסכע האָט מען געלערנט אַלף־בית“. דו ווייסט וואָס ער האָט געמיינט דערמיט, שמואל־משה?

שמואל־משה: ניין. כ'ווייס נישט.

חזקיה: ער האָט געמיינט מיר צו זאָגן, אַז דער חילוק צווישן פשיסכע און טאָמאַשאָוו איז אַזוי ווי צווישן אַ דרדקי מלמד צו אַ גמרא־מלמד, אַ מלמד וואָס לערנט שוין גמרא מיט תוספות און מיט אַנדערע מפרשים. (ענדערנדיק דעם טאָן) אָבער זאָג מיר, וואָס האָט דער רבי מיט דיר גערעדט?

שמואל־משה: ער האָט מיך געפרעגט: „נאָך וואָס ביסטו געקומען אַהער?“

חזקיה: נו, וואָס האָסטו אים געזאָגט?

שמואל־משה: כ'האָב אים געזאָגט בלויז דריי ווערטער: כדי צו לערנען.

חזקיה: האָסט גוט געטאָן! ווען דו זאָגסט אים צוליב פרנסה, אָדער צוליב געזונט, אָדער צוליב קינדער, וואָלט ער דיך אַרויסגעוואָרפן! אונדזער רבי שטייט העכער איבער אַלע הבלי עולם הזה!

שמואל־משה: אָבער אַלע רביים פאַר אים האָבן זיך דאָך אַזוי נישט געפירט, נישט פון רבי אלימלך פון ליזשענסק אָן, וואָס פון אים הויבט זיך אָן דאָס פּוילישע חסידות. ער איז געווען אַ נזיר וואָס האָט אַ הנאה געהאַט פון פּייניקן זיך, אָבער ער האָט אויפגענומען יידן און גערעדט מיט זיי, אויך דער רבי ר' בונם האָט אויסגעפרעגט יידן צו זיי האָבן פרנסה און האָט אויך געבעטן פאַר זייער געזונט. ווי אַזוי קומט גאָר צו אונדזער רבי אָט דער נייער דרך? פון וואַנען האָט ער אים גענומען?

חזקיה: פון קיינעם נישט! דאָס איז זיין אייגענער דרך! דאָס איז ער שוין אַזוי פון קינדוויַיז אָן. מען דערציילט, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל, האָט דער „חוזה“ פון לובלין, וואָס האָט געהאַט אָפענע אויגן, אים דערזען אין זיין שטעטל אין גאַריי און געזאָגט צו זיינעם אַ חסיד, אַ מלמד פון יענעם שטעטל, אַז ביי אים אין שטעטל געפינט זיך אַ גרויסע נשמה. זאָל ער זי אויסגעפינען און ברענגען צו אים. ווען דער מלמד איז אַהיימגעפאָרן האָט ער גענומען שטאַרק זוכן אָט־די נשמה און נישט געפונען. ענדלעך האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך צו נעכטיקן עטלעכע נעכט אין בית המדרש. איינמאָל אַרום מיטן נאַכט איז אַריינגעקומען אַ יונג בחורל, איינער אַליין,

אַרויסגענומען אַ גמרא און זיך געזעצט לערנען מיט אַזאַ התלהבות, אַז די ווענט האָבן אַזש געציטערט. האָט דער מלמד שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ער. ער האָט אָבער געטראַכט אַז ער זאָל וואַרטן נאָך עטלעכע נעכט, כּי צו זיין זיכערער. דאָס בחורל איז טאַקע געקומען אַלע נאַכט און אַלץ אַזוי גע־לערנט מיט התלהבות. דער מלמד איז שוין איצט געווען זיכער, אַז ער איז עס און האָט בכיוון געגעבן אַ הוסט. דאָס בחורל האָט זיך אומגעקוקט, זיך גע־וואונדערט וואָס עמעצער איז דאָ, איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט זיך נישט געוואָלט געבען צו דערקענען. דער מלמד האָט אָבער אים געזאָגט, אַז דער „חוזה" האָט אים געהייסן ברענגען צו אים.

שמואל־משה: איז ער געפאָרן צום „חוזה?"

חזקיה: יאָ! אָבער ווען ער איז געקומען קיין לובלין, איז ער אַריינ־געגאַנגען פריער אין אַ געשעפט און זיך געקויפט אַ קנייפל. ווען ער איז געקומען שפּעטער צום „חוזה", האָט דער „חוזה" צו אים געזאָגט מיט אַ פּרעטענציע: „אַז מען קומט קיין לובלין, צום רבין, גייט מען פריער זיך קויפן אַ קנייפל? דערויף האָט ער, שוין דעמאָלט, נאָך אַ יינגל, אים גע־ענטפערט: „רבי, איר וועט מיך נישט נעמען מיט רוח הקודש. איך בין געקומען צוליב איין זאַך, צו זוכן דעם אמת!"

שמואל־משה: און ער איז אַוועקגעפאָרן?

חזקיה: ניין, ער איז געבליבן דאָרטן עטלעכע וואָכן. דערווייל איז זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ מתנגד, געקומען צולויפן קיין לובלין און אים געוואָלט אַהיימנעמען. דערציילט מען, אַז ער האָט דעמאָלט געזאָגט צום פאָטער: „עס שטייט אין פּסוק: „זה אלי ואנוהו אלהי אבי וארוממנהו". איז דער טייטש: פריער דאַרף אַ מענטש האָבן אַ גאָט, זיין גאָט, צו וועלכן ער זאָל דינען און ערשט דערנאָך קומט דעם פאָטערס גאָט. פריער איז: „זה אלי ואנוהו", דער אייגענער גאָט און ערשט דערנאָך איז: „אלהי אבי וארוממנהו" — אָפּצוגעבן חשיבות צום גאָט פון דיין פאָטער. אָבער ער איז לאַנג אין לובלין נישט געבליבן.

שמואל־משה: ער איז געפאָרן ערגעץ־וואו שפּעטער?

חזקיה: יאָ, קיין פּשיסכע צום „ייד הקדוש". דערציילט מען אַז ווען ער איז געקומען צום „חוזה" געזעגענען זיך, האָט ער אים געגעבן אַ קוויטל. דער „חוזה" האָט אַריינגעקוקט אין קוויטל און געזאָגט: „דיין וועג, מענדל, געפעלט מיר נישט. ער איז פול מיט מרה־שחורה!" ווייסטו, וואָס ער האָט אים געענטפערט?

שמואל־משה: וואָס האָט ער אים געענטפערט?

חזקיה: ער האָט צו אים געזאָגט: „אויב עס געפעלט נישט דעם רבין, געפעלט עס אָבער מיר זייער שטאַרק". און איז אַוועקגעפאָרן פון לובלין.

שמואל־משה: טאַקע! און דערנאָך?

חזקיה: דערנאָך האָט ער זיך געהאַלטן ביים „ייד הקדוש״ ביז ער איז נפטר געוואָרן. שפּעטער איז ער געפאָרן צום רבי ר׳ שמחה־בונם. דאָרטן האָט ער צעטרענצלט דעם גאַנצן נדן, וואָס זיין שווער, דער היגער גביר, ר׳ אייזעק ניי, האָט אים געגעבן, ער האָט אַלץ צעטיילט צווישן די חסידישע יונגעלייט.

(מ׳הערט זינגען אויפן קול פון אַ גאַנצע גרופּע מענטשן.)

שמואל־משה: ווער זינגט דאָס?

חזקיה: דאָס זיינען דאָך די יונגעלייט, וואָס אַרבעטן ביי דער נייער שול וואָס מען בויט איצט אין טאָמאַשאָוו. פריער פלעגן אָט די יונגעלייט, וואָס זיצן דאָ כסדר ביים רבין, לעבן דערפון וואָס עמעצער פלעגט זיי געבן אויף „תיקון״. אָבער דאָס איז געוועזן צו ווייניק, האָט מען איינגעפירט, אַז מען זאָל גיין אַרבעטן. פונקט האָט זיך געמאַכט אַז מען בויט איצט אַ נייע שול אין טאָמאַשאָוו, איז באַשלאָסן געוואָרן אַז יעדן פרימאָרגן זאָל אַ מנין פון אונדזערע מענטשן גיין אַרבעטן ביי דער שול און וואָס זיי וועלן פאַר־דינען זאָל גיין אין איין קאַסע אַריין. פון דעמאָלט אָן לעבט מען דאָ אַזוי צו־זאַמען. עס איז „יד אחת״. די יונגעלייט רופן זייער גרופּע: „חבריא קדישא״.

שמואל־משה: „חבריא קדישא״? דאָס מיינט דאָך „חברה קדישא״?

חזקיה: (מיט אַ שמייכל) ניין. נישט „חברה קדישא״, נאָר „חבריא קדישא״, די הייליקע חברותא. די גרופּע איז נאָך געשאַפן געוואָרן בימי פּשיסכע. איצט איז זי פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווייל מען האַלט זיך באמת צוזאַמען.

שמואל־משה: אָבער ווי אַזוי קענען אָט די יונגעלייט גאָר אַרבעטן ביי בויען אַ שול? זיינען זיי דען בעלי מלאכות?

חזקיה: מען האָט געבראַכט אַהער עטלעכע אמתע גוטע יידישע בעלי מלאכות פון וואַרשע, וואָס פירן אָן מיט דער אַרבעט. אָבער די פּראָסטע אַרבעט, ווי למשל לייגן ציגל, פאַרשמירן זיי און דאָס גלייכן, טוען אונדזערע. זיי גייען אַוועק צו דער אַרבעט יעדן טאָג אין דער פרי, באַלד נאָכן דאַוונען, און קומען אַהיים פאַרנאַכט מיט געזאַנג און זיי גיבן אַוועק זייער פאַרדינסט פון טאָג צו די גבאים.

שמואל־משה: און ווער זיינען די גבאים?

חזקיה: עס זיינען דאָ דריי: הירש טאָמאַשאָווער, בערל חסיד און מרדכי־יוסף איזשביצער. זיי אַלע זיינען פון די נאָענטסטע מקורבים פון הויף.

שמואל־משה: און וועטשערע? ווער גרייט פאַר זיי צו וועטשערע?

חזקיה: וואָס פאַר אַ וועטשערע? מען קויפט ברויט, הערינג, עטלע־כע פלעשער אַקעוויט און מען עסט און מען טרינקט. מען זינגט און מען כאַפּט אַ טענצל.

(דאָס געזאַנג ווערט שטאַרקער.)

שמואל־משה: זיי זיינען שוין דאָ?

חזקיה: יאָ. קום, לאָמיר אַוועקגיין אין אַ זייט, וועט מען קענען ווײַ־טער רעדן אומגעשטערט.

(ביידע אָפּ.)

ערשטער אַקט

צווייטע סצענע

(הויף פון רבי ר' מענדל אין טאָמאַשאָוו. רעכטס — דעם רבינס וואוינונג, פון וועלכער איין פענצטער און אַ טיר גייען אין הויף אריין. לינקס — דער בית המדרש, פון וועלכן דריי פענצטער און אויך אַ טיר גייען אין הויף אַריין. אין הינטער־גרונד — אַ טויער צו פאַרמאַכן דעם הויף און עס זעט זיך פון דאָרטן — אַ ווייטער שאָסיי. אויפן הויף זיינען פאַראַן דאָ און דאָרטןביימער. עס ווערט טונקל. אַ גרופּע פון 10 חסידישע יונגעלייט קומען אָן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, וואָס זיינען אַרויפגעשאַרט און זייערע הויזן אַריינגעשטעקט אין די הויכע שטיוול. זיי טראָגן סאַמעטענע היטלעך אויף די קעפּ. זייערע פּנימער, די הענט, די בערד און פאות, און טיילווייז אויך זייערע קליידער, זיינען איינגעשמירט מיט ליים. זיי זיינען פריילעך און זינגען דאָס ליד „אָמאר מאַטשעק אָמאַר".

עס קומט אַרויס זיי צו באַגעגענען דריי גבאים: הירש טאָמאַשאָווער, בערל חסיד און מרדכי־יוסף.)

הירש טאָמאַשאָווער: אַ שווערער טאָג אַרבעט געווען?

1טער יונגערמאַן: וואָס איז שווער, פאַר אַנשי שלומינו?

2טער יונגערמאַן: שווער איז נאָר צו פאַרשטיין דעם רבונו של עולמס דרכים.

מרדכי־יוסף: וויפיל האָט איר היינט פאַרדינט?

3טער יונגערמאַן: צו 6 פּייעם יעדער איינער.

בערל חסיד: האָט איר דאָך געמאַכט אַ סך געלט? צען מאָל זעקס איז דאָך זעכציק. האָט איר דאָך הייסט עס געמאַכט היינט — צוויי גילדן. נו, אַהער מיט דעם געלט!

(נעמט אַראָפּ זיין יאַרמעלקע פון הינטערן היטל, האַלט זי אָפן און יעדער איינער וואַרפט אַהין אַריין דאָס געלט וואָס ער האָט פאַרדינט.)

הירש טאָמאַשאָווער: (צו די יונגעלייט) גייט אַריין אין בית המדרש, וואַשט זיך אָרום ביים כיור און דאַוונט מנחה. דערווייל וועט מען שיקן נאָך ברויט, הערינג און אַקעוויט און עס וועט זיין „ליהודים". אָבער גייט נישט אַריין אַלע מיט אַ מאָל. (רופט) בערל!

בערל חסיד: (קומט צו.)

הירש טאָמאַשאָווער: (צו בערל חסיד) לאָז זיי אַריין אין גרופּעס פון דריי.

בערל חסיד: (נעמט אַוועק די ערשטע דריי און טיילט זיי אָפּ) איר וועט אַריינגיין די ערשטע און אַז איר וועט אַרויסקומען, וועלן אַריינגיין אַנדערע דריי.

הירש טאַמאַשאַווער (אָפּ.)

4טער יונגערמאַן: איך הויב שוין אָן צו וואַרפן ציגל! איך האָב היינט שוין געוואָרפן אַ ציגל צו דער העכסטער רעשטאַוואַניע.

5טער יונגערמאַן: דו דאַרפסט נישט וואַרפן צו דער העכסטער רעשטאַוואַניע. אויב דו שטייסט אונטן, דאַרפסטו וואַרפן צו דעם, וואָס שטייט אויף דער ערשטער שטופע פון דער רעשטאַוואַניע. יענער ווידער וואַרפט די ציגל צו דעם וואָס שטייט איבער אים און אַזוי ווייטער, יעדער איינעם צום העכערן.

6טער יונגערמאַן: איך פאַרשטיי, די הויפּט זאַך, ווען מען בויט אַ בנין, איז צו וואַרפן די ציגל אַזוי, אַז זיי זאָלן אָנקומען וואָס גיכער צו דעם וואָס בויט זיי איין, אָבער נישט צו וואַרפן זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן חלילה טרעפן עמעצן אין קאָפּ אַריין.

7טער יונגערמאַן: דאָס איז אַ מוסר השכל. אַזוי דאַרף זיין ביי אַלץ וואָס מען טוט אין לעבן.

8טער יונגערמאַן: וואָס רעדט איר נאַרישקייטן פון וואַרפן עמעצן אַ ציגל אין קאָפּ אַריין, צי דערויף האָבן מיר פאַרלאָזט אונדזערע פרויען און קינדער און געקומען אַהער? מיר ווילן דאָ אָנהויבן אַ חבריש לעבן, אַ שותפותדיק לעבן!

9טער יונגערמאַן: האָבן איין גאָט, איין רבין, איין קאַסע און איין בשותפותדיק לעבן.

10טער יונגערמאַן: דו האָסט פאַרגעסן צוגעבן: איין נשמה, ווייל נאָר דעמאָלט קען זיין „יד אחת” און „דעה אחת”, איין מיינונג ביי אונדז אַלע.

(די ערשטע דריי קומען אַרויס אָפּגעוואַשענע, אויסגעפּוצטע, די קאָפּאָטעס אַראָפּגעלאָזט און אויסגערייניקט, די פּנימער און הענט ריין, און אַזוי אויך די באָרד און פאות פאַרקעמט.)

בערל חסיד: (צו די אָפּגעוואַשענע) איר גייט אַריין אין בית המדרש דאַוונען מנחה! (זיי גייען אַוועק. צו די אַנדערע) נו, איצט קענען אַריינגיין אַנדערע דריי! (טיילט אָפּ דריי און שיקט זיי אַריין.)

7טער יונגערמאַן: מיר דאַכט זיך, אַז גייעדיק אַהער אויפן וועג צום הויף, האָב איך געזען מיין שווער.

8טער יונגערמאַן: און מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב געזען מיין ווייב. איך האָב אַפילו אַראָפּגעבויגן מיין קאָפּ.

9טער יונגערמאַן: אפשר איז מיין שוויגער אויך דאָ!

10טער יונגערמאַן: ערגער פון אַלץ וועט זיין, אויב כ׳זאָל זיך באַ־

געגעגנען מיט מיינע צווי קינדער. כ׳האָב זיך געמוזט אַרויסגנבענען פון זיי, ווען כ׳בין אַוועקגעפאָרן.

(די צווייטע גרופּע יונגעלייט גייען אַרויס פון בית המדרש אָפּגעוואַשענע און ריינע.)

בערל חסיד: (צו די אָפּגעוואַשענע) נו, גייט אין בית המדרש אַריין דאַוונען מנחה! (זיי גייען אַוועק. צו די אַנדערע) נו, איצט קען אַריינגיין די לעצטע גרופּע. גייט אַריין אַלע פיר! (זיי גייען אַריין.)

הירש טאָמאַשאָווער: (קומט אָן. צו מרדכי־יוסף) קום נאָר, מרדכי־יוסף, כ׳האָב מיט דיר עפּעס איבערצורעדן.

מרדכי־יוסף: (כאַפּט זיך) כ׳וויס וועגן וואָס, הירש. דו מיינסט דאָך וועגן דעם, וואָס מען האָט געדאַרפט לאָזן וויסן דעם רבין, אַז אונדזערע יונגעלייט גייען אַרבעטן ביי דער שול. האָ? וואָס? ער איז קעגן דעם?

הירש טאָמאַשאָווער: פאַרקערט, ער איז גראָד צופרידן דערפון! ווייסט וואָס ער האָט מיר געזאָגט? עס איז בעסער אַז די הענט אַרבעטן בחומר ובלבנים, ווי דאָס האַרץ זאָל זיין פון חומר ולבנים.

מרדכי־יוסף: זייער גוט!

הירש טאָמאַשאָווער: אָבער עס איז נישט דאָס וואָס כ׳וויל מיט דיר רעדן, עס איז גאָר אַן אַנדער זאַך.

מרדכי־יוסף: דהיינו!

הירש טאָמאַשאָווער: עס איז נישט גוט.

מרדכי־יוסף: (דערשראָקן) וואָס מיינסטו, הירש?

הירש טאָמאַשאָווער: אונדזערע שונאים רוען נישט. מרדכי־יוסף, דער יאַרטשעווער רב, אָט דער אַלטער מתנגד וואָס וואוינט איצט דאָ אין טאָמאַשאָוו, האָט אָנגערעדט אַ גאַנצע מחנה פון פרויען און קינדער, וואָס זייערע מענער זיינען דאָ, און אויך די עלטערן פון די פרויען, אַז זיי זאָלן קומען אַהער און פאַרשאַפן אונדז צרות.

מרדכי־יוסף: זיי קומען אַהער, די פרויען און די קינדער?

הירש טאָמאַשאָווער: זיי זיינען שוין דאָ! אַ גאַנצע מחנה פון די פרויען פון אונדזערע יונגעלייט און אויך זייערע קינדער. מיט אַ טייל זיינען אויך מיטגעקומען די עלטערן, דער שווער און אַמאָל אויך די שוויגער. דער יאַרטשעווער רב האָט דאָס אַלץ אָנגעאַרבעט. ער גרייט זיך צו קומען אַהער דאָ אין הויף און אונדז אָפּצושפּילן דאָ די אמתע חתונה.

מרדכי־יוסף: כ׳פאַרשטיי נישט. ווי אַזוי האָבן זיי זיך דאָס צוזאַמענגערעדט מיט אים צו קומען אַהער מיט אַמאָל?

הירש טאָמאַשאָווער: פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט. דער יאַרטשעווער רב איז אַמאָל געקומען קיין פּשיסכע, האָבן אונדזערע חברה ביי אים גענומען געלט אויף תיקון, און ער איז אַוועק בייז פון פּשיסכע. ער איז

איצט שוין מער נישט רב אין יאַרטשעוו, און וואוינט דאָ אין טאָמאַשאָוו, מען רופט אים אָבער נאָך אַלץ דער יאַרטשעוועער רב. נו, האָט ער זיך אָפּ־גערעדט מיטן שמש פון שטאָטישן בית המדרש, אַז ווען עס וועלן קומען אַהער ווייבער, קינדער אָדער שווער און שוויגער פון די יונגעלייט וואָס זיינען ביים רבין, זאָל ער זיי ברענגען צו אים. ער האָט שפּעטער געשריבן צו זיי בריוו און אַזוי אַרום האָט ער אָנגעקליבן אַרום זיך אַ גרויסן עולם. ער האָט זיי געהייסן קומען אַהער צו אים און ער וועט מיט זיי גיין צום רבין. ער וועט דאָ אַוודאי באַלד זיין. ער וויל אַריינגיין צום רבין.

מרדכי־יוסף: וועסט אים צולאָזן?

הירש טאָמאַשאָווער: וואָס רעדסטו נאַרישקייטן? וואָס הייסט כ׳וועל אים צולאָזן צום רבין? אָבער פאַר די יונגעלייט וועט עס זיין זייער נישט גוט.

מרדכי־יוסף: הירש, פאַל נישט אַריין אין קיין עצבות! מיר וועלן זיך מיט גאָטס הילף קעגן אָט דעם מתנגד אויך אַן עצה געבן. (טאָן ענדע־רונג) זאָג מיר נאַר, איז מיין ווייב אפשר אויך דאָ? און אפשר מיין שווי־גער אויך? אויב אַזוי איז נישט גוט.

הירש טאָמאַשאָווער: אַהאַ! קוים האָסטו זיך דערמאָנט אָן דיין שווי־גער, פאַלסטו שוין אַליין אַריין אין עצבות! הע?!

מרדכי־יוסף: ווען דו זאָלסט האָבן אַזאַ שוויגער ווי מיינע, וואָלסטו קיינמאָל נישט אַרויס פון עצבות!

הירש טאָמאַשאָווער: און ווען דו קענסט מיין ווייב, וואָלסטו זיכער געווען העכסט צופרידן וואָס זי איז מיינע און נישט דיינע.

מרדכי־יוסף: ווער האָט דיר געזאָגט וועגן יאַרטשעוועערס פּלאַן?

הירש טאָמאַשאָווער: כ׳האָב געהאַט אַ ידיעה פון איינעם פון זיינע מענטשן.

מרדכי־יוסף: הירש, זאָלן די יונגעלייט קודם אָפּעסן. הייס אַרויסנע־מען די בענק און די טישן פון בית המדרש און גרייטן צום טיש אָט דאָ אין הויף. דאָס איבעריקע וועט מען שוין זען. (אָפּ)

הירש טאָמאַשאָווער: (רופט) יונגעלייט! ברענגט אַרויס די טישן און די בענק פון בית המדרש! מען וועט דאָ גרייטן צום טיש! גיכער!

(פילע יונגעלייט גייען אַריין אין בית המדרש און טראָגן אַרויס אַ גרויסן טיש און בענק, און שטעלן זיי אַוועק אויפן הויף לינקס. אַנדערע ברענ־גען אַ טישטוך און דעקן צו דעם טיש. נאָך אַנדערע ברענגען ברויט, הערינג און יי״ש און שטעלן עס אויך אַוועק. אַנדערע חסידים ברענ־גען מעסערס, גאָפּלען און זאַלץ. פיל גייען אַריין אין בית המדרש זיך וואַשן און קומען אַרויס און זאָגן „שאו ידיכם״. זיי ווישן זיך אָפּ די הענט צוזאַמען אין איין לאַנגן האַנטוך. דערנאָך זעצן זיי זיך אַוועק ביים טיש,

שניידן אָפּ ברויט, מאַכן המוציא, טינקען איין אין זאַלץ און עסן. אַלע זעצן זיך איצט אוים ביים טיש און עסן געשמאַק. בערל חסיד גיסט אָן יעדן אַ גלאָז אַקעוויט, דער עולם טרינקט, ווינטשנדיק זיך איינער דעם אַנדערן „לחיים". איינער הויבט אָן צו זינגען „ידיד נפש", אַנדערע העלפן אים אונטער. דערנאָך הויבן זיך אַנדערע אויף און לאָזן זיך אין אַ טאַנץ. צו זיי שטייען צו שפּעטער נאָך אַנדערע. באַלד נעמען זיך אַלע אָן ביי די הענט אין אַ ראָד און מען טאַנצט און מען זינגט.)

דער רבי: (באַווייזט זיך פון זיין צימער רעכטס, אַנגעטאָן אין אַ ווייסע אַטלעסענע זשיפּעצע און אין אַ שטריימל).

שטימען: **דער רבי! דער רבי! דער רבי!!!**

(דאָס טאַנצן הערט אויף.)

דער רבי: (גייט צו צום טיש, זעצט זיך אַוועק אינמיטן אויף אַ באַנק.) **איז געבליבן נאָך עפּעס?**

הירש טאָמאַשאָווער: **אוודאי, רבי! בערל, דערלאַנג דעם רבין אַ שעפּ מיט וואַסער און אַ האַנטוך.**

בערל חסיד: כ'לויף שוין ברענגען! (אָפּ, קומט צוריק מיט אַ שיסל און מיט אַ שעפּ מיט צוויי אויערן און אַ האַנטוך.)

דער רבי: (וואַשט זיך, זאָגט „שאו ידיכם", ווישט אָפּ די הענט אין האַנטוך, מאַכט „המוציא" און טינקט איין אַ שטיקל ברויט אין זאַלץ. אַלע חסידים זעצן זיך צוריק אַוועק ביים טיש. דער רבי זיצט פאַרטראַכט. באַלד קוקט ער זיך אַרום און זאָגט): **עס שטייט געשריבן: „יוסיף דעת, יוסיף מכאיב", ווער עס מערט וויסן — מערט ווייטיק. אַ טייל מפורשים טייטשן דעם פּסוק, אַז ער איז אויסן אונדז צו זאָגן, אַז מען זאָל נישט מערן קיין וויסן, ווייל דאָס וועט נאָר פאַרמערן ווייטיק. אָבער דאָס איז נישט דער טייטש. דער אמתער טייטש איז: „יוסיף דעת", אַ מענטש זאָל מערן וויסן, „יוסיף מכאוב", כאָטש עס וועט אים מערן ווייטיק. וואָרים וואָס הייסט וויסן? וויסן הייסט צו דערזען דעם אמת, און דער אמת טוט וויי. אָבער אַזוי ווי עס איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין „טוב בלי רע", קיין גוטס אָן שלעכטס און קיין שלעכטס אָן גוטס, אַזוי איז אויך נישט פאַראַן אויף דער וועלט קיין „תענוג בלי יסורים" און אַזוי אויך נישט „יסורים בלי תענוג", ווייל עס איז הא בהא תליא, איינס הענגט אין אַנדערן, ווי דער פּסוק זאָגט: „את אשר יאהב ה' יוכיח", וועמען גאָט האָט ליב, דעם שטראָפט ער. ווייל אויפן סאַמע דנאָ פון יעדן פאַרגעניגן איז דאָ יסורים און אויפן סאַמע דנאָ פון יעדע יסורים איז דאָ תענוג. למשל: צו וויסן דעם אמת הייסט צו האָבן יסורים. אָבער איז דען פאַראַן נאָך אַ גרעסערער תענוג ווי צו וויסן דעם אמת? דאַרף זיך דעריבער אַ מענטש אַזוי אויסאַרבעטן אַז דער תענוג צו וועלן וויסן דעם אמת, זאָל זיין ביי אים אַזוי**

גרויס, אַז עס זאָל איבערוועגן די יסורים, וואָס דער אמת וועט מיט זיך ברענגען. וואָרים צו וועלן וויסן דעם אמת, מיינט צו זיין אַ שטאַרקער מענטש, אַ גאַנצער מענטש און נישט קיין האַלבער מענטש. האַלבע מענטשן זיינען שוואַכע מענטשן, צעקראַכענע מענטשן. אַ מענטש קען נישט נאָכ־געבן דעם יצר טוב און דעם יצר הרע מיט איין מאָל. עס איז אָדער דער יצר טוב אָדער דער יצר הרע! הימל און ערד! מען קען נישט זיין דאָ און דאָרטן! צו זיין דאָ און דאָרטן מיינט מאַכן אַ פשרה, ווייל אַ פשרה איז אַ ביסל אַהין און אַ ביסל אַהער, אָבער אַ ביסל מיינט האַלב, אַ האַלבע זאַך, און אַז מען טוט אַ האַלבע זאַך איז מען אַ האַלבער מענטש. איך האָב אָבער ליב אַ גאַנצן מענטשן, אַ גאַנצן צדיק, אָדער להבדיל אפילו, אַ גאַנצן רשע. (שאָקלט זיך פאַרטראַכט) אָט נעמט למשל פרעה׳ן ער איז געווען אַ „טשעלאָוויעק״! אונדזער איינער, ווען עס זאָל אויף אים קומען אַפילו אַ האַלבע מכה פון די צען מכות, וואָלט ער דאָך זיך גלייך אונטערגעגעבן. פרעה אָבער — נישט! און אַזוי ביז מכות בכורות! אָבער אַפילו דעמאָלט, ווי נאָר די מכה האָט אויפגעהערט, האָט ער נאָכגעיאָגט די יידן ביזן ים סוף. (פאַרטראַכט) — מען האָט טענות צו מיר, וואָס אונדזערע יונגעלייט לאָזן איבער אין דער היים זייערע ווייבער און קינדער. אָבער צי איז דען נישט תיקון הנפש וויכטיקער פון נאַרישן געוויין פון ווייבער און קינדער? איך זאָג אייך, אַז די אויערן וואָס הערן זיך צו צו די געוויינען פון ווייבער און קינדער, וועלן קיינמאָל קיין תיקון הנפש נישט האָבן! ווייבער און קינ־דער שלעפּן נאָר אַרונטער! ווייל מען זיין ראוי לגאולה, מוז מען זיך דער־הויבן, און ווער עס קען קיין פולווער נישט שמעקן זאָל גיין אַהיים! איך וויל נישט קיין גרויסן עולם, אַ גרויסער עולם איז אַ גרויסע מחנה פון בהמות, פון נאַראָנים, און איך וויל נישט זיין קיין רבי פון נאַראָנים. איך וויל אַ קליינע גרופּע פון יונגעלייט וואָס זאָלן אַרבעטן איבער זיך, ביז זיי זאָלן זיין ראוי לגאולה... (פאַרטראַכט) — וואָרים די גאולה איז נאָענט! (אַן התעוררות צווישן עולם) איך וואָלט זיך אונטערגענומען צו צעברעכן דעם עול הגלות און אויסצולייזן די יידן!... פון אייביק אָן האָבן אונדזערע אָבות זיך איינגעשפּאַרט ביים כביכול און האָבן אויסגעפירט: האָט דען אברהם אָבינו זיך נישט איינגעשפּאַרט וועגן סדום ועמורה? און האָט דען משה רבינו זיך נישט איינגעשפּאַרט נאָכן חטא פון עגל?... כ׳האָב נאָר מורא פאַר איין זאַך, אַז ווען מען וועט מיך פון אויבן פרעגן: מענדל, מי ומי ההולכים? ווער איז מיט דיר? — זאָל איך אים כאָטש קענען אָנווייזן אויף עטלעכע מנינים יונגעלייט!... (אַ שטאַרקע התעוררות צווישן עולם.)

שטימען: רבי, מיר זיינען גרייט! מיר זיינען מיט אייך, רבי!

דער רבי: (הויבט זיך אויף) נו, שוין גענוג אויף היינט! נו, זינגט און טאַנצט! זאָל זיין פריילעך! (אָפּ אין זיין צימער, רעכטס)

(די יונגעלייט זעצן פאָרט זייער זינגען און טאַנצן. זיי זינגען „וואו וואוינט דער אייבערשטער ?", „אמאר מאטשעק" און נאָך אַנדערע נגונים)

יאַרטשעווער רב: (קומט אַן ביים טויער מיט אַ גרויסע מחנה פון מע־נער, פרויען און קינדער, שרייט אויס הויך) **אָט זיינען זיי, די עוכרי ישראל! זיי זינגען און טאַנצן און לאָזן זייערע פרויען און קינדער אויסגיין פון הונגער!**

1טע פרוי: (רופט אויס) **אָט איז ער מיין תכשיט! שוין אַ האַלב יאָר ווי ער האָט זיך אַוועקגעגנבעט פון דער היים און געלאָזן מיך אויף הפקר!** (שרייט) **איך וועל אים דורס זיין!**

2טע פרוי: (שרייט) **אָט איז מיינער!** (מיט באַנומענע קולות) **נחמן! נחמן! גזלן! רוצח! מערדער! וואָס האָסטו פון מיר געוואָלט?** (וויינט)

3טע פרוי: **וואו איז מיינער? ער האָט מיך איבערגעלאָזן מיט פיר קליינע קינדער! מיר גייען אויס פון הונגער!** (כליפּעט)

4טע פרוי: (ווישט זיך די אויגן) **מיינער האָט מיך איבערגעלאָזן מיט צוויי עופהלעך שוין מער ווי אַ יאָר. איך בין אַן עגונה, און מיינע קינדער זיינען יתומים!** (זיפצט)

1טע קינד: (פון אַכט יאָר) **מאַמע! מאַמע! אָט איז אונדזער טאַטע! פאַרוואָס וויל ער נישט צוקומען צו אונדז? איך וועל צולויפן צו אים!**

2טע קינד: (פון זעקס יאָר) **איך וויל אויך גיין צום טאַטן. ער וועט מיט אונדז פאָרן אַהיים!**

3טע קינד: (פון 4 יאָר) **מאַמע, דער טאַטע איז דאָ? מאַמע, זאָג מיר?**

1טער מאַן: **אַזאַ פינצטער יאָר זאָל קומען אויף אים ווי פינצטער ער האָט געמאַכט דאָס לעבן פון מיין טאָכטער! זי איז געווען אַ געראָטן מיידל, האָט זי געדאַרפט אַריינפאַלן צו אַזאַ משומד אין די הענט אַריין!**

2טער מאַן: **זיי זיינען נאָך ערגער ווי משומדים! מיין ווייב וויינט זיך אויס כסדר די אויגן! איין זון געהאַט און וואָס פון אים איז געוואָרן! מיר האַלטן די פרוי און די צוויי קינדער ביי זיך, און ער ליגט דאָ און איז גע־וואָרן אַ מולאַרדש.**

3טער מאַן: **אַ מולאַרזש?**

4טער מאַן: **איר ווייסט נישט! זיי אַרבעטן דאָך ביי דער שול, בחומר ובלבנים, זיי זיינען געוואָרן פּראָסטע מולאַרזשעס, אַבי נישט צו פאָרן אַהיים צו ווייב און קינדער!**

5טער מאַן: **עס איז עפּעס אַ משוגעת, רחמנא ליצלן! אַ קליפּה איז אַריין אין זיי!**

(אין דער צייט ווען די געשרייען און רייד גייען אַן, אַנטלויפן אַלע יונ־געלייט ביסלעכווייז אין בית המדרש אַריין און פאַרשליסן דאָרט די טירן. אין הויף בלייבט נאָר איבער הירש טאָמאַשאָווער און בערל חסיד.)

יאַרטשעוער רב: (צום עולם) וואָס שוויגט איר? איר האָט שוין גענוג געשוויגן! טוט עפּעס! (שרייט) לאָמיר צעברעכן דאָס בית המדרש! עס מוז נעמען אַ סוף!

שטימען: (פון ווייבער און מענער): פושעים! עוכרים! משומדים! עס קען מער אַזוי נישט זיין!

יאַרטשעוער רב: (גייט פאַראויס צום רבינס הויז. אַלע גייען אים נאָך.)

הירש טאָמאַשאָווער: (פאַרשטעלט אים דעם וועג) וואו גייסטו?

יאַרטשעוער רב: (דרייסט) צום רבין!

הירש טאָמאַשאָווער: (שטופּט אים צוריק) דו קענסט נישט זען דעם רבין! (רופט) בערל! בערל!

בערל חסיד: (קומט צולויפן) וואָס איז געשען?

הירש טאָמאַשאָווער: שטופּ זיי צוריק! אויב נויטיק נעם אַ שטעקן און שלאָג איבער די קעפּ, רעכטס און לינקס! זאָלסט זיי צום רבין נישט צולאָזן!

בערל חסיד: (לויפט אַוועק אין אַ זייט, קומט צוריק מיט אַ שטעקן און פאָכעט מיט אים אין דער לופטן.) „אַלע צוריק!" „אַלע צוריק!" — האָב איך געזאָגט! (ער פאָכעט מיטן שטעקן.)

הירש טאָמאַשאָווער: (צום יאַרטשעווער רב) גיי צוריק מיט דיין גאַנצער באַנדע! דו הערסט!

יאַרטשעוער רב: איך וויל אַריינגיין צום רבין! איך מוז רעדן מיטן רבין!

הירש טאָמאַשאָווער: (דערלאַנגט אים צוויי פּייערדיקע פּעטש) שייגעץ! עזות פנים! דו וועסט צום רבין נישט אַריינגיין!

בערל חסיד: (פאָכעט מיטן שטעקן רעכטס און לינקס איבער די ווייבער און קינדער.)

שטימען: אוי וויי געשריגן! מען שלאָגט אונדז! ראַטעוועט! יידן, ראַטעוועט!

יאַרטשעוער רב: (פאַרביטערט) איך וועל נישט אָפּטרעטן! איך וויל בלויז פרעגן דעם רבין צי ער הייסט דאָס מאַכן די פרויען פאַר עגונות און די קינדער פאַר יתומים!... איך קען עס מער נישט אויסהאַלטן! פון גאַנץ פּוילן קומען אַהער מענער, פרויען און קינדער, און אַלע קומען זיי צו מיר!

הירש טאָמאַשאָווער: צו דיר? פאַר וואָס עפּעס צו דיר? ווער ביסטו דען?

יאַרטשעוער רב: ווייל איך נעם זיך אָן פאַר די עגונות און לעבעדיקע יתומים.

הירש טאָמאַשאָווער: (סאַרקאַסטיש) דו נעמסט זיך אָן?! אַ נייער אָנגענומער! ניין, דו נעמסט זיך נישט אָן פאַר זיי, נאָר דו העצסט זיי! דו האָסט געהייסן דעם שמש פון בית המדרש ברענגען די פרויען צו דיר און דו האָסט געשריבן צו זיי בריוו, און זיי געהייסן קומען צו דיר, און זיי צוגעזאָגט אַז דו וועסט זיי העלפן! איז דאָס נישט אמת?

יאַרטשעווער רב: און אַז יאָ איז וואָס? טאָר איך נישט העלפן קיין פרויען און קינדער? טאָר איך זיך נישט אָננעמען פאַר די וואָס ליידן?

הירש טאָמאַשאָווער: דו ביסט אַ מהרחר ריב! אָן אויפהעצער ביסטו!

יאַרטשעווער רב: דו מעגסט מיר זאָגן וואָס דו ווילסט, אָבער איך וועל פריער נישט אָפּטרעטן, ביז מיר אַלע, וועלן זען דעם רבין! מיר ווילן בלויז וויסן צי ער הייסט דאָס, די יונגעלייט אַזוי טאָן?

הירש טאָמאַשאָווער: (אויפגעקאָכט) בהמה! פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט? דאָס איז אַ שיטה! דעם רבינס שיטה!

יאַרטשעווער רב: (שפּרינגט אויף) אַ שיטה? דעם רבינס שיטה?! (שרייט) אַ שיטה חרוב צו מאַכן יידישע משפּחות?! אַ שיטה צו ברענגען אומגליק אויף יידן! אַ שיטה אומצוברענגען, חלילה, דאָס יידישע פאָלק?!

הירש טאָמאַשאָווער: פערד וואָס דו ביסט! דו הויבסט עס אַפילו נישט אָן צו פאַרשטיין!

יאַרטשעווער רב: וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? (דרייט זיך אויס צום עולם) איר הערט? דאָס איז אַזאַ שיטה! (העכער, צום עולם) דער רבי אַליין הייסט די יונגעלייט דאָס טאָן! דער רבי אַליין הייסט זיי, אַז זיי זאָלן אייך איבערלאָזן אויף הפקר! איר האָט געהערט?

הירש טאָמאַשאָווער: שווייג! אַ נישט וועל איך דיר קורע כדג זיין! (שרייט) בערל, וואָס טרייבסטו זיי נישט אַרויס! מאַך נישט קיין שהיות! שלאָג איבער די קעפּ און וואו נאָר דו טרעפסט! טרייב זיי אַרויס און פאַרמאַך דעם טויער!

בערל חסיד: (פאָכעט מיטן שטעקן איבער די קעפּ. עס הערן זיך געוויינען און עס איז אַ שרעקלעכער טומל.)

(איטשע־מאיר און מיט אים העניך, מרדכי־יוסף און דער גריצער רב קומען אָן.)

איטשע־מאיר: (צו הירשן) וואָס קומט דאָ פאָר?

הירש טאָמאַשאָווער: אָט דער מהרחר ריב (ווייזט אויפן יאַרטשעווער רב) האָט אויפגעהעצט די ווייבער פון אונדזערע יונגעלייט קעגן אונדז און איז מיט זיי געקומען אַהער צו מאַכן דאָ אַ טומל. ער וויל זען דעם רבין!

יאַרטשעווער רב: ר׳ איטשע־מאיר, גריצער רב, ר׳ העניך און ר׳ מרדכי־יוסף, איר קענט מיך. איר קענט מיך נאָך פון די צייטן פון פשיס־כע. איך בעט אייך, ראַטעוועט מיך פון די הענט פון אָט־דעם רשע (ווייזט אויף הירשן) כ׳בין דאָ אַריינגעפאַלן ערגער ווי צווישן גוים!

איטשע־מאיר: וואָס ווילט איר אייגנטלעך, יאַרטשעווער רב?

יאַרטשעווער רב: עס מוז נעמען אַ סוף צו די ליידן פון די פרויען! זיי זיינען אַזוי ווי עגונות און די קינדער אַזוי ווי יתומים! ווי לאַנג קען דאָס אַזוי אָנהאַלטן? איך וויל גיין צום רבין און אים פרעגן, צי ער וויל חרוב מאַכן דאָס יידישע פאָלק?

פרויען שטימען: (שטורמיש, געמישט מיט געוויין) זאָל מען אונדז צו־לאָזן צום רבין, זאָל מען! מיר ווילן הערן וואָס דער רבי האָט צו זאָגן!

העניך: בארואיקט אייך! קיינער וויל נישט טאָן אייך קיין שלעכטס! זייט זיכער, יידן, אַז אונדזער רבי איז אַ גרויסער אוהב ישראל!

יאַרטשעווער רב: טאָ, פאַרוואָס דערלאָזט ער צו אַזעלכע זאַכן?

איטשע־מאיר: איך וועל עס אייך מסביר זיין, יאַרטשעווער רב! זאָל אייך גאָרנישט איינפאַלן צו טראַכטן, אַז אונדזער רבי וויל חרוב מאַכן דאָס יידישע פאָלק. אונדזער רבי וויל גאָר אויסלייזן די יידן. און וואָס עס איז שייך די יונגעלייט, וויל גאָר נישט אונדזער רבי אַ גרויסן עולם. ער וויל נישט מער ווי עטלעכע מנינים יונגעלייט וואָס זאָלן אים פאַרשטיין. נישט אַלע וואָס קומען אַהער בלייבן דאָ אויף לאַנג. נאָר אַז עס קומען יונגע־לייט אַהער וואָס פאַרשטייען, אַז זיי קענען דאָ אַ סך לערנען, אַז זיי קענען דאָ דערהויבן ווערן צו פאַרשטיין די וועגן פון כביכול, נו, בלייבן זיי דאָ זיצן אַביסל לענגער. טאָ מה רעש? זיי זיצן דאָ און לערנען און דינען דעם רבונו של עולם. און אַז דאָס מלכות וויל, אַז יידן זאָלן זיך זעלבער און דינען אין מיליטער, מי יודע ווּיפיל יאָרן. איז בעסער! טאָ מיט וואָס איז, יאַרטשעווער רב דאָס מלכות פון הימל ערגער ווי דאָס מלכות פון דר׳ערד? כ׳מיין וואָס איז דער געוואַלד? וואָס שרייט איר אַזוי?

יאַרטשעווער רב: אָבער ר׳ איטשע־מאיר, עס איז דאָך אָבער אַ רחמנות אויף די ווייבער און קינדער! און וואו איז די ליבע צום יידישן פאָלק, וועגן וועלכן ר׳ העניך האָט גערעדט?

מרדכי־יוסף: יאַרטשעווער רב, אָט דאָ זעט איר, האָט איר אַ טעות. איר מישט אויס צוויי זאַכן, רחמנות און ליבע. רחמנות איז נישט ליבע און ליבע איז נישט רחמנות. רחמנות ווייזט נאָר אויף שוואַכקייט, אויף צעקראָכנקייט. אַ מענטש וואָס האָט רחמנות אויף עמעצן איז נישט מסוגל אים צו ליבן. ליבע איז אַ סימן פון שטאַרקייט, פון פעסטקייט, פון גאַנצ־קייט, פון שלימות.

יאַרטשעוווער רב: רופט עס אָן ווי איר ווילט. אָבער איך וויל פאַרט זען דעם רבין. איך וויל אים אַליין שטעלן די פראַגן.

העניך: וואָס ווילט איר, אַז ער זאָל טאָן פאַר די ווייבער און קינדער?

יאַרטשעוווער רב: ער זאָל הייסן די יונגעלייט, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן אַהיים, און אַז להבא זאָל מען מער ווי אויף צוויי וואָכן קיין יונגעלייט דאָ נישט לאָזן זיין!

העניך: און אַז זיי וועלן אים נישט פאָלגן?

יאַרטשעוווער רב: דעם רבין וועלן זיי פאָלגן.

העניך: גוט. איך וועל רעדן מיטן רבין וועגן דעם. איצט הייסט דעם עולם גיין אַהיים.

יאַרטשעוווער רב: (פאַרטראַכט) זאָל איך אייך גלויבן?

איטשע־מאיר: איך וועל אויך רעדן מיטן רבין.

גריצער רב: איך אויך.

מרדכי־יוסף: מיר אַלע פיר! מיר וועלן באַלד רעדן מיט אים.

יאַרטשעוווער רב: זאָגט איר מיר דאָס צו?

איטשע־מאיר: יאָ, מיט גאָטס הילף!

יאַרטשעוווער רב: נו, גוט, מיר געבן אייך צוויי שעה צייט. מיר וועלן וואַרטן אויפן שאָסיי. אין צוויי שעה אַרום לאָזט אונדז וויסן וואָס עס איז ביי אייך געבליבן. אויב נישט וועלן מיר צוריקקומען און מאַכן דאָ אַ חורבן (רופט) אַלע צוריק צום שאָסיי! מיר וואַרטן דאָרט צוויי שעה.

(דער עולם הויבט זיך אָן צו צוגיין. אָבער זייער לאַנגזאַם.)

בערל חסיד: (פאָכעט מיטן שטעקן) נו, געגאַנגען! מאַרש! שנעלער! גיכער! אַרויס פון דאַנען! (זיי גייען אַוועק און ער פאַרמאַכט דעם טויער.)

הירש טאָמאַשאָווער: (גייט צו צום טיר פון בית המדרש, עפנט זי.) נו, שוין איבערגעקומען די צרה! זיי זיינען שוין אַוועקגעגאַנגען. איר קענט שוין אַרויסקומען!

(יונגעלייט קומען אַרויס, שמועסנדיק צווישן זיך.)

איטשע־מאיר: (צו הירשען) מיר ווילן אַריינגיין צום רבין.

הירש טאָמאַשאָווער: ווער וויל אַלץ אַריינגיין?

איטשע־מאיר: מיר פיר. (ציגט אויף העניך, אויף זיך, גריצער רב און מרדכי־יוסף.)

הירש טאָמאַשאָווער: וועגן וואָס?

איטשע־מאיר: מיר האָבן צוגעזאָגט דעם יאַרטשעוווער רב, אַז מיר וועלן רעדן מיטן רבין, און אים געבן אַ תשובה אין צוויי שעה.

הירש טאָמאַשאָווער: וואַרט אַביסל. כ׳וועל אַריינגיין צום רבין אים פרעגן. (אָפּ)

יצחק וואורקער: (קומט אַן מיט אַ דעלעגאַציע פון חסידים, זינגען „וועד ס׳האָט זיך באַהאַלטן״, זיי בלייבן שטיין ביים פאַרמאַכטן טויער.)

בערל חסיד: ווער איז דאָרטן?

(גייט צו צום טויער, דערזעט ר׳ יצחק וואורקער און די דעלעגאַציע, עפנט פאַר זיי דעם טויער. זיי קומען אַן זינגנדיק דעם וואורקער ניגון.)

הירש טאָמאַשאָווער: (צו איטשע־מאירן) **דער רבי קומט באַלד אַרויס!**

יצחק וואורקער: (דערזעט פון ווייטן איטשע־מאירן, העניך, גריצער רב און מרדכי־יוסף. גייט צו צו זיי, גיט זיי די האַנט. מען גיט זיך שלום־עליכם און מען פרעגט זיך נאָך „וואָס מען מאַכט און וואָס ס׳הערט זיך״. שפּעטער באַגריסט זיך אויך הירש טאָמאַשאָווער מיט אים.)

הירש טאָמאַשאָווער: (צו יצחק וואורקער) **נו, געקומען אַהער!! הע? שפּעט, אָבער דאָך געקומען. וואָס דען? אַלץ מוז קומען קיין טאָמאַשאָוו. אין טאָמאַשאָוו ווערט געגעבן נאָך אַ מאָל די תורה בקולות וברקים.**

יצחק וואורקער: נאָכדעם ווי אברהם־משהלע, זכרונו לברכה, דעם רבי ר׳ בונימס זון, איז נפטר געוואָרן, איז זיין עולם געקומען צו מיר. האָב איך זיי געזאָגט, אַז איצט איז די צייט, אַז מיר זאָלן אַלע פאָרן קיין טאָמאַשאָוו.

הירש טאָמאַשאָווער: וואָס דען? אוודאי! אוודאי! וואָס דען?

יצחק וואורקער: כ׳האָב זיי אָבער געזאָגט, אַז נאָר מיט אַ תנאי.

הירש טאָמאַשאָווער: מיט אַ תנאי? וואָס איז דער תנאי?

יצחק וואורקער: איך בין געקומען אַהער מיט אַן עדה יידן צו רעדן וועגן דעם מיטן רבין.

הירש טאָמאַשאָווער: מעג מען וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך?

יצחק וואורקער: דאָס מוז איך רעדן מיטן רבין אַליין.

הירש טאָמאַשאָווער: נו, גוט, דער רבי קומט באַלד אַרויס.

דער רבי: (קומט אַרויס, קוקט זיך אַרום מיט ביסטרע בליקן אויף אַלע זייטן, דערזעט יצחק וואורקער, גייט צו.)

דער רבי: שלום עליכם, יצחק. וואָס מאַכסטו?

יצחק וואורקער: געלויבט השם יתברך.

דער רבי: אברהם־משהלע, זכרונו לברכה, איז גאַנצן געווען רבי צוויי יאָר. כ׳האָב אים אָבער געזאָגט, אַז ער זאָל נישט פירן, האָט ער מיך נישט געפאָלגט. ווען ער וואָלט נישט געווען רבי, וואָלט ער נאָך מאריך ימים געווען, אָבער...

יצחק וואורקער: ער האָט זיך ביי אונדז געבעטן, אַז מען זאָל אים ניט נייטן, אַז ער זאָל זיין רבי. דער עולם האָט אָבער אַנדערש נישט געוואָלט...

דער רבי: דער עולם, די בהמות...

יצחק וואורקער: נו, איצט נאָך זיין הסתלקות, איז דער עולם געקומען צו מיר. האָב איך זיי געזאָגט, אַז איצט איז געקומען די צייט צו פאָרן אַהער.

דער רבי: כ'דאַרף נישט קיין עולם, יצחק!

יצחק וואורקער: עס איז דאָך אייגענע מענטשן, מאנשי שלומינו.

דער רבי: נו, וואָס ווילסטו זאָגן — זאָג! כ'זע דאָך, אַז דו ווילסט מיר עפּעס זאָגן.

יצחק וואורקער: יאָ, מיר האָבן אַ תנאי.

דער רבי: (בייז) דהיינו?

יצחק וואורקער: אַז דער רבי זאָל זיך אָפּגעבן מיט יידן, אויס־הערן זייערע ליידן, טרייסטן זיי, בענטשן זיי, ווינטשן זיי הצלחה, אַמאָל אַפילו אויך מתפּלל זיין פאַר זיי, און אַמאָל העלפן וועמען מיט אַן עצה.

דער רבי: (בייז, לויפט הין און צוריק) צוריק מיט דיינע אַלטע שטיק, יצחק! אַראָפּשלעפּן מיך צו די ווייבער, צום פּראָסטן המון! כ'זאָל ווערן אַ פּרנסה פאַרזאָרגער?

יצחק וואורקער: פאַרקערט, דערהויבן דעם עולם, אים נישט לאָזן פאַלן!

דער רבי: (שטורמיש, שטייט נישט איין אויף אַן אָרט) שוטה, וואָס דו ביסט, כ'האָב דאָך דיר, דאַכט זיך שוין געזאָגט, אַז כדי אויסגעלייזט צו ווערן, מוז מען האָבן אַ דור וואָס זאָל זיין ראוי לגאולה, און אויב נישט אַ דור, זאָל זיין כאָטש עטלעכע מבינים אַזעלכע יידן. מיט צעקראָכענע יידן קען מען גאָר־נישט אויפטאָן.

יצחק וואורקער: מען דאַרף זיי העלפן! אויפהויבן זיי פון זייער שפלות, אַרויסנעמען זיי פון דער בלאָטע.

דער רבי: (שאַרף) איך וויל נישט קריכן צוליב זיי אין דער בלאָטע!

יצחק וואורקער: אויפן וועג אַהער האָב איך געטראָפן אַ סך פרויען וואָס האָבן געוויינט ווייל מען האָט אָפּגעריסן פון זיי זייערע מענער, און מען האָט זיי געמאַכט פאַר עגונות און זייערע קינדער פאַר יתומים.

דער רבי: וואָס ווילסטו, יצחק פון מיר האָבן? מ'האָט אָוועקגענומען אַ הייפעלע יונגעלייט פון זייערע נאַרישע ווייבער און זיי געגעבן עלית נשמה, אַצילות און התעוררות. איך וויל אויפציִען אַ קליינע מחנה פון גאַנצע יידן, וואָס זאָלן זיין ראוי לגאולה! טאַ, וואָס איז דער אומגליק? וואָס האָט איר אַלע אַזוי רחמנות אויף די נאַרישע ווייבער און האָט נישט קיין רחמנות אויף די יונגעלייט וואָס קאָנען נישט שטייגן אין מדרגות צוליב די ווייבער?

יצחק וואורקער: אָבער דאָס הייסט דאָך צעברעכן משפּחות? וואָס וויל־סטו חרוב מאַכן די וועלט?

דער רבי: (אויפגעשטורעמט) מען דאַרף נישט קיין וועלט פון בהמות! עס איז דאָך שוין נישט מעגלעך אויסצוהאַלטן! וואו מען גייט איז נאָר אָקסן

און פערד! יצחק, כ׳וויל האָבן אַ ווינקל, וויל איך. אַ ווינקל פאַר מיר און אַ מחנה פון יונגעלייט וואָס זאָלן טראַכטן אַזוי ווי איך. איך גיב דיר אַוועק די גאַנצע וועלט מיט אַלע בהמות או לאָז מיר איבער בלויז דעם ווינקל. וואָס ווילסטו נאָך פון מיר?

יצחק וואורקער: איך בין אַהערגעקומען מיט אַן עדה יידן. מיר האָבן זיך באמת געוואָלט באַהעפטן מיט דיר, מענדל, אָבער עס איז אוממעגלעך! איך קען נישט צוקוקן רואיק ווי יידן האָבן צער! כ׳קען נישט זיין רואיק! ווער שמועסט נאָך, אַז איך זאָל אַליין פאַרשאַפן יידן צער! דאָס אוודאי נישט! איך וואָלט גיכער אַוועקגעגעבן מיין גאַנץ לעבן אויסצוהיטן איין יידן פון צער. איך קען נישט זען קיין יידישע טרערן! איך מוז אַוועקגיין פון דיר, מענדל!

דער רבי: (שטורמיש) מיט צען צדיקים האָט מען געקענט אָפּראַטעווען סדום, אָבער אַפילו מיט טויזנט נאַראָנים קען מען קיין הויז נישט ראַטעווען. צו זיין אַ רבי פון נאַראָנים מיינט צו זיין אַ גרויסער נאַר, יצחק! אַ נאַר איבער אַלע נאַראָנים! ניין, נישט דאָס איז מיין וועג! (וויל גיין)

איטשע־מאיר: רבי, וואַרט נאָך אַ מינוט. אפשר נישט אַנשטעלן דעם חלף אַזוי שאַרף. עס איז „אלו ואלו דברי אלוקים חיים!” אפשר קען מען עפּעס נאָכגעבן, יצחקען?

העניך: דאָס איז אויך מיין געדאַנק. יידן זיינען פאַרביטערט, זוכן הילף, וואו זאָלן זיי גיין?

גריצער רב: עס איז אַן עת צרה ליעקב. מען מוז העלפן יידן.

מרדכי־יוסף: ווען דאָס יידישע פאָלק איז אין צער איז די שכינה כביכול אויך אין צער.

דער רבי: (מילדער) אָבער וואָס ווילט איר פון מיר? כ׳האָב זיך נישט געלערנט צו זיין אַ „זנאַכער”. כ׳בין קיינמאָל נישט געווען קיין פערד־הענדלער, און איך קען נישט זיין קיין פרנסה־פאַרזאָרגער!

גריצער רב: אָבער בעטן גאָט פאַר יידן!

דער רבי: יעדער ייד קען בעטן צו גאָט. מען דאַרף דערצו קיין שליח נישט. דעם רבונו של עולם קאָן מען נישט אונטערקויפן.

גריצער רב: אָבער זאָגן אַ גוט וואָרט צו יידן?

דער רבי: (קוקט אים אָן בייז) וואָס פאַר אַ וואָרט? דעם אמת ווילן זיי נישט הערן און קיין ליגן זאָגן קאָן איך נישט!

(דריקנדיקע שטילקייט. תמרל קומט אָן.)

תמרל: שלום עליכם יידן!

שטימען: תמרל איז דאָ! תמרל איז דאָ!

דער רבי: (וואַרפט אַ בייזן בליק אויף איר, מיט כעס) נו, אָט איז זי אויך דאָ! אויך זי איז געקומען אַהער שטערן מיין רו! (סאַרקאַסטיש) אפשר פאָרן גאָר צו איר? זי קען אייך זאָגן אַ סך גוטע ווערטער! זי קען אייך געבן

אויך פּרנסה! עס איז דאָך אַ נקבה מיט אַ זעקל גאָלד! (אָפּ. איטשע־מאיר, העני־ניך, גריצער רב און מרדכי־יוסף גייען אים נאָך אין זיין וואוינונג.)

תמרל: (לויפט צו צו יצחק וואורקער) ר׳ יצחק! ר׳ יצחק! איר האָט געהערט ווי ער איז מיר ווידער גראָב פאַרגעקומען (וויינט)...

יצחק וואורקער: וויינט נישט תמרל! אייער שכר וועט זיין גרויס אויף יענער וועלט! איר טוט זייער פיל פאַר יידן.

תמרל: (מיט כעס) וואורקער רבי, פאַרוואָס בעט איר זיך אַזוי ביי אים? איר זעט דאָך, אַז ער איז אַ שלעכטער מענטש! (טאָן ענדערונג) גייט אַרויס און זאָגט אייערע מענטשן, אַז דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר זיי. קומט מיט מיר! איר ר׳ יצחק, זייט דער וואורקער רבי! (גייט צו צו זיינע מענטשן) איך זאָג אייך, אַז איר זאָלט אַלע פאָרן קיין וואורקע! איר הערט! דער וואורקער רבי האָט אַ גאָלדן האַרץ! ווער עס דאַרף פּרנסה זאָל קומען קיין וואורקע! אויב אַ ייד איז חלילה קראַנק, אָבער זיין בני־בית איז קראַנק אָדער ער דאַרף בעטן צו גאָט אויף קינדער — זאָל ער פאָרן קיין וואורקע! איר הערט! נישטאָ קיין גרעסערער ווי דער וואורקער רבי! איר הערט!

שטימען: ריכטיק! תמרל איז גערעכט! מיר׳ן פאָרן קיין וואורקע!

יצחק וואורקער: (צוגייענדיק צו זיינע מענטשן) מיר פאָרן אַ היים!

(די וואורקער חסידים זינגען „ווער ס׳האָט זיך באַהאַלטן". אָפּ דורכן טויער.)

יששכר: (קומט אָן אויסגעפּוצטע אין אַ ווייס קלייד, דערזעט תמרלען) תמרל!

תמרל: יששכר, וואָס עפּעס אַזוי אויסגעפּוצט?

יששכר: היינט איז מיין חופּה־טאָג!

תמרל: מזל טוב! אָבער וואו וועט זיין די חתונה?

יששכר: אָט דאָ! אין רבינס הויף.

תמרל: צווישן די מאָדנע מענטשן? ווי גאָט איז דיר ליב, יששכר, באַטראַכט זיך נאָך! האָב נישט חתונה מיט איינעם פון זיי. ער וועט דאָך דיך נאָך דער חתונה אויך פאַרלאָזן, אַזוי ווי זיי אַלע טוען!

יששכר: איך האָב דערפאַר קיין מורא נישט! איך געהער אויך אַהער. איך וועל זיין דאָ מיט מיין מאַן.

תמרל: און איך פאָר קיין וואורקע, צום וואורקער רבי!

יששכר: וואָס האָסטו אַזוינס געזען אין וואורקער רבי!

תמרל: יששכה, דער גאַנצער עולם פאָרט איצט צו אים. קום מיט מיר, איך וועל פּראַווען דאָרט דיין חתונה מיט גרויס פּאַראַד. איך וועל דיר מאַכן אַ חופּה־קלייד פון לויטער גאָלד.

יששכר: מיין נשמה באַלאַנגט אַהער. איך קען פון דאַנען נישט אַוועק, תמרל.

תמרל: (קושט זי) טאַ, זיי געזונט, יסכה. זאָל עס זיין מיט גליק. (אָפּ)

אליעזר פּולטיסקער: (קומט אָן מיט פלעשער שנאַפּס, רופט אויס הויך) חסידים! היינט איז ביי מיר אַ חתונה. יסכה, מיין איינציקע טאָכטער האָט היינט חתונה. לאָמיר אַלע טרינקען ביז פאַרטאָג. קומט אַהער אַלע! וואו איז דער מחותן ר׳ העניך? (רופט) הירש טאָמאַשאָווער!

הירש טאָמאַשאָווער: שלום עליכם, אליעזר!

אליעזר פּולטיסקער: (צו הירשן) רוף צונויף דעם עולם! היינט איז ביי מיר אַ חתונה! לאָמיר טרינקען.

(יונגעלייט קומען אָן צו טרינקען, ווינטשן אליעזרן און די כלה מזל טוב.)

העניך: (קומט אָן פון רבינס הויז, פאַרטראַכט.)

אליעזר פּולטיסקער: מזל טוב, מחותן! פאַרוואָס טוסטו זיך נישט איי־בער? עס איז דאָך היינט די חתונה פון אונדזערע קינדער!

העניך: עס וועט היינט קיין חתונה נישט זיין!

אליעזר פּולטיסקער און יסכה: (מיט אַ געשריי) וואָס? ס׳וועט היינט קיין חתונה נישט זיין?

העניך: ניין! דער רבי הייסט נישט.

אליעזר פּולטיסקער: דער רבי? ער האָט דיר אַזוי געזאָגט?

העניך: יאָ. כ׳בין אַריינגעגאַנגען אים בעטן אויף דער חתונה, האָט ער מיר געזאָגט: היינט וועט נישט זיין קיין חתונה!

אליעזר פּולטיסקער: שוין צום דריטן מאָל ווי ער לעגט אָפּ די חתונה, און היינט נאָך ערגער ווי אַלעמאָל. צוויי מאָל האָב איך אים געפרעגט, ווען כ׳זאָל מאַכן די חתונה, האָט ער מיר געזאָגט: „וואַרט נאָך.״ האָב איך גע־וואַרט. עס איז דאָך שוין אָבער איבער צוויי יאָר. ווי לאַנג איז דער שיעור? האָב איך אים לעצטנס געזאָגט, אַז איך האָב באַשטימט די חתונה אויף היינט, האָט ער געשוויגן. האָב איך פאַרשטאַנען ,אַז ער איז מסכים, און איך האָב אָנגעגרייט אַן אמתע גבירישע חתונה, און געבראַכט אַהער מיין גאַנץ בני בית, מיין משפחה און פריינט, נו, וואָס וועט איצט זיין?

יסכה: (וויינט) אָבי איך האָב געפאַסט אַ גאַנצן טאָג. אַזאַ פאַרשעמונג!

אליעזר פּולטיסקער: (צו יסכהן) וויין נישט מיין קינד. אַז דער רבי זאָגט נישט, מן הסתם זעט ער דאָך עפּעס וואָס מיר זעען נישט! (צו העניכן) אפשר זאָל איך אַריינגיין צו אים?

העניך: פּרוביר, נו, אדרבה! ער איז אָבער זייער בייז היינט!

אליעזר פּולטיסקער: מען דאַרף פרעגן הירשען. (רופט) הירש!

הירש טאָמאַשאָווער: וואָס איז?

אליעזר פּולטיסקער: כ׳וויל אַריינגיין פרעגן עפּעס דעם רבין.

הירש טאָמאַשאָווער: וואָס ווילסטו אים פרעגן?

אליעזר פּולטיסקער: כ'האָב צוגעגרייט אַ חתונה אויף היינט. איצט זאָגט מיר ר' העניך, אַז דער רבי האָט געזאָגט, אַז עס וועט היינט קיין חתונה נישט זיין.

הירש טאָמאַשאָווער: ער האָט מיר אויך אַזוי געזאָגט.

אליעזר פּולטיסקער: טאָ, וויל איך אַריינגיין אים פרעגן: ווען יאָ?

הירש טאָמאַשאָווער: בהמה! היינט וועט שוין זיכער קיין חתונה ניט זיין. אַז ער זאָגט נישט איז נישט! נו, צו פרעגן אים ווען יאָ? דערויף האָס־טו נאָך צייט!

אליעזר פּולטיסקער: מיין מיינונג איז, אַז עס איז בעסער איך זאָל עס אים היינט פרעגן.

הירש טאָמאַשאָווער: און מיין מיינונג איז נישט אַריינגיין איצט צו אים. ער לויפט אַרום ווי אַ פאַרוואונדעטער לייב און שרייט. העניך וויסט עס. איטשע־מאיר און דער גריצער רב האָבן שוין פּרובירט צורעדן צו אים און עס גייט נישט. לאָז היינט אָפּ! איך וועל אים שוין אַליין פרעגן אַן אַנדער מאָל.

אליעזר פּולטיסקער: און וואָס זאָל איך טאָן מיט אַלעם וואָס איך האָב אָנגעגרייט?

הירש טאָמאַשאָווער: וואָס זאָרגסטו זיך אַזוי וועגן דעם? ברענג אַלץ אַהער, וועט מען דאָ מאַכן אַ גרויסן מאָלצייט. עס וועט זיין אַ חתונה אָן חתן־כלה. (אָפּ)

אליעזר פּולטיסקער: נו, יסכה, קענסט שוין אויסטאָן דאָס חופּה־קליד. גיי צוריק אויף אונדזער אכסניה און זאָג עס דער מאַמען און אַלע אייגענע. איך וועל באַלד קומען אַהין.

יסכה: (ווישט די אויגן, אָפּ.)

אליעזר פּולטיסקער (רופט) בערל! בערל חסיד!

בערל חסיד: וואָס איז, אליעזר?

אליעזר פּולטיסקער: איך האָב געבראַכט אַ סך עסנוואַרג, בולקעס, פליייש און פיש און יי״ש פאַר דער חתונה פון מיין טאָכטער. נו, דער רבי הייסט נישט, אַז עס זאָל היינט זיין די חתונה. טאָ גיי צו מיין אכסניה און ברענג אַלץ אַהער און צעטייל עס צווישן עולם.

בערל חסיד: אויב איר גייט אַהין, וועל איך גיין צוזאַמען מיט אייך (ביידע אָפּ).

משה־מיכל ביאַלער: (קומט אַריין דערשראָקן; לויפט צו צו הירש טאָמאַשאָווער) הירש, דער יאַרטשעווער רב קומט באַלד צוריק אַהער מיט זיין גאַנצע באַנדע ווייבער! אַחוץ דעם וועט באַלד קומען אויך אַהער דער היגער רב מיט אַ כאַפּטע מתנגדים. עס זעט אויס זער שלעכט. זיי גייען אויך

אָפּזאָגן אונדזערע יונגעלייט פון אַרבעטן ביי דער שול. עס ווערט זיך דאָ טאָן חושך! מיין מיינונג איז, אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן טאָמאַשאָוו.

הירש טאָמאַשאָווער: וואָס מיינסטו? וואוהין זאָלן מיר פאָרן?

משה־מיכל ביאַלער: קיין קאָצק! עס איז אַ שיין שטעטל לעבן מיין שטאָט ביאַלע און דער עיקר — עס זיינען דאָרטן דאָ אַ סך פון אונדזערע חסידים. איך וועל אויסבויען דאָרט פאַרן רבין אַ גרויס בית המדרש און אויך אַ גרויסע וואוינונג. דערווייל וועל איך אָוועקגעבן דעם רבין מיין הויז וואָס איך האָב דאָרטן. קאָצק איז אַ בעסערע שטאָט, מיט בעסערע יידן, אַלץ אייגענע מענטשן. צו וואָס זיין צווישן מתנגדים? לאָמיר אַריינגיין צום רבין און פועלן דאָס ביי אים.

הירש טאָמאַשאָווער: גוט, קום מיט מיר. (ביידע אָפּ אין רבינס וואוינונג.)

יאַרטשעווער רב: (קומט אָן מיטן עולם פון ווייבער און קינדער. עס קומט אויך אָן דער טאָמאַשאָווער רב מיט אַ גרויסע מחנה יידן. די יונגעלייט אַנטלויפן ווידער אין בית המדרש.)

טאָמאַשאָווער רב: איך וועל נישט דערלאָזן קיין נעסט פון זינד ביי מיר אין שטאָט!

1טער בעל בית: מיר וועלן זיי מער נישט לאָזן אַרבעטן ביי דער שול!

2טער בעל בית: זיי זיינען ערגער פון משומדים!

3טער בעל בית: וואו איז דער רבי? מען דאַרף אַריינגיין צום רבין. (זיי לאָזן זיך גיין אַהין.)

בערל חסיד: (פאַרשטעלט זיי דעם וועג) צוריק!

(אַ מחנה יידן לאָזן זיך צום בית המדרש, האַקען אויס שויבן.)

משה־מיכל ביאַלער: (קומט אַרויס פון רבין, רופט אויס הויך) זאָל זיין שטיל! איך וויל עפּעס זאָגן!

טאָמאַשאָווער רב: זאָל זיין שטיל!

משה־מיכל ביאַלער: איך האָב נאָר וואָס גערעדט מיטן רבין. ער האָט מיר געזאָגט אַז מיר פאַרלאָזן טאָמאַשאָוו. דער רבי וועט זיך באַזעצן אין קאָצק. אַ נייע זון וועט אויפשיינען אין קאָצק!

הירש טאָמאַשאָווער: (קומט אַרויס פון רבינס וואוינונג, רופט אויס הויך) מיר פאָרן קיין קאָצק. אין אַ מזלדיקער שעה!

יונגעלייט: קיין קאָצק! קיין קאָצק! אַ נייע זון וועט אויפשיינען אין קאָצק! הוראַ! הוראַ!

(זינגען: „וואו וואוינט דער אייבערשטער" און לאָזן זיך אַוועק אין אַ טאַנץ.)

(פאָרהאַנג)

צווייטער אַקט

ערשטע סצענע

(אַ נײַ בית המדרש. די מזרח־וואַנט מיטן אָרון קודש איז קעגן פּובליקום; צו לינקס — הויפּט אַרײַנגאַנג. אין פראָנט פון אָרון קודש — אַ „שויתי" און אַן עמוד צו דאַווגען. נישט ווייט פון דאָרטן ביי דער וואַנט צורעכטס — אַ באַלעמער באַדעקט מיט אַ פּרוכת. נאָכן באַלעמער אַ לאַנגער טיש צוגעדעקט מיט אַ טישטוך, מיט צוויי בענק פון ביידע זײַטן. לעבן דער טיר לינקס אַ שאַנק מיט ספרים. דער כיור איז לעבן דער טיר לינקס. רעכטס, צווישן באַלעמער און די מזרח וואַנט — אַ טיר צום רבינס וואוינונג. ס׳איז שבת נאָכמיטיק. חסידים זיצן ביי די טישן און לערנען.)

מרדכי־יוסף: (זיצט ביי אַן עק פון טיש און לערנט מיט התמדה. נישט ווייט פון אים זיצן פיר חסידים און שמועסן.)

1טער חסיד: יצחק וואורקער איז געוואָרן אַ גרויסער רבי.

2טער חסיד: (מיט ביטול) אויך מיר אַ רבי! ר׳איז אַ ווייבערישער רבי, אַ רבי וואָס...

3טער חסיד: (שלאָגט אים איבער די רייד) ר׳איז שוין גאָרנישט קיין ווייבערישער רבי! ער האָט אַ גרויסן עולם פון אָנגעזעענע חסידים.

4טער חסיד: יעדנפאַלס אַ גרעסערן עולם ווי מיר האָבן. ווען ער איז דאָ געווען מיט עטלעכע וואָכן צוריק, אויף שבת שירה, איז צוליב אים געקומען אַהער אַ גרויסער עולם פון זײַנע חסידים.

מרדכי־יוסף: (רייסט איבער דאָס לערנען) און פאַרוואָס זאָלן חסידים נישט פאָרן צו אים? ער איז אַ גרויסער צדיק און דערצו אויך אַ גרויסער גאון אין לערנען און צו דעם אַלעם איז ער אַ נוח לבריות, אַ האַרציקער מענטש, וואָס האָט אַ גוט וואָרט פאַר יעדן איינעם. ער איז אַן אמתער אוהב ישראל. ער האָט ממש אויסערגעוויינלעך ליב יידן. ווען עס קומט צו אים אַ ייד, אינטערעסירט ער זיך מיט אים. איינעם גיט ער אַ ברכה, אַ צווייטן — אַן עצה, פאַר אַ דריטן — טוט ער תפילה, גאָרנישט אַזוי ווי דאָ, וואו מען גייט אַרום און מען בלאָזט פון זיך.

1טער חסיד: (בייזלעך) מרדכי יוסף! ווי אַזוי דערוועגסטו זיך צו ריידן אויף אונדזער רבין?!

מרדכי־יוסף: אין קאַצק האָט מען ליב דעם אמת!

1טער חסיד: אַז מען האַלט מיטן וואורקער איז מען קעגן קאַצק.

מרדכי־יוסף: מען דאַרף אַזוי נישט טראַכטן.

1טער חסיד: צי מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט איז אַן אַנדערע זאַך, אָבער אַזוי איז עס! אונדזער רבי איז נישט גורס דעם וואורקערס דרך, און אַזוי אויך נישט די חסידים. שאַ, האָסט דאָך אַליין געזען מיט טעלעכע וואָכן צוריק ווען דער וואורקער איז דאָ געווען, ווי אונדזערע יונגעלייט האָבן כסדר געמאַכט לצנות פון אים, און אַפילו ווען דער וואורקער האָט גערעדט מיטן רבין, שבת נאָכמיטיק, אָט דאָ אין בית המדרש, האָבן זיי אַריינגעשריען פון דרויסן „שוואַרצער יצחק״! „אויך מיר רבי״! געדענקסט עס דאָך?

מרדכי־יוסף: איך בין דעמאָלט נישט געווען אין בית המדרש, אָבער עס איז טאַקע נישט שיין געווען. איבעריקנס האָט דאָך דער רבי אַליין אָנגעשריען אויף די יונגעלייט און זיי זיינען טאַקע שטיל געוואָרן.

1טער חסיד: דאָס איז געווען מער צוליבן גאַסט, וואָרים שפּעטער האָט דאָך דער רבי אַליין געגעבן דעם וואורקער אַ שטאָך.

מרדכי־יוסף: איך האָב עפּעס געהערט דערפון.

1טער חסיד: אוודאי. אַלע האָבן דערנאָך גערעדט דערפון. עס איז אַזוי געווען: פאַרן אַוועקפאָרן האָט דער וואורקער געזאָגט צום רבין: „זעסטו מענדל, אַ גאַנצן טאָג שבת זיינען קאַצקער חסידים געווען צוזאַמען מיט וואורקער חסידים און מען האָט זיך נישט געקריגט, איז אַ סימן, אַז מיט דער צייט וועלן וואורקער חסידים מיט קאַצקער חסידים נאָך לעבן בשלום!״ דערויף האָט זיך דער רבי אָנגערופן: „אויב אַזוי — איז שלעכט! איך האָב איצט מורא, אַז דאָס קאַפּיטשקעלע אמת וואָס איז נאָך געווען ביי מיינע חסידים, וועט אויך דערטרינקען ווערן אין גרויסן שקר פון וואורקע״.

מרדכי־יוסף: עס איז געווען נישט מער ווי אַ ווערטל. אָבער איך בין לעצטנס זייער אומרואיק וועגן אונדזער דרך.

1טער חסיד: דהיינו?

מרדכי־יוסף: זינט דער רבי האָט זיך באַזעצט אין קאַצק, איז געוואָרן נאָך ערגער ווי פריער. ער האָט אינגאַנצן פאַרמאַכט די טיר, אַפילו פאַר אייגענע. מילא, פריער האָט עס געהייסן, אַז ער וויל האָבן אַ קלענערע עדה פון יחידי סגולה, אַז ער וויל נישט קיין גרויסן עולם, קיין בהמות ווי ער רופט זיי אָן. איצט לאָזט מען קיינעם נישט צו. אַפילו די אייגענע. הייסט עס, אַז מיר זיינען שוין אויך בהמות! האַ?

1טער חסיד: זעסט, דאָס איז טאַקע נישט גוט. אָבער הירש זאָגט, אַז דער רבי איז כסדר פאַרטיפט. ער שוועבט אין די עולמות העליונים.

מרדכי־יוסף: טאָ, וואָס האָב איך דאָ צו טאָן? איך האָב שוין נישט געזען דעם רבין צוויי וואָכן, און מיט צוויי וואָכן צוריק האָב איך אים

בלויז געזעצן אויף עטלעכע מינוט. איך בין געקומען אַהער צו לערנען עפּעס ביים רבין, צו שמועסן מיט אים אין תורה, אין חסידות, אָבער גלאַט זיך אַרומ־דרייען דאָ איז פאַר מיר קיין תכלית נישט. דאָס קען איך טאָן אין איזשביצע אויך.

איטשע־מאיר: (לויפט דורך גיך דורכן בית המדרש צו דער טיר רעכטס.)

מרדכי־יוסף: (רופט) איטשע־מאיר! איטשע־מאיר!

איטשע־מאיר: איך האָב איצט קיין צייט נישט!

מרדכי־יוסף: קום נאָר אַהער אויף אַ מינוט. איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן.

איטשע־מאיר: (גייט צו אומגעדולדיק) וואָס איז?

מרדכי־יוסף: ס'איז נישטאָ מער קיין כוח אויסצוהאַלטן! זינט דער רבי האָט זיך אַרויסגעצויגן קיין קאָצק איז ערגער געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגע־שלאָסן פון דער וועלט, און באַהאַלט זיך אַפילו פון אונדז אויך. דו האָסט, דוכט זיך, געזאָלט רעדן מיט אים, אַז ער זאָל עפענען די טיר. האָסטו עס גע־טאָן?

איטשע־מאיר: (איילענדיק זיך) כ'האָב שוין גערעדט און איך וועל נאָך אַ מאָל רעדן.

מרדכי־יוסף: ער מוז עפענען די טיר! אויב נישט פאַר איך אַוועק פון דאַנען, ווייל איך האָב נישט דאָ וואָס צו טאָן.

איטשע־מאיר: וואָס סטראַשעסטו?

מרדכי־יוסף: איך סטראַשע נישט, נאָר עס מוז אַ סוף נעמען! עס איז נישט בלויז וועגן מיר. עס איז מער וועגן עולם. מיר זיינען דאָך נישט קיין בהמות, נאָר טאַקע געקליבענע מענטשן, יחידי סגולה. קיינער פון אונדז איז נישט געקומען אַהער צוליב פּרסה.

איטשע־מאיר: מרדכי־יוסף! ער איז אונדזער רבי און דאָס איז זיין דרך! דאָס איז דער קאָצקער דרך! ווער עס קומט קיין קאָצק מוז אָננעמען דעם רבין און דעם רבינס דרך!

מרדכי־יוסף: וואָס פאַר אַ דרך איז עס? עס איז גאָר קיין דרך נישט. לגמרי נישט! עס איז נישט קיין דרך, אַז חסידים וואָס קומען צו זייער רבין, זאָלן זיך אַרומדרייען וואָכן לאַנג און אים פאַר די אויגן נישט אָנזען. אדרבה, אָט וועל איך עס דיר באַווייזן. (ווענדט זיך צום ערשטן חסיד) ווי לאַנג ביזטו שוין דאָ?

1טער חסיד: פיר וואָכן.

מרדכי־יוסף: און געזען דעם רבין?

1טער חסיד: ניין, אַפילו קיין שלום נאָך נישט גענומען.

מרדכי־יוסף: און ווי לאַנג קענסטו דאָ זיין?

1טער חסיד: ווי לאַנג? נאָך אַ וואָך, נאָך צוויי וואָכן.

מרדכי־יוסף: און דערנאָך וועסטו פאָרן אַהיים, אַפילו ווען ער וועט זיך נישט געזעגענען מיט דיר?

1טער חסיד: אַ ברירה וועל איך האָבן! כ׳קען דאָך דאָ נישט זיין אייביק...

מרדכי־יוסף: (צו איטשע־מאיר טריומפירנדיק) נו, וואָס האָב איך דיר דיר געזאָגט? דער עולם ווערט מיד פון אַזאַ פירונג! עס טויג נישט!

איטשע־מאיר: (אומגעדולדיק) כ׳האָב איצט קיין צייט נישט. פאָלג מיך און רעד וועגן דעם מיט הירשען, איך בין דערפאַר אַז דער רבי זאָל פירן טיש יעדן שבת, אַז ער זאָל פּרייטיק נאָכמיטאָק אויפנעמען דעם עולם, און שבת אין אָוונט און אויך זונטיק געזעגענען זיך מיט די וואָס דאַרפן אָוועקפאָרן.

הירש טאָמאַשאָווער: (קומט אַרויס פון דער טיר, רעכטס, שרייט) נו, איטשע־מאיר, וואו ביסטו? וואָס האָסטו זיך פּלוצים פאַררעדט דאָרטן? מען וואַרט דאָך אויף דיר!

איטשע־מאיר: מיר וועלן נאָך רעדן דערפון! (אָפּ גיך צום טיר רעכטס)

מרדכי־יוסף: חסידים, וואָס וועלן מיר דאָ זיצן און בטלען. קומט, לאָמיר גיין אין וואַלד אַריין און שמועסן וועגן חסידות, קומט אַלע!

1טער חסיד: זייער גוט. כאָטש עפּעס האָבן פון קאָצק! כאָטש נישט אַהיימפאָרן מיט גאָרנישט.

2טער חסיד: מען דאַרף אַלעמאָל מאַכן אַזאַ שפּאַציר און טאַקע מיט מרדכי־יוספן. אַז דער רבי פאַרלאָזט אונדז, זאָל כאָטש מרדכי־יוסף זיין אונדזער מדריך.

מרדכי־יוסף: מיר געפעלט נישט דאָס וואָרט „כאָטש".

2טער חסיד: נו, כ׳מיין, דו גייסט דאָך דיך נישט פאַרגלייכן צום רבין.

מרדכי־יוסף: (בייזלעך) דאָס בלייבט צו זען שפּעטער!

(צווייטער חסיד קוקט זיך איבער מיטן ערשטן, אַלע גייען אַרויס מיט מרדכי־יוספן.)

(הירש טאָמאַשאָווער און איטשע־מאיר קומען אַריין פון טיר רעכטס.)

הירש טאָמאַשאָווער: (צו איטשע־מאירן) וואָס האָסטו געהאַט פריער אַזאַ ערנסטן שמועס מיט מרדכי־יוספן?

איטשע־מאיר: אַלץ וועגן דערזעלבער זאַך, אַז דער רבי זאָל עפענען די טיר, פירן טיש און אָננעמען חסידים. מרדכי־יוסף סטראַשעט, אַז אויב דער רבי וועט עס נישט טאָן, וועט ער פאַרלאָזן קאָצק.

הירש טאָמאַשאָווער: ער קוואָקעט שוין לאַנג אויף רביסטוואָ! פאַר אים דאַרף מען זיך היטן! איך האָב שוין געזען ווי ער דרייט זיך אַרום צווישן די וואָס קומען נישט אָן אַזוי גיך צום רבין, און ווינטשט זיי ברכות, גיט זיי עצות. ער וועט אוודאי באַלד נעמען קוויטלעך אויך!

איטשע־מאיר: מכוח דער טענה וואָס ער האָט צום רבין איז ער גע־רעכט. דער רבי דאַרף עפענען די טיר פאַר די אייגענע. חסידים ווערט מיאוס זיך אַרומצודרייען שלינג־און־שלאַנג אין בית המדרש טאָג־איין און טאָג־אויס און וואַרטן צו נעמען שלום ביים רבין.

הירש טאָמאַשאָווער: וועגן דעם, וועל איך מיט דיר רעדן שפּעטער. אָבער וואָס זאָגסטו וועגן דעם שליח פון קיר"ה? האָסט דאָך גערעדט מיט אים. ווער איז ער?

איטשע־מאיר: ער איז מאנשי שלומינו.

הירש טאָמאַשאָווער: אַזש פון קיר"ה?

איטשע־מאיר: פון קראָקע. זיי האָבן דאָרטן אַ קאַצקער שטיבל.

הירש טאָמאַשאָווער: עפּעס געפעלט מיר נישט דער הולך זיינער! ער זעט דאָך אויס ווי אַ דייטשל, עפּעס ווי איינער פון די חברה פון די „בערלי־נער".

איטשע־מאיר: חס ושלום! ער איז אַ דאָקטאָר, אָבער...

הירש טאָמאַשאָווער: אַ דאָקטאָר?

איטשע־מאיר: יאָ, אַ צאָן־דאָקטאָר. ער הייסט ד"ר יוסף קאַך, אָבער ער איז אַ פרומער ייד, און דער עיקר ער האַלט שטאַרק פון רבין.

הירש טאָמאַשאָווער: און צוליב וואָס איז ער געקומען אַהער?

איטשע־מאיר: ער איז געשיקט געוואָרן אַהער פון קיר"השן שטיבל. ער האָט מיר דערציילט אַז די קיר"ה רביים קלייבן זיך צו רופן אַן אסיפה קעגן קאָצק.

הירש טאָמאַשאָווער: אַזוי גאָר! פאַרוואָס געפעלט זיי נישט קאָצק?

איטשע־מאיר: אָט וועגן דעם האָב איך דאָך טאַקע די גאַנצע צייט מיט אים גערעדט.

הירש טאָמאַשאָווער: נו, וואָס זאָגט ער?

איטשע־מאיר: ער זאָגט, אַז זיי האָבן דריי טענות צו אונדז. די ער־שטע טענה איז, די אַלטע מעשה, וועגן זמן תפילה. די צווייטע טענה איז אויך אַן אַלטע, וועגן דעם וואָס מען רייסט אָוועק די יונגעלייט פון די ווייבער.

הירש טאָמאַשאָווער: און די דריטע טענה?

איטשע־מאיר: די דריטע טענה איז קעגן דעם וואָס דער רבי האָט זיך פאַרמאַכט.

הירש טאָמאַשאָווער: וואָס איז דאָס זייער עסק? וואָס האָט דאָס מיט זיי צו טאָן?

איטשע־מאיר: זיי טענהן, אַז דער רבי אין זיין יחידות צימער, לערנט אין נישט־יידישע ביכער, און אַז ער גרייט זיך צו געבן די יידן אַ נייע תורה, וואָס איז קעגן יידישקייט.

הירש טאַמאַשאָווער: (מאַכט אַ זויערע מינע) משוגע מיינע שונאים! אַן איינפאַל גאָר! (טאָן ענדערונג) נו, וואָס ווילן זיי טאָן וועגן דעם?

איטשע־מאיר: זיי ווילן רופן אַן אסיפה, פונקט ווי מען האָט אַמאָל גערופן אַן אסיפה קעגן רבי ר' בונם.

הירש טאַמאַשאָווער: (ציט מיט די פּלייצעס) אַן אסיפה? אָבער וואָס קען אַזאַ אַסיפה אויפטאָן? קאָנען זיי זאָגן אַ דעה דעם רבין ווי ער זאָל זיך פירן?

איטשע־מאיר: געוויס נישט! אָבער זיי ווילן אַריינלייגן דעם רבין אין די דריי אותיות.

הירש טאַמאַשאָווער: (שפּרינגט אויף) אין די דריי אותיות!... געהערט אַ חוצפה! זיי וועלן דאָס נישט אויספירן! אַזוי פיל עזות וועלן זיי נישט האָבן!

איטשע־מאיר: אַ קשיה וואָס עס קאָן נאָך איינפאַלן קיר״השע נאַראָנים!

הירש טאַמאַשאָווער: און צוליב דעם איז ער דאָס געקומען אַהער?

איטשע־מאיר: יאָ!

הירש טאַמאַשאָווער: אָבער עפּעס געפעלט מיר נישט דאָס מענטשל. איז ער עפּעס אַ בר־הכי?

איטשע־מאיר: ער איז מלא וגדוש! אַ גדול בנגלה ובנסתר.

הירש טאַמאַשאָווער: טאַקע? האָסט מיט אים געשמועסט אין לערנען?

איטשע־מאיר: אין נסתר אויך.

הירש טאַמאַשאָווער: אַזוי!! נו, אַז דו זאָגסט, ווייסטו דאָך! אויב אַזוי איז עפּעס אַנדערש! (טאָן ענדערונג) און וואָס וויל ער דאָ טאָן?

איטשע־מאיר: ער וויל קודם כל רעדן מיטן רבין.

הירש טאַמאַשאָווער: האָסט געזאָגט דער רבי וועגן דעם?

איטשע־מאיר: יאָ.

הירש טאַמאַשאָווער: וואָס האָט דיר דער רבי געענטפערט?

איטשע־מאיר: ער האָט מיר געענטפערט מיט די ווערטער: „איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט קומען! איך האָב אים דערוואַרט!"

הירש טאַמאַשאָווער: (שטוינענדיק) אַזוי האָט ער געזאָגט?

איטשע־מאיר: ממש, בזה הלשון!

הירש טאַמאַשאָווער: ער האָט עס געזען ברוח הקודש!

איטשע־מאיר: הירש, רעד נישט פון רוח הקודש! דו ווייסט דאָך, אַז אין קאָצק האַלט מען נישט פון די זאַכן. דו ווייסט וואָס דער רבי האָט אַמאָל געזאָגט: „אותות ומופתים בארץ בני חם" — אותות און מופתים זיינען גוט

פאַר אַ כאם... דער רבי זעט יעדן טאָג אַ סך זאַכן, אָבער ער רעדט נישט דערפון.

הירש טאָמאַשאָווער: איך ווייס. דער רבי זעט מער און ווייטער אַפילו ווי דער „חוזה". נאָר דער „חוזה" האָט זיך אויסגערימט דערמיט און דער רבי נישט. ביים רבין וואַלגערן זיך מופתים אַרום אויף דער ערד, און ער קוקט זיך אַפילו נישט אום אויף זיי. ער האַלט נישט שטאַרק פון „חוזה".

איטשע־מאיר: אָבער פון שניאור זלמן שניאורסאָן, דער מחבר פון תניא האַלט ער גאָר!

הירש טאָמאַשאָווער: אַזוי? פון וואַנען ווייסטו עס?

איטשע־מאיר: מיר האָבן געשמועסט אין לערנען, האָב איך אים געזאָגט, אַז אַזוי שטייט אויך אין תניא. האָט ער זיך אָנגערופן: אַ ליטוואַק בלייבט אַ ליטוואַק. שניאור זלמן פון ליאדי וואָס האָט שוין דערגרייכט די העכסטע מדרגות פון חסידות אין זיין „תניא", האָט זיך אַלץ אָן אַ שלחן ערוך נישט געקענט רירן און זיך געשאָפן באַדאַי אַן אייגענעם שלחן ערוך, אָבער ער איז געווען גרויס בנגלה ובנסתר.

הירש טאָמאַשאָווער: אויב אַזוי זיינען דאָ צוויי פון וועמען ער האַלט: פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער און פון ר׳ שניאור זלמן פון ליאדי.

איטשע־מאיר: ריכטיק! (טאָן ענדערונג) אָבער, הירש, מען מוז עפּעס טאָן וועגן עולם. אַלע זיינען אומצופרידן. מען מוז רעדן מיטן רבין, ער זאָל עפענען די טיר.

הירש טאָמאַשאָווער: איך בין גרייט אַריינצוגיין מיט דיר צו אים אַפילו איצט, ווילסט?

איטשע־מאיר: גוט, איך גיי מיט דיר!

(ביידע מאַכן אַ באַוועגונג צו גיין צום רבין.)

דער רבי: (קומט פונקט אָן דורך דער טיר פון רעכטס, קוקט זיך אַרום) וואו זיינען זיי אַלע?

איטשע־מאיר: עס איז זה בכה וזה בכה. די חסידים בלאָנקען אַרום. זיי זיינען מתרעם דערויף וואָס זיי האָבן נאָך קיין שלום נישט גענומען. אַנדערע ווידער ווילן זיך געזעגענען צו קענען פאָרן אַהיים. דער עולם וויל, אַז דער רבי זאָל אויפנעמען דעם עולם פרייטיק נאָכמיטאָק, צו נעמען שלום; שבת זאָל דער רבי פירן טיש און שבת־נאַכט און זונטיק געזעגענען דעם עולם.

דער רבי: וואָס איז די איילעניש אַזוי?

איטשע־מאיר: מענטשן מוזן איצט שווערער אַרבעטן. עס איז געוואָרן אַ גרויס יקרות אויף דער וועלט.

דער רבי: פאַרוואָס איז אַ יקרות, ווייל אַלע מענטשן ווילן עסן. זאָלן

אלע מענטשן זיך נעמען צום לערנען, וועט ווערן אַ יקרות אויף לערנען, וועט ממילא עסנוואַרג ווערן ביליק.

איטשע־מאיר: מען דאַרף דאָך עפּעס טאָן, רבי, וועגן די חסידים וואָס קומען אַהער און ווילן נעמען שלום.

דער רבי: זאָלן זיי וואַרטן, וואָס? זיי האָבן קיין צייט נישט?!

איטשע־מאיר: און וואָס זאָל מען טאָן וועגן דער שליחות פון קיר״השן? ער וויל רעדן מיטן רבין.

דער רבי: אַ, דער צאָן־דאָקטאָר מיינסטו? כ׳האָב זיך געריכט אויף אים. מען האָט מיר מגלה געווען וועגן זיין קומען...

(אַ באַוועגונג צווישן עולם)

איטשע־מאיר: ווען וועט דער רבי אים זען?

דער רבי: כ׳האָב געוואַרט אויף אים דאָנערשטיק ביינאַכט. ווען ער האָט געדאַרפט קומען, האָט ער זיך אָבער פאַררעדט אויף דער קרעטשמע מיטן קרעטשמערס טאָכטער און געקומען ערשט פרייטיק. וועט ער דער־פאַר דאַרפן וואַרטן.

איטשע־מאיר: ווי לאַנג?

דער רבי: ביז כ׳וועל קומען צוריק פון וואורקע.

איטשע־מאיר: (פאַרוואונדערט) פון וואורקע?

דער רבי: יאָ, איטשע מאיר. די רביצין איז קראַנק און וויל דורכ־אויס פאָרן קיין וואורקע, און איך זאָל מיטפאָרן. מיר וועלן אי״ה אָפּפאָרן אַהין באַלד נאָך הבדלה.

איטשע־מאיר: אויף ווי לאַנג?

דער רבי: (לייגט אַרויף די האַנט אויפן מויל, אַלס צייכן אַז ער קען ניט זאָגן.)

איטשע־מאיר: אָבער די קיר״השע רביים ווילן רופן אַן אסיפה אַריינ־צוליגן קאָצק אין די דריי אותיות.

דער רבי: (סאַרקאַסטיש) אַזש אין די דריי אות׳יות?!... פּש... פּש... פּש!.. הייסט עס, אַז נאָך מיין טויט וועט מען מיך אַריינוואַרפן אין גיהנום! נו, איטשע־מאיר, ווייסטו וואָס איך וועל טאָן? איך וועל אַרויפגיין אויפן דאַך פון גיהנום און זאָגן תורה. וועלן דאָך אַלע צדיקים פון גן־עדן קומען צולויפן צו הערן מיין תורה. נו, אויב אַלע צדיקים וועלן דאָרטן זיין, וועט דאָרטן זיין דער גן־עדן!

איטשע־מאיר: (איינגעשפּאַרט) עס זיינען דאָ חסידים, רבי, וואָס ווילן אַהיימפאָרן.

דער רבי: זאָלן זיי פאָרן! ווער האַלט זיי דען דאָ!

איטשע־מאיר: זיי ווילן זיך אָבער געזעגענען מיטן רבין.

דער רבי: שלום־נעמען און געזעגענען זיך זיינען נאַרישקייטן! מען קען

קומען צום רבין און זיין דאָ אַז שלום־נעמען און אויך אָװעקפאָרן אַן געזע־גענען זיך. די הויפּט זאַך איז, אַז חסידים זאָלן מיטנעמען פון דאַנען דריי זאַכן: קענען זיך, שטייגן איבער זיך און נישט אַראָפּקוקן אונטער זיך!

איטשע־מאיר: אָבער נישט אַלע זיינען דאָך זוכה צו אַזעלכע הויכע מדרגות.

דער רבי: עס שטייט געשריבן „מרובים צרכי עמך ודעתם קצרה", וואָס פאַר אַ מחותן איז איינס מיטן אַנדערן? איז דער תירוץ, אַז דער פּשט איז אַזוי: „מרובים צרכי עמך", די געברויכן פון דיין פאָלק זיינען גרויס. פאַרוואָס? — ווייל „ודעתם קצרה", ווייל זיי זיינען קנאַפּע בר־דעתן. וואָלטן זיי בעסער פאַרשטאַנען, וואָלטן זיי גאָרנישט אַזויפיל פאַרלאַנגט.

איטשע־מאיר: אָבער רבי...

דער רבי: (רואיק) איטשע־מאיר, הער זיך צו. ווען כ'בין אַוועק פון פּשיסכע האָב איך דאָס נישט געמיינט! כ'האָב נישט געטראַכט גאָר און נישט געוואָלט גאָר זיין אַ רבי פון אַ גרויסן עולם. כ'האָב געוואָלט האָבן אַ הייפעלע אויסגעקליבענע יונגעלייט, וואָס זאָלן זיך קאָנען אָפּזאָגן פון אַלע הבלי עולם הזה, כדי זוכה צו זיין, צו קומען אין שאָטן פון כביכול; איך האָב געמיינט אַז עס וועלן זיין צוויי מנינים יחידי סגולה, וואָס זאָלן נישט דאַרפן קיין שום גשמיות, וואָס זאָלן צודעקן זייער לייב מיט וואָס עס איז, שלאָפן אויף אַ האַרטע באַנק און עסן אַ קדחת, אָבער דערפאַר קאָנען שטייגען אויף דעם לייטער וואָס פירט צום הימל. וואָרום וויסן זאָלסטו, איטשע־מאיר, אַז ערשט נאָכדעם ווי אַ מענטש ווייזט זיך אַליין אַ פייג, איז ער ביכולת צו ווייזן אַ פייג דער גאַנצער וועלט! איך האָב געוואָלט האָבן דינער פון אמת! און גלויב מיר איטשע־מאיר, אַז עס איז כדאי! עס איז כדאי זיך אָפּצוזאָגן פון כל הבלי העולם הזה כדי צו קאָנען רוען אין שאָטן פון דער גרויסער ליכט פון אייביקן אמת...

איטשע־מאיר: אָבער „לאו כל אדם זוכה", נישט יעדער איינער קאָן קומען צו אָט דער מדרגה.

דער רבי: טאָ וואָס ווילן זיי פון מיר? אַז איך זאָל זיך אַראָפּלאָזן צו זיי?

איטשע־מאיר: ניין, אויפהויבן זיי צו זיך.

דער רבי: איטשע־מאיר, דו מאַכסט אַ טעות. מען קאָן נישט נעמען אַ קליין מענטשעלע וואָס האָט אַ קליין מוח'ל און אים הייסן טראַכטן הויכע רעיונות; משל למה הדבר דומה. דו ווייסט צו וואָס דאָס איז געגליכן? צו איי־נעם וואָס האָט אַ קליין קעלישיקל און עס קומט עמעצער מיט אַ גרויסער פלאַש וויין און וויל אַריינגיסן אין דעם קליינעם קעלישיקל, די גאַנצע פלאַש וויין. נו, וואָס געשעט דעמאָלט? עס קען אין דעם קעלישיקל מער נישט אַריינגיין

וויפיל עס קאָן אַריינגיין און ווען מען גיסט מער, וועט עס זיך נאָר אויס־גיסן אויף דר׳ערד. עס קען אין אַ קליין קעפל מער נישט אַריינגיין וויפיל עס גייט דאָרטן אַריין. פאַרשטייסט מיך?!

איטשע־מאיר: אָבער אויף זייער קליינעם שטייגער וואָלט גוט געווען, ווען דער רבי זאָל זיי דאָך עפּעס געבן, אַט דאָס וואָס עס קען יאָ אַריינגיין אין זייער קעלישיקל.

דער רבי: דהיינו, וואָס?

איטשע־מאיר: צו עפענען די טיר. צו נעמען שלום פריטיק נאָכמי־טאָק; צו פירן טיש שבת און צו געזעגענען זיי — שבת צו נאַכט און זונטיק.

דער רבי: אַט דאָס איז אַלץ וואָס זיי ווילן און נאָך וואָס זיי קומען קיין קאָצק?

איטשע־מאיר: יאָ, רבי. זיכער אַ גרויסער טייל פון זיי.

דער רבי: נו, גוט. איך וועל פירן טיש שוין איצט, צום שלוש סעודות און נאָך הבדלה — געזעגענען דעם עולם. (אָפּ רעכטס)

איטשע־מאיר: (צו הירש טאָמאַשאָווער) האָסט געהערט? רוף שוין אויס, אַז דער רבי וועט היינט צו שלוש סעודות פירן טיש און נאָך שלוש סעודות וועט ער געזעגענען דעם עולם.

מרדכי־יוסף: (מיט זיינע חסידים קומען אַריין.)

הירש טאָמאַשאָווער: (מיט פרייד) ענדלעך געפּועלט, דער רבי עפנט די טיר! ער וועט נאָך היינט צו שלוש סעודות, פירן טיש, אַט־דאָ אין בית המדרש און נאָך הבדלה געזעגענען דעם עולם.

(אַ טומל צווישן די חסידים. אַנדערע שטעלן זיך אַוועק דאַווענען מנחה.)

הירש טאָמאַשאָווער: וואו איז בערל? (רופט) בערל! בערל!

בערל חסיד: וואָס איז, הירש?

הירש טאָמאַשאָווער: דער רבי וועט פירן טיש היינט צו שלוש סעודות! גרייט אַלץ צו! ברענג אַריין חלות, פיש, יי״ש, ווי עס באַדאַרף צו זיין! גיכער!

בערל חסיד: (אָפּ, קומט צוריק מיט צווי חלות און לייגט זיי אַוועק ביים אויבן־אָן. דערנאָך ברענגט ער צען קליינע חלהלעך און לייגט זיי לעבן זיי, און דעקט דאָס איבער אַלץ מיט אַ טישטעכל. אַנדערע חסידים העלפן צו און ברענגען, ווער זאַלץ און ווער טעלערלעך פאַר די געסט. נאָך אַנדערע ברענגען צושניטענע הערינג, בראָנפן, גלעזער.

מרדכי־יוסף און זיינע חסידים זעצן זיך אויס ביים טיש. עס קומען אַריין איטשע־מאיר, העניך, דער גריצער רב און זעצן זיך אויך אַוועק. **הירש טאָמאַשאָווער** קאָמאַנדעוועט איבער די פּלעצער, וואו יעדער זאָל זיצן. **דער רבי** קומט אַריין מיט גיכע טריט, שאַרנדיק זיך. אַלע שטעלן זיך

אויף פון די ערטער ביז וואַנען ער פאַרנעמט זיין פּלאַץ אין מיטן פון אַ באַנק, רעכטס, און דאָרטן ווערט דער אויבן־אָן.

בערל חסיד ברענגט אַריין אַ שיסל מיט אַ שעפּ מיט וואַסער וואָס האָט צווייִ הענטלעך און אויך אַ האַנטוך פאַרן רבין. דער רבי וואַשט זיך, זאָגט „שאו ידיכם“, ווישט זיך די הענט אין האַנטוך. מאַכט אַ ברכה „המוציא“ און שניידט איבער אַ חלה. שניידט אָפּ אַ „מוצא“ פאַר זיך און טינקט זי איין אין זאַלץ און עסט. די חסידים גייען איצט אַרויס אין דרויסן צו וואַשן זיך ביים כיור, הירש טאָמאַשאָווער שניידט „מוצא“ס פאַר די חסידים און טיילט זיי צווישן זיי. זיי טינקען זיי איין אין זאַלץ און עסן. בערל חסיד ברענגט פיש פאַרן רבין און פאַר די חסידים. דער רבי פאַרזוכט אַ שטיקל פונעם פיש און רוקט אַוועק דאָס טעלערל, די חסי־דים כאַפּן די „שיריים“ פון די פיש מיט די הענט.)

דער רבי: (זיצט פאַרטראַכט. אַלע זיינען שטיל. אין בית המדרש ווערט וואָס אַמאָל טונקעלער) **נו לאָמיר זינגען זמירות!**

(די חסידים זינגען איצט זמירות, צווישן אַנדערע „יה רבון“ און „אל מסתתר“. עס ווערט אַלץ טונקעלער.)

דער רבי: (פאַרטראַכט) **הרבה דרכים למקום, עס זיינען פאַראַן פיל וועגן צו דינען דעם רבונו של עולם, און פון אַלע וועגן טיילן זיך אויס צוויי. איין וועג איז צו זיין אַ מעורב בין הבריות, מישן זיך מיט מענטשן, און מקרב זיין מענטשן, און דער צווייטער וועג איז צו פאַרטיפן זיך אין זיך אַליין און אַנט־לויפן פון מענטשן, גיין אויףביידע וועגן מיט אַמאָל איז אוממעגלעך. אַפילו שלמה המלך, וואָס איז געווען דער „חכם מכל אָדם“, דער קליגסטער מענטש אין דער וועלט, האָט דאָס אויך ניט געקענט. די גמרא זאָגט „בשעה שתקן שלמה ערובין ונטילת ידים“, ווען שלמה המלך האָט געוואָלט מתקן זיין צו פירן זיך לויט ביידע שיטות מיט אַמאָל, אַז עס זאָל זיין „ערובין“, מישן זיך מיט מענטשן און „ונטילת ידים“, אָפּוואַשן זיך די הענט פון מענטשן, „יצתה בת קול, איז אַרויס אַ בת קול וואָס האָט געזאָגט „אם חכם בני ישמח לבי גם אני“, אויב מיין זון וועט זיין אַזאַ חכם און וועט קאָנען באַווייזן ווי אַזוי מען קאָן גיין אויף ביידע וועגן מיט אַמאָל, וועל איך זיך זייער פרייען, ווייל דאָס וועט ווייזן אַ נייעם דרך אין לעבן. אָבער דאָס איז אוממעגלעך.** (פאַרטראַכט זיך) . . . **מיר זעען דעריבער, אַז אַ מענטש קאָן אויף ביידע וועגן נישט גיין. פרעגט זיך: אויף וועלכן וועג זאָל דער מענטש גיין? וועלכע שיטה איז די בעסטע? זאָל ער זיין אַ מעורב בין הבריות, מישן זיך מיט מענטשן, אָדער זאָל ער אַנטלויפן פון מענטשן? אָבער לאָמיר נאָר פאַרשטיין ריכטיק, וואָס הייסט צו זיין אַ מעורב בין הבריות? דאָס מיינט דאָך, צו זאָגן אַלע מענטשן בלויז גוטע ווערטער, אַז זיי זאָלן זיין צופרידן. וואָרום שלעכטע ווערטער וועגן זיך ווילן דאָך די מענטשן נישט הערן, הייסט עס: צו זאָגן זיי ליגנס.**

ווארום דער אמת איז ביטער, און דער אמת קאָן נישט מאַכן צו זיין צופרידן. דאָס מיינט ווידער אַז מען זאָל לויבן דעם, וואָס איז נישט ווערט געלויבט צו ווערן, און בענטשן די מעשים פון יענעם וואָס מען דאַרף נישט בענטשן. דאָס מיינט פשוט: צו גיין מיטן וועג פון שקר. אָבער אויב אַזוי, וואָס איז דער מענטש וואָס טוט דאָס? ער איז דאָך אַ מענטש אָן אַ נשמה; אַ מענטש וואָס איז פאַלש צו זיך אַליין. (פאַרטראַכט זיך)... עס שטייט געשריבן, אַז ווען גאָט איז געגאַנגען באַשאַפן דעם מענטש, האָט ער זיך וועגן דעם באַראַטן מיט די מלאכים. האָט דער מלאך פון חסד געזאָגט: זאָל דער מענטש גע־שאַפן ווערן, ווייל ער וועט טאָן חסד מיט אַנדערע. האָט אמת אָבער געזאָגט, ער זאָל נישט באַשאַפן ווערן, ווייל ער וועט זיין דורכאויס פאַלש. צדק האָט געזאָגט: זאָל ער באַשאַפן ווערן, ווייל ער וועט טאָן צדקות מיט אַנדערע, און שלום האָט געזאָגט, אַז ער זאָל נישט באַשאַפן ווערן, ווייל ער וועט כסדר שטרעבן צו מלחמה. וואָס האָט דער רבונו של עולם געטאָן? ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם אמת אויף דר׳ערד און האָט באַשאַפן דעם מענטשן. איז דאָך די קשיא, וואָס איז אַרויסגעקומען, וואָס מען האָט אַרונטערגעוואָרפן דעם אמת, ווען שלום, וואָס איז אויך געווען קעגן אַז מען זאָל שאַפן דעם מענטשן, איז אויבן געבליבן. איז דער תירוץ, אַז אויב עס איז נישטאָ קיין אמת, איז דער שלום קיין שלום נישט... נו, לאָמיר זינגען זמירות...

(חסידים זינגען זמירות מיט דבקות און התלהבות. עס ווערט טונקעלער.)

דאָקטאָר קאָך: (קומט אַריין אומבאַמערקט; זעצט זיך אין אַ ווינקל. פּלוצים פאַררויכערט ער אַ פּאַפּיראָס.)

הירש טאָמאַשאָווער: (שרייט אויס) ווער איז דאָס? ווער האָט אַריינ־געבראַכט די וואָכעדיקייט?

דאָקטאָר קאָך: די וואָכעדיקייט לויערט שוין דאָ אַ גאַנצן שבת.

הירש טאָמאַשאָווער: ס׳איז נישט אמת!

דאָקטאָר קאָך: זי לויערט ביי די, וואָס קוקן שוין אויס, אַז עס זאָל ווערן אויס שבת, כדי זיי זאָלן קענען געזעגענען זיך מיטן רבין און פאָרן אַהיים. ווען מען גייט אַרום שבת כסדר מיטן געדאַנק פון דער וואָך, איז דער שבת קיין שבת נישט.

דער רבי: לאָמיר בענטשן.

הירש טאָמאַשאָווער: דער רבי וועט בענטשן.

דער רבי: זאָל איטשע־מאיר בענטשן.

איטשע־מאיר: (וואַשט זיך די הענט מיט מים אחרונים) **רבותי, מיר ווילן בענטשן!**

אַלע: יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם.

(איטשע־מאיר און אַלע זעצן פאָרט דאָס בענטשן. דערנאָך דאַוונט מען מעריב.)

הירש טאָמאַשאָווער: (צינדט אָן אַ ליכט) גוט וואָך! גוט וואָך!
אַלע: גוט וואָך! גוט וואָך!
הירש טאָמאַשאָווער (רופט אויס) **דער רבי וועט באַלד נאָך הבדלה גע־זעגענען דעם עולם ביי זיך אין צימער. בערל חסיד וועט שרייבן קוויטלעך!**
(בערל חסיד ברענגט אַריין ווײַן, אַ בעכער, אַ הבדלה און אַ בשמים ביקסל. דער רבי מאַכט הבדלה, דערנאָך גייט ער אַוועק אין זיין וואוינונג. הירש טאָמאַשאָווער, איטשע־מאיר, הענך און דער גריצער גייען מיט. בערל חסיד נעמט אַ קליין טישל מיט אַ טינט־פאַס, אַ גענדזענע פעדער און פאַפיר און שטעלט עס אַוועק ביים אַריינגאַנג צום רבינס וואוינונג. ער הייסט די חסידים זיך אויסשטעלן אין אַ ריי איינער הינטערן אַנדערן.)
בערל חסיד: ווער עס וויל האָבן אַ קוויטל זאָל זיך שטעלן אין דער ריי.
1טער חסיד: איך וויל אַ קוויטל וועגן מיין ווייב וואָס איז קראַנק.
בערל חסיד: ווי הייסט זי?
1טער חסיד: רייצע בת יענטע.
בערל חסיד: (שרייבט. לייענט עס איבער) „לרפואה שלמה בעד זוגתי רייצע בת יענטע"...
1טער חסיד: דו האָסט געשריבן „לרפואה שלמה?".
בערל חסיד: וואָס דען? אַזוי שרייבט מען! אַהער די פאַר קרייצער.
1טער חסיד: (באַזאָרגט) אויב זי וועט האָבן אַ רפואה שלמה און וועט ווערן אין גאַנצן געזונט, וועט זי דאָך מיך ווידער מוטשען.
בערל חסיד: זי מוטשעט דיך?
1טער חסיד: נאָך וואָס פאַר אַ מוטשען! אפשר קאָן מען וועגן דעם אויך אַריינשרייבן אין קוויטל?
בערל חסיד: בהמה, דערויף דאַרף מען נישט קיין קוויטל. דערויף דאַרף מען אַ שטעקן.
1טער חסיד: אַ שטעקן?
בערל חסיד: וואָס דען, פערד? ברעך איר אָן גוט די ביינער! דו ווייסט וואָס עס איז דער טייטש פון „ודבק באשתו?"
1טער חסיד: וואָס איז דער טייטש?
בערל חסיד: „ודבק" איז אַ ראשי תבות פון די פוילישע ווערטער: „וויעזש דעמבי בי קאַביעטאַ". נעם אַ שטעקן און שלאָג דיין ווייב און דע־מאָלט וועט זיין „והיה לבשר אחד", וועט זי ערשט זיין אַ גוטע ווייב (צום צווייטן חסיד) און וואָס ווילסטו? (ערשטער חסיד אָפּ)
2טער חסיד: אַ קוויטל אויף צו האָבן אַ בן־זכר.
בערל חסיד: (קוקט אים גוט אָן) און אַ מיידל טויג נישט?
2טער חסיד: אַ מיידל האָב איך דאָך!
בערל חסיד: וועט זיין נאָך אַ מיידל.

2טער חסיד: איך וויל דורכאויס אַ בן־זכר!
בערל חסיד: און איך זאָג דיר אַז דו דאַרפסט נישט קיין בן־זכר!
2טער חסיד: פאַרוואָס?
בערל חסיד: ווען כ׳קוק אויף דיר און זע דִי „חכמה" וואָס שיינט אַרויס פון דיין פנים, טראַכט איך זיך, צו וואָס אומגליקלעך מאַכן נאָך אַ מענטשן. זאָל כאָטש זיין אַ מיידל...
2טער חסיד: איך וויל דורכאויס אַ בן־זכר!
בערל חסיד: אַזוי?! טאַ נאַ דיר אַ בן־זכר, נאַ דיר! (דערלאַנגט אים דאָס קוויטל) אַהער די פּאָר קרייצער! (צווייטער חסיד אָפּ צום דריטן חסיד) און וואָס ווילסטו?
3טער חסיד: כ׳האָב לא עליכם נישט קיין פרנסה.
בערל חסיד: מיט וואָס האַנדלסטו?
3טער חסיד: איך האַנדל מיט גאָרנישט. מיין ווייב האַנדלט.
בערל חסיד: און דו וואָס טוסט?
3טער חסיד: כ׳זיץ און לערן.
בערל חסיד: און מיט וואָס האַנדלט דיין ווייב?
3טער חסיד: אויפן מאַרק, מיט פּוטער און קעז.
בערל חסיד: און אויפן שבת איז דאָ?
3טער חסיד: גאָט צו דאַנקען!
בער חסיד: און אַ שטיקל ברויט מיט אַ ציבעלע און אַ גלעזל קאַווע אויף אָנבייסן אין דער פרי איז דאָ?
3טער חסיד: געלויבט השם יתברך.
בערל חסיד: און וויעטשערע עסט מען?
3טער חסיד: דער בויך איז נישט פון גלאָז!
בערל חסיד: און קינדערלעך?
3טער חסיד: דריי, קיין עין הרע, אַלע אויסגעגעבענע!
בערל חסיד: טאַ פאַרוואָס ווילסטו נאָך פרנסה? דו לעבסט זיך דאָך ווי אַ גראַף! אַרבעטן אַרבעטסטו נישט! דאגות פון קינדער האָסטו נישט. דו זיצט און לערנט, וועט איר ביידע האָבן דערפאַר גן־עדן. נו, צו וואָס דאַרפט איר נאָך פרנסה? איר האָט דאָך שוין ביידע וועלטן, די וועלט און יענע וועלט!
3טער חסיד: מיין ווייב האָט מיך געבעטן צו שרייבן אַ קוויטל פאַר פרנסה.
בערל חסיד: דאָס ווייב? דאָס ווייב וועט דאָך זיין דיין פוס בענקעלע אין גן־עדן.
3טער חסיד: זיי אַ גוטער און גיב מיר פרנסה.
בערל חסיד: (שרייבט) נו, נאַ דיר פרנסה! נאַ דיר פרנסה! אַהער מיט די קליינגערס! (דריטער חסיד אָפּ. צום 4טן חסיד) און וואָס ווילסטו?

4טער חסיד: ס'האַלטן זיך ביי מיר נישט קיין קינדער, **לא עליכם.**

בערל חסיד: וויפיל שוין געהאַט?

4טער חסיד: פינף שוין.

בערל חסיד: מן הסתם געזינדיקט. אפשר געריסן אַ הויכן פּראָצענט?

4טער חסיד: ווי קומט צו מיר באָרגען געלט אויף פּראָצענט? כ'בין דען רייך?

בערל חסיד: (קוקט אים שאַרף אָן) און אפשר אַן עבירהלע מיט אַן אשת איש? הע?

4טער חסיד: (ווערט בלאַס, שווייגט.)

בערל חסיד: שווייגסט! געזינדיקט? הע! איך זע שוין!

4טער חסיד: (שווייגט).

בערל חסיד: (סאַרקאַסטיש) דו שווייגסט! געזינדיקט, הע! (שרייט) און צוליב דעם גייען יונגע קינדער אַוועק פון דער וועלט! הע! שעמען מעגסטו זיך! דאַרפסט געבן אַ גרויסע מטבע! דאַרפסט אַ סך געבן! (דער־לאַנגט אים דאָס קוויטל; דער פערטער חסיד שטופּט אים עפּעס אין האַנט אַריין.)

בערל חסיד: (שטעלט זיך אויף) נו, עס ווערט שוין שפּעט! פאַר די אַנ־דערע וועל איך שרייבן ביים רבין אין הויז. קומט אַלע אַריין. (נעמט טינט און פּעדער און פּאַפּיר) קומט אַלע, גיכער!

(בערל חסיד און אַלע חסידים גייען אַריין צום רבין.)

מרדכי־יוסף: (דרייט זיך אַרויף און אַראָפּ איבערן בית המדרש. גייט צו צו דאָקטאָר קאָך, וועלכער זיצט פאַרטראַכט) **שלום עליכם, פון וואַנען** קומט אַ ייד?

דאָקטאָר קאָך: פון קיר"ה.

מרדכי־יוסף: אַזש פון קיר"ה? פון וועלכער שטאָט אין קיר"ה?

דאָקטאָר קאָך: קראָקע.

מרדכי־יוסף: און צוליב וואָס געקומען? פּרנסה?

דאָקטאָר קאָך: ניין!

מרדכי־יוסף: עמעצער חלילה קראַנק?

דאָקטאָר קאָך: ניין.

מרדכי־יוסף: צוליב וואָס דען? אַ בן־זכר? צי עס האַלטן זיך חלילה נישט קיין קינדער?

דאָקטאָר קאָך: ניין!

מרדכי־יוסף: טאָ צוליב וואָס דען?

דאָקטאָר קאָך: צוליבן אמת.

מרדכי־יוסף: צוליבן אמת?

דאָקטאָר קאָך: יאָ, צוליבן אמת!

מרדכי־יוסף: וואָס, עס איז נישטאָ קיין אמת אין קראָקע?

דאָקטאָר קאָך: אמת איז דאָ אומעטום!

מרדכי־יוסף: טאָ פאַרוואָס זיינט איר געקומען אַזש אַהער צו זוכן דאָ דעם אמת?

דאָקטאָר קאָך: אמת אַליין מיינט גאָרנישט. עס קאָן נאָר זיין אַ רייד פון אמת אין שייכות מיטן מענטש. עס מוז זיין עמעצער וואָס איז דער טרעגער פון אמת, אַן איש־אמת, אַ בעל־אמת, אַן אמתער מענטש!

מרדכי־יוסף: און דאָס, הייסט עס, ווילט איר געפינען אַט־דאָ?

דאָקטאָר קאָך: יאָ, דאָ וואוינט דער איש האמת!

מרדכי־יוסף: און צוליב דעם האָט איר אַוועקגעוואָרפן אייער פרנסה? וואָס איז עס, דאָקטאָריי?

דאָקטאָר קאָך: כ׳בין אַ צאָן דאָקטאָר.

מרדכי־יוסף: און אייער ווייב און קינדער?

דאָקטאָר קאָך: כ׳האָב נישט קיין ווייב און קינדער.

מרדכי־יוסף: אַזוי! נאָך אַ בחור! (לויפט איבערן בית המדרש; רעדט צו זיך) עפּעס אַ מאָדנער מענטש. אַ דאָקטאָר וואָס איז נישט קיין דאָקטאָר; האָט נישט קיין ווייב און קינדער, און איז געקומען אַהער אַזש פון קיר״ה צו זוכן דאָ דעם אמת! עפּעס אַ מאָדנע זאַך! (שטעלט זיך אָפּביים דאָקטאָר קאָך) און וואָס גייט איר דאָ טאָן?

דאָקטאָר קאָך: לערנען אמת.

מרדכי־יוסף: לערנען אמת? ווי אַזוי לערנט מען אמת?

דאָקטאָר קאָך: (בייזלעך) אַזוי ווי מען לערנט שקר. ווי אַזוי לערנט מען שקר? דורך דעם וואָס מען רעדט שקר, מען האַנדלט שקר, מען טוט שקר, מען פירט זיך לויט שקר. אָט פונקט אַזוי לערנט מען אמת. מען טראַכט נאָר אמת; מען פילט אמת! מען טוט אמת! מען איז זיך מקריב פאַרן אמת און הויפּטזעכלעך — מען איז לעבן אַן איש־אמת.

מרדכי־יוסף: און ווי לאַנג ווילט איר דאָס אַזוי לערנען?

דאָקטאָר קאָך: ווי לאַנג עס וועט דויערן דאָס לערנען, ווי לאַנג עס וועט זיין וואָס צו לערנען און הויפּטזעכלעך ביי וועמען צו לערנען.

מרדכי־יוסף: אָבער דער רבי האַלט דאָך פאַרמאַכט די טיר.

דאָקטאָר קאָך: אמת קאָן מען לערנען אויך דורך אַ פאַרמאַכטע טיר.

מרדכי־יוסף: דהיינו?

דאָקטאָר קאָך: מען לערנט נישט בלויז פון רבין. מען לערנט אויך פון זיינע תלמידים, פון זיינע חברים, פון די חסידים און בכלל פון דער אומגעבונג.

מרדכי־יוסף: און וואָס איז וועגן לערנען אַ פרשה חומש, צי גאָר אַ בלאַט גמרא?

דאָקטאָר קאַך: געוויס! געוויס! דאָס איז זייער וויכטיק. איר ווילט אפשר כ׳זאָל מיט אייך עפּעס לערנען? נו, גוט, קומט אַהער, וועל איך מיט אייך לערנען אַ פּרשה חומש.

מרדכי־יוסף (שפּרינגט אויף מיט כעס) וואָס? דו שנעק איינער פון קיר״ה, דו וועסט מיט מיר לערנען אַ פּרשה חומש? דו שייגעץ, עזות פּנים איינער! (לויפט ביז איבערן בית המדרש.)

דאָקטאָר קאַך: (אָפּ)

הירש טאָמאַשאָווער: (קומט אַריין) נו, מרדכי־יוסף, פאַרוואָס גייסטו נישט אַריין געזעגענען זיך מיטן רבין.

מרדכי־יוסף: איך פאָר דען אַוועק?

הירש טאָמאַשאָווער: אָבער דער רבי פאָרט דאָך אַוועק!

מרדכי־יוסף: דער רבי! — וואו פאָרט דער רבי?

הירש טאָמאַשאָווער: קיין וואורקע.

מרדכי־יוסף: פאַרוואונדערט) קיין וואורקע?

הירש טאָמאַשאָווער: נו, געוויס, מיט דער רביצין!

הירש טאָמאַשאָווער: (אומגעדולדיק) ווייסט דען נישט די מעשה? די רביצין איז קראַנק. וויל זי נישט אַנדערש ווי נאָר צו פאָרן צום וואורקער, און אַז דער רבי זאָל מיטפאָרן.

מרדכי־יוסף: קען דאָך דער רבי אַליין מתפּלל זיין פאַר איר. נאָך וואָס פאָרן צום וואורקער?

הירש טאָמאַשאָווער: פאַר אַן אייגן ווייב איז מען קיין רבי נישט.

מרדכי־יוסף: כ׳פאַרשטיי אַלץ נישט.

הירש טאָמאַשאָווער: מען האָט שוין מיט איר געענוג איינגעטענהט, אָבער זי האַלט זיך ביי דאָס איריקע. זי זאָגט, אַז ווען דער רבי גייט אַוועק מיט אַ תפילה וועגן אַ קראַנקען צום רבונו של עולם, טרעפט ער דאָרטן עפּעס אַ למדן, פאַרשמועסט זיך מיט אים אין לערנען, און דער חולה קען דער־וויל שטאַרבן. דער וואורקער אָבער, אַז ער גייט מיט אַ תפילה פאַר אַ קראַנ־קען צום רבונו של עולם, געדענקט ער כסדר דעם קראַנקען און קומט צוריק מיט א רפואה.

מרדכי־יוסף: און דער רבי פאָרט טאַקע מיט איר?

הירש טאָמאַשאָווער: אַז זי וויל אַזוי!

מרדכי־יוסף: און אַז זי וויל?...

הירש טאָמאַשאָווער: עס איז דעם רבין אַ רחמנות אויף איר.

מרדכי־יוסף: (אויפגעקאָכט) אַ רחמנות?! אַזוי?! אויף פרויען און קינדער וואָס קומען דאָ אַהער און שרייען געוואַלד אַז זיי ליידן הונגער — אויף זיי איז אים נישט קיין רחמנות! ווען עס קומט אַ ייד וואָס האָט אַ קראַנקע פרוי אָדער אַ קראַנק קינד און וויל אַז דער רבי זאָל מתפּלל זיין,

האָט ער אויף אים נישט קיין רחמנות. נאָר אויף זיין אייגן ווייב, די רביצין, אַז זי איז קראַנק, איז אים אויף איר אַזאַ רחמנות, אַז ער פאַרט מיט איר אַזש קיין וואָרקע?, האַ?!

הירש טאָמאַשאָווער: דער וואָרקער איז דאָך אַן אייגענער!

מרדכי־יוסף: וואָס הייסט אַן אייגענער? ער האָט אַן אַנדערע שיטה? און דער רבי איז נישט גורס זיין שיטה? איז דאָס אמת?

הירש טאָמאַשאָווער: אמת!

מרדכי־יוסף: טאַ אויב אַזוי, אויב דער רבי פאָרט מיט זיין קראַנקער פרוי קיין וואָרקע, הייסט דאָס נישט אונטערגעבן זיך צום וואָרקער?

הירש טאָמאַשאָווער: כ'ווייס נישט.

מרדכי־יוסף: דו ווייסט נישט?! די וואָרקער חסידים וועלן דאָך לאַכן פון אונדז אין די פויסטן! זיי וועלן דאָך טאָקע מיינען אַז זייער רבי איז אַ גרעסערער רבי!

הירש טאָמאַשאָווער: איך האָב שוין וועגן דעם געגנוג גערעדט מיטן רבין. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן!

מרדכי־יוסף: (לויפט איבערן בית המדרש) דאָס איז נישט אויסגעהאַלטן! דאָס איז נישט אויסגעהאַלטן! אמת איז אמת אומעטום! אויב נישט קיין רחמנות, איז גאָרנישט קיין רחמנות! אויף קיינעם נישט! אָבער זאָגן איין זאַך צו מענטשן, און אַליין טאָן פונקט פאַרקערט — ניין. דאָס איז נישט פאַר מיר!

הירש טאָמאַשאָווער: מרדכי־יוסף, מן הסתם ווייס דער רבי וואָס ער טוט!...

מרדכי־יוסף: מן הסתם... מן הסתם... אין קאָצק גלויבט מען נישט אין קיין מן הסתם... איך פאָר אַהיים!

דאָקטאָר קאָך: (קומט צוריק אַריין) אַז מען קוואַפּעט זיך אויף צו זיין רבי, דאַרף מען האָבן קודם כל אויגן וואָס זעען און אויערן וואָס הערן, אָבער אַז מען זעט נישט ווייטער פון די אייגענע ד' אמות און מען הערט נישט דאָס קול דממה דקה, איז טאָקע דאָס בעסטע צו פאָרן אַהיים. (הויך) דער רבי זעט איצט דאָס, וואָס איר אַלע וועט ערשט זעען שפּעטער. איר וואָלט געדאַרפט האָבן מער צוטרויען צום רבין!

מרדכי־יוסף: (צו הירש טאָמאַשאָווער) וואָס וויל דאָס דייטשל דאָ ביי אונדז? וואָס איז ער? אַ מוסר־זאָגער? (וויל אַוועקגיין).

הירש טאָמאַשאָווער: מרדכי־יוסף, קום אַריין צום רבין געזעגענען זיך מיט אים.

מרדכי־יוסף (גייט נאָך אים).

יששכר: (שרייט) הירש טאָמאַשאָווער!

הירש טאָמאַשאָווער: אָה! יששכר!

יסכה: כ׳האָב געהערט אַז דער רבי פאָרט אַוועק.

הירש טאָמאַשאָווער: יאָ, וואָס איז דען?

יסכה: (פאַרצווייפלט) און וואָס וועט זיין וועגן מיין חתונה? מיין טאַטע האָט ווידער געפרעגט דעם רבין, האָט ער אים גאָרנישט געזאָגט, אָבער דער טאַטע האָט שוין מורא, גלאַט אַזוי צו מאַכן אַ חתונה, ווייל דער רבי קאָן ווידער אַמאָל אין חופה־טאָג זאָגן, אַז עס וועט נישט זיין קיין חתונה. דער טאַטע האָט געוואָלט אים נאָך אַמאָל פרעגן, אָבער איצט פאָרט דער רבי אַוועק און אַלץ הענגט ווידער אין דער לופטן.

הירש טאָמאַשאָווער: וואָס קען איך דיר זאָגן, יסכה, וועגן דעם? וואָס ווייס איך? (אָפּ)

דאָקטאָר קאָך: (צו יסכהן) אפשר קאָן איך דיר עפּעס זאָגן וועגן דעם?

יסכה: ווער זיינט איר?

דאָקטאָר קאָך: מיין נאָמען איז — דאָקטאָר יוסף קאָך.

יסכה: אָ! איר זיינט דאָקטאָר קאָך! איך האָב געהערט וועגן אייך. מען זאָגט אַז דער רבי האַלט פון אייך.

דאָקטאָר קאָך: אַ דאַנק.

יסכה: טאָ וואָס קענט איר מיר זאָגן וועגן דעם?

דאָקטאָר קאָך: וועגן דיין חתונה מיינסטו?

יסכה: יאָ.

דאָקטאָר קאָך: דו וועסט מיט דעם חתן נישט חתונה האָבן.

יסכה: (פאַרוואונדערט) פאַרוואָס?

דאָקטאָר קאָך: ווייל איך בין דיין זיווג!

יסכה: (קוקט אים אָן דערשראָקן) איר?

דאָקטאָר קאָך: יאָ, מיין כלה, איך האָב שוין לאַנג געדאַרפט קומען צו דיר, אָבער כ׳האָב פאַרשפּעטיקט.

יסכה: און צוליב אייך האָט דער רבי נישט געהייסן מאַכן די חתונה?

דאָקטאָר קאָך: צוליב מיר! (טאָן ענדערונג) דו ביסט אַ שיין מיידל, יסכה!

יסכה: (רויטלט זיך) עס האָט עס מיר נאָך קיינער נישט געזאָגט.

דאָקטאָר קאָך: איך וועל עס דיר פון איצט אָן זאָגן! טו אויס דיינע מענערשע קליידער.

יסכה: דער טאַטע האָט מיך געהייסן טראָגן אָט־די קליידער, ווייל אַ מיידל קען נישט קומען אין בית המדרש און לערנען גמרא.

דאָקטאָר קאָך: האָסט שוין גענוג געלערנט גמרא. (נעמט אַראָפּ איר היטל)

יסכה: (נערוועז) וואָס טוט איר? דאָ אין בית המדרש אין בלויזן קאָפּ? (פּרואווט עס צוריק אָנטאָן)

דאָקטאָר קאָך: (רייסט עס אַרויס פון אירע הענט): אַ פּרוי איז אַנ־דערש! אָך, וואָס פאַר אַ שיינעם קאָפּ האָר דו האָסט, יסכה!

יסכה: רעדט נישט אַזוי! מען טאָר נישט!

דאָקטאָר קאָך: ווער האָט דיר געזאָגט, אַז מען טאָר נישט? דו ביסט דאָך מיין כלה!

יסכה: איך האָב אַ חתן!

דאָקטאָר קאָך: פון דער מינוט אָן וואָס איך בין געקומען צו דיר, איז ער נישט מער דיין חתן. (טוט אויס איר מאַנטל)

יסכה: וואָס טוט איר?

דאָקטאָר קאָך: דו האָסט אַ שיינע פיגור אויך!

יסכה: (פאַרשעמט) איר רעדט אַזוי מאָדנע, פונקט אַזוי ווי פּראָסטע מענטשן.

דאָקטאָר קאָך: דער אמת רוט אָממייסטן נאָר צווישן פּראָסטע מענטשן.

יסכה: אָבער פאַרוואָס האָט דער רבי נישט געזאָגט מיין טאַטן, אַז איר זייט מיין זיווג?

דאָקטאָר קאָך: דער רבי האָט געהייסן, דו זאָלסט נישט חתונה האָבן מיט איינעם, וואָס איז נישט דיין זיווג.

יסכה: און איר זייט אַ דאָקטאָר?

דאָקטאָר קאָך: אַ צאָן דאָקטאָר.

יסכה: אַז מען רייסט אַרויס אַ צאָן טוט ווי, און אַז איר קענט דאָס טאָן, הייסט עס, אַז איר קענט פאַרשאַפן מענטשן יסורים. איר מוזט דעריבער זיין אַ שרעקלעכער מענטש.

דאָקטאָר קאָך: צו רייסן ציין איז פונקט אַזוי ווי צו זאָגן עמעצן דעם אמת. עס טוט אין אָנהויב ווי, אָמאָל גאָר שטאַרק ווי, אָבער שפּעטער איז מען צופרידן! (נעמט איר אַרום און גיט איר אַ קוש.)

יסכה: (אויפגערעגט) וואָס האָט איר געטאָן?

דאָקטאָר קאָך: דו ביסט מיין כלה, מיין אויסדערוויילטע, מיין טייבעלע!

יסכה: מיין חתן האָט צו מיר קיינמאָל אַזוי נישט גערעדט! ער האָט אַלעמאָל גערעדט נאָר וועגן גמרא.

דאָקטאָר קאָך: אויס מיטן חתן! אויס מיט דער גמרא! (טוליעט איר צו זיך) אין דרויסן איז אַזאַ שיינער אָוונט. די לבנה שיינט היינט אין איר פולען גלאַנץ. קום מיין כלה, לאָמיר גיין שפּאַצירן! (טוליעט איר צו זיך)

יסכה: (טוליעט זיך אויך צו אים) דאָס איז אַזוי גוט!... (ביידע אָפּ.)

(פאָרהאַנג)

צווייטע שפיל

(פאר דער פארהאנג)

שמואל-משה: (קומט אן און דערזעט חזקיה׳ן) א! שלום עליכם, חזקיה! וואס מאכסטו? שוין לאנג זיך נישט געזען!

חזקיה: א גאסט אין שטעטל! שלום עליכם, שמואל-משה! ווען ביסטו געקומען?

שמואל-משה: נעכטן.

חזקיה: ביסטו שוין לאנג דא נישט געווען?

שמואל-משה: כ׳בין דאך ערשט דאס ערשטע מאל אין קאצק. דאס לעצטע מאל ווען מען האט זיך געזען איז געווען נאך אין טאמאשאוו.

חזקיה: ריכטיק! יא, טאקע נאך אין טאמאשאוו! שוין פיל וואסערן אפ-געלאפן זייט דעמאלט. וואס איז די מעשה, וואס דו קומסט אזוי זעלטן צום רבין, שמואל-משה?

שמואל-משה: דו ווייסט דאך, מיינע פיס. לא עליכם. כ׳ליד שטארק אויף מיינע פיס, קוים וואס כ׳גיי.

חזקיה: האסטו זיך אמאל מזכיר געווען וועגן דעם ביים רבין?

שמואל-משה: וואס דיר פאלט איין, חזקיה. דו זאלסט מיך פרעגן אזא זאך? ווייסטו דען נישט אז מען קען צו אונדזער רבי נישט רעדן וועגן אזעלכע זאכן! אפילו ווען די רביצין עליה השלום איז קראנק געווען איז זי דאך אויך געפארן צום וואורקער!

חזקיה: יא, די רביצין גליקל עליה השלום איז זעקס וואכן געווען אין וואורקע ביז איר טויט, און דער רבי איז געווען מיט איר דארטן די גאנצע צייט. עס האט זיך געענוג אפגעטאן דעמאלט.

שמואל-משה: כ׳האב עפעס געהערט. אדרבה, דערצייל מיר, חזקיה.

חזקיה: כ׳וויס אפילו נישט פון וואנען אנצוהויבן.

שמואל-משה: הויב אן פון דער צייט ווען די רביצין עליה השלום איז קראנק געווארן און איז געפארן קיין וואורקע. מען האט מיר דערציילט אז מרדכי-יוסף האט געמאכט א גאנצן טומל הלמאי דער רבי פארט מיט איר קיין וואורקע.

חזקיה: אָבער נאָך וואָס פאַר אַ סומאַטאָכע!

שמואל־משה: וואָס איז באמת געווען?

חזקיה: הער זיך צו. ווען די רביצין איז קראַנק געוואָרן, האָט דער רבי פאַר איר מתפלל געווען. האָט מען אָבער דעם רבין מגלה געווען מן השמים — אַזוי האָט דער רבי שפּעטער אַליין דערציילט פאַר זיינע מקורבים — אַז ער זאָל זיך נישט איינשפּאַרן, ווייל איר גזר־דין איז שוין פאַרזיגלט. האָט דער רבי אַליין געבעטן דער רביצין אַז זי זאָל פאָרן צום וואָרקער, ווייל אפשר וועט ער פּועלן. די רביצין איז דערויף באַשטאַנען און געבעטן דעם רבין, ער זאָל מיט איר מיטפאָרן. האָט דער רבי עס איר צוליב געטאָן, כדי צו זיין מיט איר צוזאַמען די לעצטע פאַר וואָכן. פאַרשטייסט דאָך, אַז דער רבי האָט דאָס אַלץ געזען ברוח הקודש. מרדכי־יוסף אָבער, וואָס חלשט צו ווערן רבי, נאָר דעם רבינס מדרגות האָט ער נישט, האָט גאָרנישט געזען און זיך גע־בונטעוועט.

שמואל־משה: מען האָט מיר געזאָגט, אַז זייט די רביצין איז נפטר גע־וואָרן, איז דער רבי אַריינגעפאַלן אין גרויס עצבות און האָט צוריק פאַרמאַכט די טיר.

חזקיה: אָט וועגן דעם האַנדלט עס זיך. באַלד ווי דער רבי איז צו־ריקגעקומען, האָט ער פאַרמאַכט די טיר און קיינעם נישט געוואָלט זען. האָבן די מקורבים איינגעזען, אַז עס איז שלעכט. האָבן זיי באַשלאָסן אַז דער רבי זאָל נאָך אַ מאָל חתונה האָבן.

שמואל־משה: טשיקאַווע. און זיי האָבן דאָס געזאָגט דעם רבין?

חזקיה: יאָ.

שמואל־משה: (נייגעריק) און וואָס האָט דער רבי געזאָגט?

חזקיה: ער האָט מסכים געווען!

שמואל־משה: מסכים געווען? נו, איז דאָך שוין גוט!

חזקיה: אָבער דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע צרות. עס איז געווען אַזוי: איטשע־מאיר האָט אַ שוועגערין, זיין ווייבס אַ שוועסטער, וואָס איז נאָך אַ בתולה, חוה הייסט זי. זי איז דעם באַקאַנטן גביר און למדן ר׳ משה חלפנס אַ טאָכטער. האָט זיך איטשע־מאיר געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אויסצופירן דעם שידוך מיטן רבין.

שמואל־משה: נו?

חזקיה: ווען מרדכי־יוסף האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אויך אַ שוועסטער קינד, אַן אלמנה, וואָס וועט זיין אַ בעסערער שידוך פאַרן רבין, ווי דעם פּראָצענטניקס טאָכטער.

שמואל־משה: אַהאַ! טשיקאַווע! נו?

חזקיה: דאַרפסט פאַרשטיין אַז דאָס אַלץ גייט וועגן דער רביסטווע, אי־בער הונדערט און צוואַנציק יאָר, נאָכן רבינס טויט.

שמואל־משה: דהיינו, ווי אַזוי?

חזקיה: פּאַרוואָס פּאַרשטייסטו נישט? מרדכי־יוסף וויל נישט, אַז איטשע־מאיר זאָל ווערן דעם רבינס שוואָגער, ווייל ...

שמואל־משה: אַזוי! ווייל מרדכי־יוסף וויל זייער שטאַרק ווערן רבי, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר?

חזקיה: ער וואָלט עס געוואָלט נאָך איצט, ביים רבינס לעבן. ער נעמט דאָך שוין קוויטלעך אויך.

שמואל־משה: כ׳מיין עפּעס! וואָס? ער נעמט שוין קוויטלעך?!

חזקיה: דו ווייסט גאָר נישט? ווען דער רבי איז געפאָרן קיין וואורקע מיט דער קראַנקער רביצין עליה השלום, האָט ער אָנגעהויבן צו נעמען קוויט־לעך.

שמואל־משה: ווי אַזוי האָט ער דאָס געקענט טאָן?

חזקיה: עס איז דעמאָלט דאָ קיינער נישט געווען, און אַז עס זיינען אָנ־געקומען יידן מיט זייערע פּעקלעך צרות, ווי למשל פּרנסה, אַ בן־זכר, אַ קראַנקייט, צי איינער וואָס האַלט זיך נישט ביי אים קיין קינדער, האָט ער זיי געהייסן אָנשרייבן קוויטלעך און ער האָט געפּראָוועט רביסטוואָ.

שמואל־משה: און פּדיונס אויך?

חזקיה: דאָס וויס איך נישט! מען זאָגט אַז יאָ. געזען האָב איך נישט.

שמואל־משה: אָבער איצט נעמט ער שוין מער נישט קיין קוויטלעך?

חזקיה: ווען איטשע־מאיר איז געקומען און דערזען דאָס, האָט ער גע־מאַכט אַ געוואַלד, האָט מרדכי־יוסף אויפגעהערט!

שמואל־משה: האָבן זיי זיך געקריגט?

חזקיה: ניין, דאָס נישט. איטשע־מאיר האָט אים בלויז געזאָגט, אַז ביי יידן דינט מען נישט צו צווייַ געטער און אַז ער זאָל זיך דעריבער מער נישט נאַריש מאַכן.

שמואל־משה: און ער האָט אויפגעהערט?

חזקיה: אַ ברירה האָט ער געהאַט? אָבער ער טוט איצט אַלץ נאָך איטשע־מאירן. האָט איטשע־מאיר געגרינדעט אַ „חברה ש״ס״ פון יונגעלייט מיט וועלכע ער לערנט אַ בלאַט גמרא, האָט מרדכי־יוסף געגרינדעט אַ „חברה מדרש״ פון יונגעלייט מיט וועלכע ער לערנט מדרש.

שמואל־משה: און וואָס איז געוואָרן מכוח׳ן שידוך? עס איז דאָך היינט די חתונה?

חזקיה: כ׳וועל נאָך קומען דערצו. כאַפּ נישט! וועגן שידוך איז נישט געגאַנגען אַזוי לייכט. צום ערשטן האָט מען געדאַרפט וואַרטן אַ יאָר ביז מען וועט שטעלן דער רביצין אַ מצבה. דערנאָך האָט מען געדאַרפט רעדן מיטן רבין וועגן שידוך מיט איטשע־מאירס שוועגערין, און אַז מ׳איז שוין געווען מיט אַלעם פאַרטיק, איז געקומען מרדכי־יוסף און האָט אַלץ קאַליע געמאַכט.

שמואל־משה: ביים רבין? ווי אזוי?

חזקיה: ער האט גערעדט קעגן דעם שידוך.

שמואל־משה: אזא כוח האט דער איזשביצער?

חזקיה: א קאץ קאן אויך קאליע מאכן. ער האט אויסגערעכנט וואס אין דער קארט שטייט אויף ר׳ משה חלפן.

שמואל־משה: אבער עס איז דאך געווארן פון שידוך?

חזקיה: כאפ נישט! צום ערשטן האט הירש טאמאשאווער אים גוט אויסגעזידלט און אים געזאגט, אז דער רבי איז בבחינת כהן גדול און טאר נישט חתונה האבן מיט אן אלמנה.

שמואל־משה: איז ממילא שוין געווארן דער שידוך מיט איטשע־מאירס שוועגערין.

חזקיה: ניין. לאו דווקא! דער רבי האט שוין דעמאלט אין גאנצן חרטה געקראגן אויפן שידוך.

שמואל־משה: אזוי? נו, וואס איז געווארן?

חזקיה: וואס עס איז געווארן? מען האט געמוזט זוכן עצות ווי אזוי צוריק דאס צו פועלן ביים רבין. האט מען געשריבן א בריוו צום וואורקער און אים געבעטן אז ער זאל שרייבן א בריוו צום רבין און אים צורעדן צום שידוך.

שמואל־משה: האט דער וואורקער אזא בריוו געשריבן?

חזקיה: יא, און טאקע א שטארקן בריוו אויך.

שמואל־משה: אזוי? און דער בריוו האט געהאט א השפעה?

חזקיה: יא, דער רבי האלט דעם וואורקער פאר א גרויסן צדיק.

שמואל־משה: ווי טשיקאווע. נו, וואס איז ווייטער געווען?

חזקיה: הירש טאמאשאווער האט גלייך גערעדט מיטן רבין וועגן שידוך און אים געזאגט, אז ער פארט קייןווארשע אנצוקוקן די כלה.

שמואל־משה: און דער רבי האט אים געהייסן פארן?

חזקיה: יא. און אז ער איז צוריקגעקומען האט ער שטארק אפגעלויבט די כלה און עס איז געווארן א שידוך.

שמואל־משה: און מען האט דאס אפגעשטימט די חתונה אויף היינט?

חזקיה: ריכטיק.

שמואל־משה: איצט הויב איך אן ערשט צו פארשטיין די גאנצע זאך. כ׳וועל דיר זאגן דעם אמת, חזקיה, כ׳האב געקראגן א קורץ בריוועלע פון הירשן, אז כ׳זאל קומען היינט צום רבינס חתונה. כ׳האב אבער נישט אנגע־הויבן צו וויסן, ווער? וואס? ווען? איצט ווייס איך.

חזקיה: מען ריכט זיך היינט אויף א טויזנט קעפיקן עולם און אפשר צוויי טויזנט. אלע אכסניות זיינען שוין געפאקט. מענטשן האבן זיך געלאזט

אָהער פון גאַנץ פוילן. עפּעס אַ קליינינקייט! דער קאָצקער רבי האָט חתונה! מלאכים װעלן היינט זינגען שירה און די כרובים װעלן טאַנצן.

(מען הערט שפּילן אַ חתונה פריילעכס פון כלי זמרים.)

שמואל־משה: די כלי־זמרים שפּילן שוין אַ פריילעכס.

חזקיה: יאָ, עס הויבט זיך שוין אָן! נו, קום בעסער מיט מיר אָן אַ זייט, װעט מען קענען װייטער שמועסן.

(ביידע אָפּ.)

צווייטער אַקט

צווייטע סצענע

(הויף פון קאָצקער רבי. לינקס — דער בית המדרש פון וועלכן דריי פענצטער אויז מיר גייען אין הויף אַריין. באַלד לעבן בית המדרש, איז דעם רבינס וואוינונג, פון וועלכע עס גייט אין הויף אַריין — צוויי פענצטער, און אַ טיר אין דער זייט. דאָ און דאָרט ביי־מער. דער הויף איז אַ לאַנגער און אין הינטערגרונט איז דאָ — אַן אָפענער טויער.

דורכן אָפענעם טויער שטראָמען אַריין חסידים זינגענדיק דעם „קאָצקער ניגון". אין הויף שטייען קופקעלעך מענטשן און שמועסן, אין איין קופקעלע שטייט העניך, דער גריי־צער רב און מרדכי־יוסף. אין אַ צווייטן אָרט שטייט דאָקטאָר קאַך און יסכה און האַלטן זיך ביי די הענט, קוקן זיך אין די אויגן אַריין און ריידן שטיל צווישן זיך. הירש טאָמאַשאָ־ווער און בערל חסיד לויפן אַהין און צוריק פאַרשמאַיעט. אין דער זייט צו רעכטס שטייט אַ קאַפּעליע פון כלי זמרים, וועלכע שפּילן אַ חתונה־פריילעכס. באַלד נאָכן אויפהויבן פון דער פאָרהאַנג, גייען העניך, דער גריצער רב און מרדכי־יוסף אַוועק צוזאַמען, שמועסנדיק צווישן זיך.)

איטשע־מאיר: (אויסגעפּוצט אין אַ שטריימל און אין אַ נייער אַטלע־סענער קאַפּאָטע. לויפט פאַרשמאַיעט איבערן הויף, שרייט) **הירש! הירש!**

הירש טאָמאַשאָווער: (פון דערווייטנס) **איטשע־מאיר, דו דאַרפסט מיך?**

איטשע־מאיר: (נערוועז) **הירש, גיכער! קום נאָר אַהער!**

הירש טאָמאַשאָווער: (דערשראָקן) **וואָס איז געשען?**

איטשע־מאיר: (אומרואיק) **עס וועט נאָך אפשר היינט נישט זיין קיין חתונה.**

הירש טאָמאַשאָווער: (קוקט אים אָן פאַרוואונדערט) **וואָס רעדסטו, איטשע־מאיר? וואָס פאַלט דיר גאָר איין?**

איטשע־מאיר: די כלה האָט אַרויסגעשטעלט אַ תנאי.

הירש טאָמאַשאָווער: אַ תנאי? וואָס פאַר אַ תנאי.

איטשע־מאיר: זי וויל אַז דער רבי זאָל איר צוזאָגן, אַז זי וועט צום יאָר האָבן אַ בן־זכר.

הירש טאָמאַשאָווער: וועגן דעם האָט מען דאָך שוין גערעדט!

איטשע־מאיר: גערעדט. נו, אַז גערעדט איז וואָס? זי וויל אַז דער רבי זאָל עס איר צוזאָגן.

הירש טאָמאַשאָווער: איך האָב שוין דאָס געזאָגט דעם רבין.

איטשע־מאיר: נו, וואָס האָט דער רבי געזאָגט?

הירש טאָמאַשאָווער: ווילסטו וויסן דעם אמת? כ׳האָב שוין דריי מאָל וועגן דעם אָנגעהויבן צו רעדן מיטן רבין, און יעדעס מאָל האָט ער אויף מיר אָנגעשריען, הלמאי איך בין אים מבלבל זיינע רעיונות.

איטשע־מאיר: אויב אַזוי איז נישט גוט! דו ווייסט, הירש, מיין ווייב, רחלע, איז געקומען אויף דער חתונה פון איר שוועסטער צוזאַמען מיט איר פאַמיליע. נו, האָט זי מיר פריער געזאָגט, אַז עס וועט אַנדערש נישט זיין קיין חתונה, סיידן דער רבי וועט בפירוש צוזאָגן, אַז ער וועט וואוינען מיט זיין נייע ווייב כדרך כל האָדם און אַז צום יאָר וועט זי האָבן אַ בן־זכר. זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז זי וויל אַריינגיין צום רבין און הערן דאָס פון זיין מויל גופא. טאָ וואָס טוט מען?

הירש טאָמאַשאָווער: אָבער ווי אַזוי קען איך צולאָזן אַ יידענע צום רבין? איטשע־מאיר, דו ווייסט דאָך ווי פיינט ער האָט ווייבער! ער וועט דאָך זי אַרויסטרייבן צוזאַמען מיט מיר!

איטשע־מאיר: וואָס דען טוט מען? ביידע ווייבער, מיינע און די כלה, האָבן זיך איינגעשפּאַרט, אַז אויב נישט, וועט נישט זיין קיין חתונה.

הירש טאָמאַשאָווער: אסור אויב כ׳ווייס וואָס מען טוט! (קראַצט זיך אין קאָפּ.)

איטשע־מאיר: כ׳פאַרשטיי אַז דו האָסט שוין מורא אַריינצוגיין צו ריידן נאָך אַמאָל מיטן רבין וועגן דעם. אָבער אפשר קען דאָקטאָר קאָך אַריינגיין מיט דיר? ער האָט דאָך עפּעס, זאָגט מען, אַ גרויסע דעה ביים רבין!

הירש טאָמאַשאָווער: אויב דאָקטאָר קאָך זאָל וועלן גיין, דאַרף ער גאָרנישט מיך! ער קען אַליין אַריינגיין און וועט פועלן אויך.

איטשע־מאיר: דאָס דייטשל האָט שטאַרק אויסגענומען ביים רבין.

הירש טאָמאַשאָווער: סטייטש, אויסגענומען?! דער רבי קוקט אים כסדר אין מויל אַריין!

איטשע־מאיר: אַזוי? במה כוחו גדול? אין וואָס ליגט זיין כוח?

הירש טאָמאַשאָווער: כ׳הויב נישט אָן צו וויסן. אָבער דו אַליין האָסט דאָך מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ גדול בתורה.

איטשע־מאיר: יאָ. דאָס איז אמת. אָבער וויניק אַזוינע יונגעלייט דרייען זיך דאָ אַרום? מיט וואָס האָט ער דאָס זוכה געווען, מער ווי אַנדערע?

הירש טאָמאַשאָווער: (ציט מיט די אַקסלען) כ׳ווייס נישט!

איטשע־מאיר: יעדנפאַלס, רוף אים צו און רייד מיט אים!

הירש טאָמאַשאָווער: איטשע־מאיר, דו ווילסט מיך פּאַלגען, רוף אים דו צו און דו רייד מיט אים! קודם כל האָט ער פאַר דיר אַ סך דרך־ארץ, און עס איז דאָך מכוח דיין ווייב.

איטשע־מאיר: גוט, איך וועל רעדן מיט אים. (רופט) **דאָקטאָר קאָך!**

הירש טאָמאַשאָווער: (אָפּ.)

דאָקטאָר קאָך: (קומט צו) אָ, איטשע־מאיר, שלום עליכם, און טאָקע מזל טוב אייך.

איטשע־מאיר: מזל טוב! מזל טוב! אם ירצה השם ביי אייך.

דאָקטאָר קאָך: אַ דאַנק. איר האָט מיך גערופן?

איטשע־מאיר: יאָ. איך וויל פון אייך אַ טובה.

דאָקטאָר קאָך: אַ טובה? אויב נאָר מעגלעך, מיט פאַרגעניגען.

איטשע־מאיר: עס איז מכוח דער היינטיקער חתונה. די כלה האָט אַרויסגעשטעלט אַ תנאי, אַז זי וויל אַז דער רבי זאָל מיט איר זיין ווי אַ מאַן מיט אַ ווייב, און אַז זי זאָל צום יאָר, האָבן אַ בן־זכר. נו, וויל מיין ווייב, וועלכע איז דער כלהס אַ שוועסטער, אַריינגיין צום רבין און הערן דאָס פון זיין מויל גופא.

דאָקטאָר קאָך: כ׳לעבן, זי איז גערעכט.

איטשע־מאיר: וואָלט איר געוואָלט אַריינגיין און זאָגן דעם רבין אַז מיין ווייב, רחלע, די שוועסטער פון דער כלה, וויל רעדן מיט אים?

דאָקטאָר קאָך: פאַרוואָס נישט? איך קען אַריינגיין מיט איר צוזאַמען און זאָגן דעם רבין ווער זי איז, און זי וועט באַלד רעדן מיט אים. וואו איז אייער ווייב?

איטשע־מאיר: זי איז דאָ. וואַרט אַ מינוט, וועל איך זי רופן! (אָפּ. קומט באַלד צוריק מיט זיין ווייב. צו דאָקטאָר קאָך) דאָס איז מיין ווייב, רחלע.

דאָקטאָר קאָך: (צו רחלען) קומט, לאָמיר אַריינגיין צום רבין.

רחלע: (שרעקנדיק) וועט דער רבי רעדן צו מיר? מען זאָגט אַז ער רעדט נישט צו ווייבער.

דאָקטאָר קאָך: אַז איך וועל אַריינגיין מיט אייך, וועט ער צו אייך רעדן.

איטשע־מאיר: (צו רחלען) גיי! האָב נישט קיין מורא!

(רחלע און דאָקטאָר קאָך אָפּ. איטשע־מאיר גייט צו צו הירש טאָמאַשאָווער, וועלכער רעדט מיט אַ קופּקעלע חסידים.)

מרדכי־יוסף: (קומט אָן מיט אַ גרופּע פון פיר יונגע חסידים)... איך האָב זיי געזאָגט אַז דער רבי דאַרף האָבן אַ ווייב וואָס זאָל אים אָפּהיטן, און אַז דער פראַצענטניקס טאָכטער טויג נישט פאַר אים! ווי קומט זי גאָר צו אים? זי איז געוואוינט צו עשירות, צו רייכקייט. ווי קומט זי גאָר צו זיין אַ רביצין? און דערצו נאָך — קאָצקער רביצין? זי דאַרף האָבן אַ סך געלט און דער רבי האָט דאָך אַ גאַנץ קליינע הכנסה. ער וואָלט געקענט האָבן אַ סך מער, אָבער ער צוטרייבט דאָך דעם עולם! טאָ, וואָס מיינט איר וועט דער סוף זיין? — זי וועט פאַרלאַנגען פון אים אַ סך, און אַזוי ווי ער וועט נישט

האָבן איר צו געבן, וועט ער שטענדיק זיין אין כעס און עס וועט אויסגיין צו אונדזערע קעפּ. ער וועט האַלטן נאָך מער פאַרמאַכט די טיר.

1טער יונגער חסיד: פאַרוואָס האָט איר עס דערלאָזן?

2טער יונגער חסיד: דער רבי האָט געדאַרפט חתונה האָבן מיט אַ מיטליעריקע פרוי, אין זיינע יאָרן.

3טער יונגער חסיד: זי וועט אים אָוועקרייסן פון זיינע הויכע רעיונות.

4טער יונגער חסיד: ווער האָט אים דעם שידוך איינגעשלייערט?

מרדכי־יוסף: כ׳זע אַז איר ווייסט גאָרנישט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

1טער יונגער חסיד: דהיינו, וואָס?

מרדכי־יוסף: דאָס איז דאָך געווען די אַרבעט פון דער קאַמארילע.

2טער יונגער חסיד: פון דער קאַמארילע? וועלכע קאַמארילע?

מרדכי־יוסף: נו, די קאַמארילע! די כנופיה. איר ווייסט דאָך! זיי האַלטן זיך דאָך צוזאַמען.

3טער יונגער חסיד: וועמען מיינט איר?

מרדכי־יוסף: נו, די כנופיה, די באַנדע. איטשע־מאיר, הירש טאָמאַשאָווער, העניך, דער גריצער רב, בערל חסיד און נאָך עטלעכע. זיי האַלטן זיך דאָך צוזאַמען. עס איז איינער פאַרן אַנדערן, אויף טויט און אויף לעבן.

4טער יונגער חסיד: און דאָס דייטשל?

מרדכי־יוסף: און איצט איז צוגעקומען דאָס דייטשל! ער איז איצט אויך געוואָרן איינער פון זיי; איך פאַרשטיי אַז אים האָבן זיי אַריינגענומען אין דער כנופיה, ווייל דער רבי האַלט פון אים! נו, אַז איטשע־מאיר האָט אַ שוועגערין, אַן אַלטע מויד, און האָט זי געוואָלט פאַרשלייערן פאַרן רבין, זיינען אַלע געלאָפן פאַר אים אין פייער און אין וואַסער, אויסצופירן דעם שידוך. דאָס איז איין באַנדע, געקניפּט און געבונדן.

1טער יונגער חסיד: דוכט זיך מיר, אַז איר האָט אויך אים גערעדט אַ שידוך מיט אייערס אַ שוועסטער קינד.

מרדכי־יוסף: אַ טייערע פרוי! אַן אלמנה נעבעך. אָבער אַ האַרציקער מענטש! אַ גוטע נשמה. אַ שטילע טויב! זי וואָלט פאַרן רבין געווען אַן אמתער אוצר! נו, האָט די כנופיה בשום אופן דאָס נישט געוואָלט צולאָזן.

2טער יונגער חסיד: כ׳האָב געהערט אַז דער דאָקטאָר קאָך האָט געאַרבעט מעשים אויסצופירן דעם שידוך מיט איטשע־מאירס שוועגערין.

מרדכי־יוסף: אַוודאי! אָבער די אַנדערע האָבן אויך שטאַרק געאַרבעט.

3טער יונגער חסיד: וועגן דאָקטאָר קאָך גייען דאָ אַרום גאַנצע מעשיות.

4טער יונגער חסיד: עס איז ממש אומדערהערט! געקומען עפּעס אַ דייטשל און האָט פאַרדרייט דעם קאָפּ יסכהן און זי אָוועקגעריסן פון איר חתן יחיאל־פישל.

1טער יונגער חסיד: איר דאַרפט אָנקוקן יחיאל־פישלען, עס איז אים איצט נישט צו דערקענען. ער גייט אַרום און וויינט. ער עסט נישט און שלאָפט נישט, עפּעס אַ קלייניקייט, אַזאַ זאַך!

2טער יונגער חסיד: אַלע ווייסן אַז דאָקטאָר קאַך האָט אָפּגעטאָן אַ געמיינהייט, און דאָך שווייגט מען.

3טער יונגער חסיד: ווייל דאָס דייטשל האָט נושא חן געווען ביים רבין.

4טער יונגער חסיד: איך האָב ערשט געזען ווי דאָקטאָר קאַך איז געשטאַנען און זיך געהאַלטן ביי די הענט מיט יסכהן, און זיי האָבן זיך גע־קוקט אין די אויגן אַריין, אָפן פאַר אַלע. איך ווייס נישט ווי אַזוי דער רבי קאָן נאָך האַלטן פון אים?

רחלע: (לויפט אַרויס מיט אַ געשריי פון רבינס הויז, דאָקטאָר קאַך לויפט נאָך איר) כ׳האָב מורא פאַר אים! כ׳האָב מורא פאַר זיינע ביסטרע אויגן! ווי ער האָט זיך דאָס צעשריגן אויף מיר? ס׳האַרץ וואַרפט זיך אין מיר!

דאָקטאָר קאַך: (צו רחלען) באַרואיקט זיך: דער רבי האָט נישט גע־מיינט קיין שלעכטס!

רחלע: איך האָב אָבער באַלד מורא געהאַט אַריינצוגיין צו אים. (טאָן ענדערונג) אויב ער גיט נישט נאָך דעם תנאי, וועט היינט נישט זיין קיין חתונה. אַזוי האָבן מיר באַשלאָסן.

דער רבי: (קומט צו צום אָפענעם פענצטער, שרייט) וואָס ווילט איר פון מיר? פאַרוואָס לאָזט איר מיך נישט צורו? וואָס האָסטו עפּעס אָנגע־שיקט אויף מיר אַ יידענע, יוסף!

דאָקטאָר קאַך: (גייט צו פאַרן פענצטער) רבי! (עס קומען צו אויך איטשע־מאיר און הירש טאָמאַשאָווער.)

דער רבי: ווער איז די יידענע און וואָס האָט זי געוואָלט?

דאָקטאָר קאַך: זי איז איטשע־מאירס ווייב.

דער רבי (לויפט הין און צוריק איבערן צימער, קומט צוריק צום פענצ־טער) איטשע־מאירס ווייב, איטשע־מאירס ווייב! און וואָס האָט זי געוואָלט? אַנטלויפט פון פענצטער, קומט צוריק.)

דאָקטאָר קאַך: זי איז געקומען וועגן אַ דבר מצווה. זי איז דער כלהס אַ שוועסטער.

דער רבי: וואָס פאַר אַ כלה? וואָס פאַר אַ שוועסטער? (שרייט) הירש! הירש!

הירש טאָמאַשאָווער: כ׳בין דאָ, רבי!

דער רבי: גוט. הירש, וואו האָסטו אַהינגעטאָן דעם ירושלמי? איך מוז שוין האָבן דעם ירושלמי! כ׳האָב זיך שוין דעם קאָפּ אויסגעדרייט.

דאָקטאָר קאָך: אָבער רבי, היינט איז דאָך דער חופה־טאָג. די מחותנים זיינען שוין געקומען.

דער רבי: (ביים פענצטער) מחותנים? וועלכע מחותנים? וואָס פאַר אַ מחותנים?

דאָקטאָר קאָך: דעם רבינס מחותנים! עס איז דאָך היינט די חתונה!

דער רבי: היינט איז די חתונה... (לויפט איבערן צימער, קומט צו־ריק צום פענצטער) אַ חתונה!... אָבער וואו איז דער ירושלמי?

דאָקטאָר קאָך: רבי, דער כלהס שוועסטער, איטשע־מאירס ווייב, וויל רעדן מיט אייך.

דער רבי: נו, זאָל זי רעדן! ווער לאָזט איר דען נישט רעדן?

דאָקטאָר קאָך: (ווינקט צו רחלען) גיכער! רעדט!

רחלע: (ציטערנדיק) די כלה וויל, אַז דער רבי זאָל איר צוזאָגן אַז זי וועט האָבן צום יאָר אַ בן־זכר.

דער רבי: אַ בן־זכר, אַ בן־זכר!... וואָס דרייט זי מיר דעם קאָפּ מיט אַ בן־זכר?!... (אָפּ פון פענצטער)

רחלע: (קריגט מער מוט) די כלה איז אַ בתולה און וויל אַז דער רבי זאָל זיין מיט איר ווי אַלע מענטשן. זי וויל אַז...

דער רבי: (קומט צו צום פענצטער, שרייט בייז) טרייבט אַוועק די יידע־נע! זי איז מיר נאָר מבלבל מיינע רעיונות!

רחלע (מיט מער מוט) די כלה זאָגט אַז זי וועט נישט גיין צום באַדע־קענס!...

דער רבי: זאָל זי נישט גיין צו באַדעקענס! ווער דאַרף אַ באַדעקענס? וואָס באַדעקענס? ווען באַדעקענס?

דאָקטאָר קאָך: רבי, היתכן? עס איז היינט דאָך דער חופה־טאָג.

דער רבי: (בייז) יוסף, וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר? וואָס וויל מען פון מיר? פאַרוואָס לאָזט מען מיר נישט זיין רואיק אין מיין ווינקל? נעמט אייך די גאַנצע וועלט, אָבער לאָזט מיר איבער מיינע ד׳ אמות.

דאָקטאָר קאָך: (ענערגיש) היינט האָט דער רבי חתונה! היינט איז דער חופה־טאָג! היינט דאַרף דער רבי אָוועקלייגן דאָס לערנען! זאָל דער רבי ענטפערן איטשע־מאירס ווייב אויף איר פראַגע.

רחלע: (דערמוטיקט) אויב דער רבי וועט נישט ענטפערן אויף דער פראַגע, וועט היינט נישט זיין קיין חתונה!

דער רבי: (בייז) קול באשה... זי האָט מיר שוין ווידער מבלבל געווען מיינע רעיונות! עס איז אַלעמאָל די אשה וואָס שלעפט אַראָפּ. עס איז זיך נישט אויסצוהיטן פון זיי!...

רחלע: (מוטיק) מיר פרויען זיינען נישט קיין מלאכים, נאָר מענטשן, און

מיר ווילן וואוינען מיט מענטשן, האָבן קינדער און אויפציען זיי לתורה לחופה ולמעשים טובים.

דער רבי: (לויפט איבערן צימער, קומט צוריק צום פענצטער, בייז) **טרייבט אַרויס די יידענע! טרייבט אַרויס דעם שטן!...**

רחלע: (שטורמיש) כלי־זמרים הערט אויף צו שפּילן! **עס וועט היינט קיין חתונה נישט זיין! מיין שוועסטער וועט זיך נישט פאַרקויפן פאַר אַ דינסט צום רבין. משה חלפנס טעכטער זיינען קיין דינסטן נישט! מיר פאָרן אַהיים!...**

(אַ טומעל אין הויף, רחלע וויינט.)

דאָקטאָר קאַך: (גייט צו נעענטער צום רבינס פענצטער, זאָגט הויך און שטאַרק) **רבי! נו זאָל שוין דער רבי צוזאָגן דער כלה אַז זי וועט האָבן אַ בן־זכר. מען הייסט אַזוי!...**

(אויסדרוקן פון דערשטוינונג אויף די פּנימער פון עולם.)

דער רבי: (מילדער) **אַ בן־זכר! אוודאי מיט השם יתברך׳ס הילף וועט זי האָבן אַ בן־זכר און איך אַליין וועל אים פירן צו דער חופּה!**

איטשע־מאיר: (צו רחלען) **האָסט געהערט?**

דאָקטאָר קאַך: (צו רחלען) **איצט קאָן שוין זיין די חתונה! דער רבי האָט צוגעזאָגט אַלץ וואָס די כלה האָט געוואָלט. מזל טוב!**

איטשע־מאיר: מזל טוב! מזל טוב!

רחלע: (מיט פאַרוויינטע אויגן) **מזל טוב!**

הירש טאָמאַשאָווער: **מזל טוב! מזל טוב! כלי זמרים שפּילט אַ פריי־לעכס. עס וועט זיין די חתונה. און נאָך וואָס פאַר אַ חתונה! לוסטיק! לע־בעדיק!**

רחלע: (צו איטשע־מאירן) **כ׳גיי עס זאָגן דער כלה.** (אָפּ)

(חסידים הויבן אָן צו זינגען. אַנדערע טאַנצן. עס איז אַ גרויסער טומל אין הויף.)

הירש טאָמאַשאָווער: (צו דאָקטאָר קאַך) **עס איז געקומען קיין עין־הרע אַזאַ גרויסער עולם און אַלע ווילן נעמען שלום ביים רבין. זאָל דער רבי כאָטש אַרויסקומען און זאָגן זיי עפּעס. איר קענט עס פועלן ביים רבין.**

דאָקטאָר קאַך: (גייט צו צום פענצטער) **רבי, זאָל דער רבי אַרויסקומען און זאָגן אַ שטיקל תורה פאַרן עולם... לכבוד דער חתונה זיינען געקומען אַ סך פריינט פון רבין. זיי ווילן הערן עפּעס אַ גוט וואָרט פון אייער מויל... איך וועל העלפן דעם רבין אָנטאָן.** (גייט אַריין צום רבין.)

(דער רבי און דאָקטאָר קאַך קומען אַרויס. דער רבי אין אַ ווייסע אַטלע־סענע זשופּיצע און אַ הויך שטריימל.)

שטימען: דער רבי! דער רבי!

(אַלע פאַרזאַמלען זיך אַרום דעם רבין. די כלי־זמרים הערן אויף צו שפּילן.)

דער רבי: עס שטייט געשריבן „ויאהב יעקב את רחל". יעקב האָט ליב געהאַט רחלען. מיינט דאָ דער פסוק צו זאָגן, אַז יעקב האָט טאַקע ליב געהאַט רחלען, אָדער אפשר אַז יעקב האָט ליב געהאַט זיך אַליין? וואָרום, למשל ווען אַ מענטש זאָגט אַז ער האָט ליב אַ קאָפּ פיש, וואָס מיינט עס? מיינט עס אַז ער האָט טאַקע ליב דעם פיש, צי עס מיינט, אַז ער האָט ליב זיך און וויל דער־ריבער הנאה האָבן פון קאָפּ פיש, כאָטש פאַרן פיש גופא טויג עס נישט? וואָס מיינט אלזא „ויאהב יעקב את רחל". ווען האָט יעקב ליב געהאַט, זיך צי רחלען? (פאַרטראַכט זיך.) ... קען מען דאָס אפשר פאַרשטיין פון אַן אַנדערן פסוק. עס שטייט געשריבן „ואהבת את ה׳ אלהיך", דו זאָלסט ליב האָבן דייך גאָט. וואָס מיינט דאָ דער פסוק, ליב צו האָבן זיך אָדער ליב צו האָבן גאָט? אויב דער פסוק זאָל מיינען ליב צו האָבן זיך, טאָ וואָס פאַר אַ געבאָט איז עס? מוז דאָך נאָר זיין, אַז עס מיינט ליב צו האָבן גאָט. אויב אַזוי דאַרף מען דאָך דעם פסוק „ויאהב יעקב את רחל" אויך אַזוי טייטשן, אַז ער האָט טאַקע ליב געהאַט רחל. (פאַרטראַכט זיך) ... קאָן מען אפשר זאָגן אַז עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן דער ליבע צום כביכול און דער ליבע צו אַ בשר־ודם. אויב אַזוי, פאַר וואָס געברויכט דער פסוק ביי יעקבן דאָס וואָרט „ויאהב". האָט ער געדאַרפט נוצן אַן אַנדער וואָרט? דער אמת אָבער איז, אַז דער עצם פון אהבה מיינט שלמות, גאַנצקייט, און ווען עס ווערט געברויכט דאָס וואָרט „אהבה", ליבשאַפט, קען עס נישט אַנדערש זיין ווי ליבן עמעצן. צי עס איז דעם כביכול, צי עס איז אַ בשר־ודם. אָבער ווען אַ מענטש זאָגט אַז ער האָט ליב אַ קאָפּ־פיש — איז עס ניט ליבע נאָר גלוסטונג, תאווה, און תאווה איז אויף זיך אַליין. דער כלל איז אַז אהבה, ליבע איז צו יענעם, דער־פאַר זעען מיר, אַז יעקב אָבינו האָט אָפּגעדינט פאַר רחלען 14 יאָר „באהבתו אותה", ווייל ער האָט זי ליב געהאַט, און אַזוי איז אויך בנוגע דעם כביכול ווי די גמרא זאָגט „אַפילו נוטל את נפשך", אפילו מען נעמט דיר צו דאָס לעבן. דעריבער דאַרף מען אונטערשיידן צווישן „תאווה" און „אהבה". פון „תאווה" דאַרף מען זיך דערווייטערן, אָבער אהבה איז דער מקור פון דער וועלט...

(דער עולם נעמט זיך שטופּן צום רבין און ווילן אים געבן שלום. דער רבי ציט זיך צוריק, אָבער דער עולם רינגלט אים אַלץ מער אַרום, און עס הערן זיך געשרייען: „רבי, שלום עליכם!" „שלום עליכם, רבי!".)

דער רבי: (רופט) איטשע־מאיר! איטשע־מאיר!

איטשע־מאיר: וואָס, רבי?

דער רבי: (נערוועז) וואָס פאַר אַן ערב־רב האָסטו מיר דאָ אָנגעטריבן? וואָס וויל אָט די „פאָספּולסטוואַ"?

איטשע־מאיר: זיי זיינען געקומען צום רבינס חתונה! דאָס זיינען אַלע חסידים! וואוילע יידן!

דער רבי: אָבער ווער דאַרף זיי? ווער וויל זיי? וואָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט זיי? און אַז איך האָב חתונה, וואָס איז די שמחה אויף זיי? (אָפּ, צו־ריק אין זיין צימער.)

(אין הויף ווערט פריילעך. די כלי־זמרים שפּילן, חסידים זינגען, אַנדערע טאַנצן. די איזשביצער יונגע חסידים האַלטן זיך באַזונדער אַרום דעם איזשביציצער. אַנדערע גרופּירן זיך אַרום איטשע־מאירן, העניך און דעם גריצער רב, וואָס זיינען פאַרטיפט אין אַ שמועס. הירש טאָמאַשאָווער לויפט צוטראָגן אַהין און צוריק; בערל חסיד קאָמאַנדעוועט מיט אַ גרופּע יונגעלייט, וואָס שטעלן אויף די חופה אין הויף.)

אליעזר פּולטיסקער: (קומט אָן, קוקט זיך אַרום, פרעגט גיך.) וואו איז יסכה? האָט עמעצער געזען מיין טאָכטער יסכה? (קיינער ענטפערט אים ניט. ער שטעלט אָפּ הירש טאָמאַשאָווער, וואָס גייט פאַרביי); הירש, וואו איז יסכה? האָסטו אפשר געזען יסכהן?

הירש טאָמאַשאָווער: (צוטראָגן) כ'האָב זי נישט געזען. כ'ווייס נישט. זי מוז דאָ ערגעץ זיין.

אליעזר פּולטיסקער: (זוכט מיט די אויגן) לאָמיך זי נאָר געפינען, וועל איך איר ווייזן צו פירן ליבעס מיט עפּעס אַ דייטשל! (ביילט די פויסטן) לאָמיך זי נאָר כאַפּן!

יסכה: (דערזעט איר פאָטער פון וויטן, לויפט אים אַנטקעגן) טאַטע! טאַטע!

אליעזר פּולטיסקער: (מיט כעס) איך וועל דיר באַלד ווייזן ווי צו פאָלגן אַ טאַטע! וואָס פאַר אַ ליבעס פירסטו מיר דאָ? און ווער איז דאָס דייטשל? מען האָט מיר אַלץ דערציילט! וואָס קומט דאָ פאַר?

יסכה: דו מיינסט דאָקטאָר קאָך?

אליעזר פּולטיסקער: וואָס פאַר אַ דאָקטאָר קאָך? וואָס קאָכסטו זיך אַזוי?

יסכה: דער טאַטע ווייס נישט ווער עס איז דאָקטאָר קאָך? ער איז דאָך אַ גאַנצער מקורב ביים רבין!

אליעזר פּולטיסקער: מיך אינטערעסירט נישט ווער דער דאָקטאָר קאָך איז. איך וויל נאָר וויסן וואָס פאַר אַ מחותן דו ביסט מיט אים?

יסכה: ער איז מיין חתן, מיין זיווג.

אליעזר פּולטיסקער: אַזוי?! ווער האָט דיר דאָס געזאָגט?

יסכה: ער האָט עס מיר געזאָגט, און ער ווייס!

אליעזר פּולטיסקער: ער ווייס גאָרנישט! איך ווייס בעסער. דו ביסט געוואָרן אַ כלה צו העניכס זון! און מיט אים וועסטו חתונה האָבן.

יסכה: אָבער דער רבי הייסט דאָך נישט!

אליעזר פּולטיסקער: האָסטו דען אים געפרעגט?

יסכה: האָט דער רבי נישט געזאָגט אין מיין חופה־טאָג, אַז עס וועט נישט זיין קיין חתונה?

אליעזר פּולטיסקער: אפשר איז דער טאָג נישט געווען קיין גוטער? סיי ווי צי עס וועט זיין מיט העניכּס זון צי נישט, איך וויל נישט אַז דו זאָלסט פירן ליבעס מיט עפּעס אַ דייטשל!

יסכה: (דערשראָקן) מאַמע, דאָקטאָר קאָך איז נישט עפּעס אַ דייטשל!

אליעזר פּולטיסקער: דו זאָג מיר נישט קיין דעות! ביסט שוין אפשר פאַרליבט אין אים?

דאָקטאָר קאָך: (קומט צולויפן) יסכה! פאַר וואָס ביסטו אַוועק? כ'האָב דיך אַרומגעזוכט. (דערזעט אליעזרן.) אָ, דאָס מוז זיין דיין טאַטע! שלום עליכם.

אליעזר פּולטיסקער: (דערלאַנגט אים נישט די האַנט) איך וויל וויסן וואָס דו ווילסט פון איר האָבן.

דאָקטאָר קאָך: זי איז מיין זיווג.

אליעזר פּולטיסקער: דיין זיווג?! פון וואַנען ווייסטו דאָס? האָסט אפשר נאָכגעקוקט די ביכער אויבן אין הימל?

דאָקטאָר קאָך: אפשר...

אליעזר פּולטיסקער: אַזוי?! אַ נסתר וואָס ווייס אַלע סודות פון הימל! הער מיך אויס, יונגערמאַן. דו זאָלסט אויפהערן צו דרייען מיין טאָכטער אַ ספּאָדעק וועגן אַ זיווג. לאָז זי צורו! איך וועל דיך פאַר קיין איידעם קיינ־מאָל נישט נעמען!

דאָקטאָר קאָך: איך וואָלט אייך אויך נישט געוואָלט האָבן פאַר אַ שווער, אָבער עס איז דאָך אַזוי באַשערט!

אליעזר פּולטיסקער: ביזט אַ שייגעץ! אַן עזות פנים!

דאָקטאָר קאָך: און איר זיינט אַ קרעמער! אַ גאַנצן לעבן געהאַנדלט, געוואָנדלט, און איצט ווילט איר האַנדלען מיט אייער טאָכטער! חתונה מאַכן איר מיט דעם וואָס עס וועט זיך אייך בעסער לוינען.

אליעזר פּולטיסקער: (ברענט פון כעס) איך וועל דיך דורס זיין! איך וועל דיר ווייזן! (לאָזט זיך מיט געביילטע פויסטן צו דאָקטאָר קאָך.)

יסכה: (שטעלט זיך דערשראָקן צווישן זיי, רופט) הירש, הירש טאָמאַ־שאָווער! גיכער!

הירש טאָמאַשאָווער: (קומט צולויפן. דערזעט ווי אליעזר רייסט זיך מיט געביילטע פויסטן צו דאָקטאָר קאָך. שרייט) אליעזר, זאָלסט זיך נישט דערוועגן! דו הערסט! דו ווייסט נישט וואָס דו טוסט! (כאַפּט אָן אליעזרן ביי די הענט) דו זאָלסט זיך נישט דערוועגן! דו הערסט! משוגענער!

אליעזר פּולטיסקער: (פאַרוואונדערט) וואָס איז? ווער איז ער דען?

הירש טאָמאַשאָווער: (שרייט איבער אים) שווייג, בהמה. רייד נישט, אַז דו ווייסט נישט!!

אליעזר פולטיסקער: איך וועל נישט שוויגן! עס איז מיין קינד. איך וועל עס נישט דערלאָזן.

הירש טאַמאַשאָווער: אויב דו רעדסט נאָך אַ וואָרט וועל איך דיר אַראָפּלאָזן צוויי פּעטש אַז דו וועסט זען דייך באַבע פאַר די אויגן. דו הערסט! זאָלסט זיך מיט דאָקטאָר קאָך נישט קריגן. אויב דו ווילסט, פרעג ביים רבין, פאַרשטייסט זיך, נישט היינט! (צו דאָקטאָר קאָך) דאָקטאָר קאָך, קומט מיט מיר! (ביידע אָפּ)

אליעזר פולטיסקער: איר מעגט אַלע זאָגן וואָס איר ווילט, אָבער דאָס דייטשל געפעלט מיך נישט!

יסכה: דער רבי הערט זיך צו צו יעדן וואָרט וואָס ער זאָגט.

אליעזר פולטוסקער: ווער איז ער? אַ למד־וואָווניק? פונדעסטוועגן וויל איך דיך יסכה אַהיימנעמען. מאַך זיך גרייט, באַלד נאָך דער חתונה, וועלן מיר פאָרן אַהיים.

יסכה טאַטע, איך וועל נישט פאָרן אַהיים אָן אים! איך בין שוין נישט דאָס קליינע מיידעלע מיט וועלכע דו האָסט געקאָנט טאָן וואָס דו האָסט געוואָלט.

דאָקטאָר קאָך: (קומט צוריק) קום, יסכה!

אליעזר פולטיסקער: (צו יסכהן) דאַ בלייבן!

דאָקטאָר קאָך: יסכה, קום!

יסכה: (גייט אַוועק מיט דאָקאָר קאָך.)

אליעזר פולטיסקער: (כאַפּט אַראָפּ די גאַרטל און בלייבט שטיין אָפּ־הענטיק. קוקט זיי נאָך) כ׳וועל זיי נאָך ביידע אָנלערנען! כ׳וועל זיי ווייזן! (די כלי־זמרים שפּילן שטאַרקער. אַ טומל. שטימען: „מען גייט פירן די כלה אונטער דער חופה״. עס קומען אָן די מחותנים, משה חלפן און זיין ווייב, וועלכע פירן די כלה הוהלע אין אַ ווייס זיידן חופה קלייד. נאָך זיי גייען איטשע־מאיר און זיין ווייב רחלע. נאָך זיי גייען דער גריצער רב און העניך. אַלע בלייבן שטיין פאַר דער חופה און וואַרטן, אַז מען זאָל פריער אַרונטערפירן דעם חתן. עס קומען אויך אָן הירש טאַמאַשאָ־ווער און בערל חסיד. דער עולם שרייט „מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב! אָבער וואו איז דער חתן!״

הירש טאַמאַשאָווער און העניך גייען אַוועק צו ברענגען דעם חתן, דעם רבי און אים פירן אונטער דער חופה! אָבער עס דויערט אַ ביסל און דער עולם הויבט אָן ווידער צו מורמלען: „נו, וואו איז דער חתן?)

הוהלע חלפן: (שטייט פאַר דער חופה, ווײנט) ווער ווייס צי ער וועט גאָר אַרויסקומען? אַזאַ פאַרשעמונג!

משה חלפן: באַרואיק זיך מיין קינד. ער וועט באַלד אַרויסקומען! (צו איטשע־מאירן) גיי אַריין און גיב אַ קוק וואָס דאָרטן טוט זיך.

איטשע־מאיר: גוט. איך קום באַלד צוריק מיטן רבין. (אָפּ אין רבינס הויז)

דער רבי: (דורכן אָפֿענעם פֿענצטער הערט זיך זיין שטימע ווי ער שרייט) איטשע־מאיר, גוט וואָס דו ביסט דאָ! כ'האָב געפֿונען דעם ירושלמי! עס שטייט דאָרטן פּונקט אַזוי ווי איך האָב געזאָגט! נו, וואָס טוסטו איצט מיטן רמב״ם?

איטשע־מאיר: (זיין שטימע הערט זיך אויך דורכן אָפֿענעם פֿענצטער) דער פּשט אין רמב״ם איז ריכטיק, אָבער לאָמיך זען דעם ירושלמי.

דער רבי: וואָס מיינסטו? דער ירושלמי איז ריכטיק! עס שטייט דאָך בפּירוש...

שמואל חלפֿן: זיי האָבן זיך דאָרטן גאָר פֿאַרשמועסט אין לערנען! איך וועל אַריינגיין צו זיי און זאָגן זיי! וואָס מיינען זיי עפּעס? (גייט צו צום אָפֿע־נעם פֿענצטער, רופֿט:) רבי! מחותן!

דער רבי: (קומט צו צום פֿענצטער) וואָס ווילסטו? וואָס פֿאַר אַ מחותן בין איך מיט דיר?

שמואל חלפֿן: די כלה וואַרט.

דער רבי: די כלה וואַרט!... די כלה וואַרט!... נו, זאָל זי וואַרטן... וואָס, זי האָט קיין צייט ניט?...

חוהלע חלפֿן: (צעוויינט זיך אויפֿן קול) אויס כלה! איך פֿאָר אַהיים. (וויל אַראָפּרייסן פֿון זיך דעם שלייער.)

הירש טאָמאַשאָווער: זייט נאָך רואיק אַ מינוט! דער רבי וועט באַלד אַרויסקומען. (רופֿט) דאָקטאָר קאָך!

דאָקטאָר קאָך: (קומט אָן פֿון אַ זייט מיט יסכהן) וואָס איז?

הירש טאָמאַשאָווער: (אויפֿגערעגט) אום גאָטעס ווילן! די כלה וואַרט שוין ביי דער חופּה אפֿשר אַ שעה! זי וויל אַנטלויפֿן! גייט אַריין און ברענגט אַרויס דעם רבין!

דאָקטאָר קאָך: (הויך) דער רבי וועט באַלד אַרויסקומען! כלי־זמרים שפּילט אַ פֿריילעכס לכבוד דעם חתן. (אָפּ, צום פֿענצטער) רבי, די כלה וויינט! זי וואַרט פֿאַר דער חופּה און וויינט.

איטשע־מאיר: (כאַפּט זיך) אוי! גאָר פֿאַרגעסן. טאַקע, די חופּה! רבי, מען מוז שוין אַרויסגיין!

דער רבי: די כלה וויינט! טאָ פֿאַרוואָס האָט איר מיר פֿריער דאָס נישט געזאָגט?

(איטשע־מאיר העלפֿט דעם רבין אָנטאָן אַ קיטל מיט אַ גאָלדענעם גאַרטל)

הירש טאָמאַשאָווער: (לויפֿט צו צום פֿענצטער, שרייט) דער חתן גייט! דער רבי גייט! אויפֿגעשפּילט זאָל ווערן! לעבעדיק!

(דער רבי ווערט געפֿירט פֿון איטשע־מאירן און העניכן אונטער דער

חופה. די כלי־זמרים שפּילן שטאַרקער. געשרייען: „מזל טוב רבי!" „מזל טוב חתן!" „מזל טוב כלה! מזל טוב". דערנאָך פירט מען אַרונטער די כלה זיבן מאָל אַרום דעם חתן. דער עולם שרייט אַלץ „מזל טוב! מזל טוב!"

דער **גריצער רב** איז מסדר די קדושין. דער **רבי** איז מקדש די כלה. ער צעברעכט אַ גלאָז און אַלע שרייען ווידער „מזל־טוב!" דערנאָך לייענט דער **גריצער רב** די כתובה און זאָגט די שבע ברכות.)

הירש טאָמאַשאָווער: זאָל זיין שטיל! דער רבי וויל עפּעס זאָגן.

(עס ווערט זייער שטיל.)

דער רבי: עס איז פון אייביק אָן אַ מנהג ביי יידן אַז ביי אַ חתונה גיט דער חתן דער כלה אַ רינג, אַ טבעת. דאָס איז אַ סימן פון איבערגעבן עמעצן רשות, אַפילו אַ טייל פון מלכות, ווי מען זעט עס ביי יוסףן, ווען פּרעה האָט אים געגעבן זיין רינג. אַמאָליקע צייטן פלעגט יעדער מלך האָבן אַ רינג, וואָס איז אויך געווען זיין חותם. די גמרא זאָגט אַז דער רבונו של עולם, וואָס איז דאָך דער מלך מלכי המלכים האָט אויך אַ רינג מיט אַ חותם, און אין זיין חותם שטייט דאָס וואָרט „אמת". איז דאָך אַ קשיא, עס זיינען דאָך דאָ נאָך אַנ־דערע מעלות אויף דער וועלט, פאַרוואָס האָט דער רבונו של עולם גאָר געוו־מען פאַר זיין חותם דאָס וואָרט „אמת"? פאַרוואָס נישט עפּעס אַנדערש? איז דער תירוץ אַז אַנדערע מעלות קאָן מען פעלשעווען און מען קאָן זיי נישט דערקענען. „אמת" אָבער קען מען נישט פעלשעווען וואָרום ווי נאָר מען פעלשעוועט עס, איז עס שוין נישט אמת...

(אַ גרויסער טומל. מען פירט איצט דעם חתן מיט דער כלה אין אַ באַזונ־דער חדר צו עסן די גאָלדענע יויך. חסידים וואַרטן אין דרויסן. עס דויערט אַ לאַנגע צייט. פּלוצלונג הערט מען אַ געשריי פון דער כלה: **ראַטעוועט מיך! כ'האָב מורא, ראַטעוועט!"** חסידים לויפן אַריין און עס הערן זיך שטימען: „די כלה ליגט אויף דר'ערד", זי חלשט. גיכער, וואַ־סער". מען טראָגט זי אַרויס און מען מינטערט זי.)

משה חלפן: קינד מיינס, וואָס איז געווען?

רחלע: ווי פּילסטו, הוהלע? וואָס איז געשען?

הוהלע חלפן: כ'האָב מיך אַזוי דערשראָקן! אוי, ווי מיר! ער האָט גע־נומען לויפן איבער דעם צימער און שרייען: „דער ירושלמי!" „דער ירושלמי!", און מאַכן אַזעלכע קולות, אַז איך האָב זיך דערשראָקן אויף טויט!... כ'האָב געמיינט אַז ער איז חלילה אַראָפּ פון זינען... (טאָן ענדערונג) טאַטע, וואָס האָסטו פון מיר געוואָלט? כ'האָב געוואָלט אַ מענטש פאַר אַ מאַן און נישט קיין מלאך! איך האָב מורא פאַר אים!... (וויינט)

(אַ טומל אין הויף, אַנדערע זינגען.)

דאָקטאָר קאָך: (אין דער שטיל צו יסכהן) **שוין אָפּגערעדט אַלץ מיטן ביאַלער רב. ער פֿאָרט באַלד אַהיים און האָט מיר געזאָגט, אַז מיר זאָלן מיט־פאָרן מיט אים, וועט ער אונדז געבן חופּה וקדושין. איך האָב שוין איינגע־פּאַקט מיינע זאַכן. מיין פּעקל ליגט שוין אויף דער פֿור, וואָס שטייט נישט ווייט פֿון טויער. גיי ברענג דיין פּעקל. איך וויל נישט אַז דיין טאַטע זאָל אונדז זען. איך וועל אַרויסגיין פֿריער און דו גיי מיר נאָך. דער ביאַלער רב זאָגט מיר אַז אין ביאַלע קאָן איך זיין אַ צאָן דאָקטאָר. דער רבי האָט איצט אַ נייַ ווייבל, וועט ער מיך פֿאַר אַ צייט לאַנג נישט דאַרפֿן... קום באַלד צו דער פֿור!...** (אָפּ)

יסכה: **איך וועל גיין מיט דיר, יוסף, אַפֿילו ביז עק וועלט!** (קוקט זיך אַרום צי מען זעט נישט. פֿאַרשווינדט אַ ווײַלע און קומט צוריק מיט איר פּעקל און לאָזט זיך גיין אין דער ריכטונג צום טויער.)

אליעזר פּולטיסקער: (דערזעט יסכהן, שרייט) **יסכה! יסכה!! יסכה!!!**

יסכה (קוקט זיך נישט אום און גייט ווייטער.)

אליעזר פּולטיסקער: (שרייט אויס) **עס איז מיר נישט גוט.** (פֿאַלט אַני־דער אויף דר׳ערד.)

(פֿאָרהאַנג)

דריטער אַקט

ערשטע סצענע

(פרייטיק פאַר נאַכט אין בית המדרש פון קאָצקער רבי. די סצענע איז די זעלבע ווי אין דער ערשטער סצענע פון צווייטן אַקט.

בערל חסיד פּאָרעט זיך אַרום אַ טיש און שטעלט אים אַוועק ביי דער וואַנט און דעקט אים צו מיט אַ ווייסטישטוך. ער שטעלט דערנאָך אַוועק אויפן טיש צוויי מעשע־נע לייכטער מיט ליכט. אויבן אָן לייגט ער אַנידער צוויי גרויסע חלות און לעבן זיי צען קליינע און דעקט זיי אַלע איבער מיט אַ ווייס טישטעכל, און גלייכט אויס די צוויי לאַנגע בענק, בייביידע זייטן פון טיש.)

הירש טאָמאַשאָווער: (קומט אַריין) דו ווייסט, בערל, עס איז שוין געקומען אַן עולם פון טויזנטער מענטשן. ווי נאָר מען האָט זיך דערוואוסט, אַז דער רבי וועט היינט, פרייטיק צונאַכט פירן טיש, האָבן זיך געלאָזט אַהער מענטשן פון אַלע שטעט און שטעטלעך אין פוילן.

בערל חסיד: שוין נעכטן אין אָוונט זיינען אַלע אכסניות געווען געפּאַקט און עס זיינען אַלץ געקומען נאָך. אַ חוץ דעם גייען נאָך פיל פון די אמתע חסידים קיין קאָצק צופוס, און וועלן ערשט אָנקומען היינט פאַרנאַכט.

הירש טאָמאַשאָווער: (באַזאָרגט) דו ווייסט, בערל, אַז איך בין אַ ביסל אומרואיק וועגן היינטיקן פרייטיק צו־נאַכט.

בערל חסיד: דו אויך?

הירש טאָמאַשאָווער: יאָ! זייט דער רבי האָט מיר געגעבן אָנצוהערן אַז ער וויל היינט ביינאַכט ענדערן די וועלט.

בערל חסיד: (איבערראַשט) אַזוי האָט ער געזאָגט?

הירש טאָמאַשאָווער: דאָס זיינען געווען זיינע ווערטער ממש! אַ פּחד איז אויף מיר אָנגעפאַלן ווען איך האָב זיי פון אים געהערט.

בערל חסיד: ער האָט געוויס געמיינט וועגן ברענגען די גאולה. דאָק־טאָר קאָך האָט מיר איבערגעגעבן אַז דער רבי האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט זיך היינט ביינאַכט איינשפּאַרן ביים רבונו של עולם, אַז ס׳זאָל קומען די גאולה.

הירש טאָמאַשאָווער: וואָס, דערציילסט מיר וועגן דאָקטאָר קאָך? ער האָט עס דאָך מיר אַליין געזאָגט.

בערל חסיד: וואָס? הייסט עס, דער רבי וויל ברענגען משיחן?

הירש טאָמאַשאָווער: כ'מיין ס'איז נאָך מער ווי דאָס!

בערל חסיד: דהיינו?

הירש טאָמאַשאָווער: אין יעדן דור איז דאָ משיח, און דער צדיק הדור איז דער משיח פון דור.

בערל חסיד: (דערשראָקן) הירש, מיינסטו מיר דערמיט צו זאָגן, אַז דער רבי איז משיח?

הירש טאָמאַשאָווער: (רואיק) ווער ווייסט?

בערל חסיד: און דער רבי וועט אויסלייזן די יידן פון גלות?

הירש טאָמאַשאָווער: (רואיק) מעגלעך!

בערל חסיד: אויב אַזוי, וואָס ביסטו ווידער אַזוי פאַרזאָרגט?

הירש טאָמאַשאָווער: עס שטייט געשריבן, אַז מען טאָר נישט זיין קיין דוחק את הקץ.

בערל חסיד: ווייסט דען דער רבי דאָס נישט?

הירש טאָמאַשאָווער: די צרה איז וואָס דאָקטאָר קאָך רעדט אים צו צו דעם אַלעם. ער האָט אויף אים אַ שטאַרקע השפעה.

בערל חסיד: אַ השפעה אויפן רבין? איך פאַרשטיי דאָס נישט!

הירש טאָמאַשאָווער: איך פאַרשטיי עס אויך נישט, אָבער דאָך...

בערל חסיד: עס קאָן דאָך אָבער טאַקע קומען די גאולה.

הירש טאָמאַשאָווער: און טאָמער נישט?

בערל חסיד: און טאָמער נישט?

הירש טאָמאַשאָווער: קאָן חלילה חרוב ווערן די וועלט.

בערל חסיד: שומו שמים!

הירש טאָמאַשאָווער: אָבער בערל, קיין וואָרט דערפון נישט צו קיי־נעם! מען מוז האָבן צוטרויען צום רבין!

בערל חסיד: אוודאי! אוודאי! (ביידע אָפּ)

(יסכה און דאָקטאָר קאָך קומען אָן געאַרעמט.)

יסכה: כ'רייד צו דיר, יוסף, און דו הערסט מיך נישט, ווי כ'וואָלט גע־רעדט צו דער וואַנט.

דאָקטאָר קאָך: (כאַפּט זיך) וואָס זאָגסטו, יסכה...

יסכה: (נערוועז) כ'האָב דיר שוין עטלעכע מאָל דערקלערט, אַז איך בין מיד פון דעם לעבן. ווידער אַמאָל בית המדרש און אָבער אַ מאָל בית־המדרש! אַ גאַנצן לעבן נאָר בית המדרש! איך האָב אויסגעקוקט דערויף אַז מיר זאָלן אַוועק פון דאַנען, און ווען דו ביסט געקומען האָב איך געמיינט

אַז דו וועסט מיך פון דאַנען אַרויסנעמען און אַוועקפירן ערגעץ אַנדערש־וואו. (וויינט)

דאָקטאָר קאָך: דו וויינסט, יסכה?

יסכה: פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען, אַז כ׳האָב קיינעם נישט. אפילו דיך אויך נישט. איך האָב געוואָלט אַוועקגיין ערגעץ־וואו, וואו עס זיינען דאָ פעלדער, וועלדער, טייכן, לאַנקעס, וואו מען זינגט און מען לאַכט. אָבער עס ציט דיך נאָר אַהער. (ווישט זיך די אויגן.)

דאָקטאָר קאָך: עס וועט שוין לאַנג נישט געדויערן, יסכה.

יסכה: דו האָלסט מיר אין איין צוזאָגן און איך בין נאָך אַלץ דאָ! איך וויל אַוועק פון דאַנען! איך בין שוין מיד פון דער לופט וואָס איז אָנגעפילט מיט נשמה־ליכט, שטויב פון ספרים און בטלנישע רייד.

דאָקטאָר קאָך: האָב געדולד נאָך אַ טאָג, יסכה.

יסכה: יאָ, נאָך אַ טאָג! דו ווילסט מיך באַרואיקן. אָבער איך גלויב שוין מער נישט. ווען מיר האָבן חתונה געהאַט קעגן ווילן פון מיין טאַטן, האָסטו צו מיר גערעדט גאָר אַנדערע רייד. דו האָסט מיר געמאָלן אַזעלכע שיינע בילדער, אַז כ׳בין אַזש פאַרציטערט געוואָרן. אָבער וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון אַלעם? — גאָרנישט. אַ שטיקל צייט ווען מיר האָבן געוואוינט אין ביאַלע און דו ביסט געווען דאָרטן צוריק דאָקטאָר, האָב זיך געפילט גוט. עס איז געווען עפּעס אַנדערש. אָבער דיך האָט געצויגן צוריק אַהער, און מיר זיינען צוריקגעקומען קיין קאָצק. אָבער אַפילו שוין דאָ, ווען כ׳האָב געוואָלט נעמען אַ וואוינונג אויף דער אַנדערער זייט פון שטעטל, נעבן וואַלד, האָסטו מיך נישט געלאָזט. עס האָט דיך געצויגן צו זיין לעבן רבין, לעבן בית המדרש און לעבן די אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך מיר שוין דערעסן.

דאָקטאָר קאָך: יסכהלע מיין קינד, נאָך היינטיקער נאַכט וועט אַלץ זיין גוט.

יסכה: (וויינענדיק) דו קלערסט נאָר פון זיין נאָענט צום רבין, אָבער וועגן זיין נאָענט צו מיר, דערפון קלערסטו גאָרנישט!

דאָקטאָר קאָך: עס קומט שוין דער טאָג, דער גרויסער טאָג. היינט ביינאַכט וועט די זון אויפשיינען, אַ גרויסע זון! — — —

יסכה: (דערשראָקן) וואָס רעדסטו יוסף? ביינאַכט וועט אַ זון אויפשיינען?

דאָקטאָר קאָך: היינט ביינאַכט וועט עס געשען! דער רבי וועט אויספועלן די גאולה! און אָנגעזאָגט וועט ווערן צו אַלע פעלקער, אַז דאָס יידישע פאָלק ווערט אויסגעלייזט...

יסכה: וואָס רעדסטו, יוסף? כ׳שרעק זיך פאַר דיינע ווערטער!...

דאָקטאָר קאָך: (קוקט נישט אויף איר) עס וועט היינט ביינאַכט אויפשיינען די זון און זי וועט לייכטן. ווי ווען עס וואָלטן אויפגעגאַנגען זיבן זונען,

און עס וועלן אַרויסקומען די לבנה און די שטערן און זיי וועלן זיך בוקן צו איר...

יסכה: (שרעקעוודיק) יוסף, וואָס רעדסטו? ביסט אפשר קראַנק? האָסט היץ? יוסף!

דאָקטאָר קאָך: (ווי אין אַ טראַנס) און עס וועלן איינזען די פעלקער, אַז די שעה פון דער גאולה איז געקומען און זיי וועלן זיך בוקן צום פאָלק ישראל.

יסכה: (טאַפּט אים ביים שטערן) דו ביסט קראַנק, יוסף! דו רעדסט פון היץ! קום שוין אַהיים! כ'וועל רופן אַ דאָקטאָר.

דאָקטאָר קאָך: (אַלץ ווי אין אַ טראַנס) און עס וועלן זיין אַזעלכע וואָס וועלן ווידערשפּעניקן און אַרויסגיין אין אַ קריג קעגן דעם יידישן פאָלק און קומען וועט דעמאָלט אַ צייכן פון הימל און איך וועל אַרויסציען מיין שווערד פון איר שייד און קעמפן וועל איך קעגן זיי און זיי פאַרניכטן.

יסכה: (רייסט אים ביי די פּאָלעס) יוסף, דו ביסט קראַנק! קום שוין אַהיים! דו האָסט היץ! אוי, ווי מיר! (טאַפּט אים ביים שטערן.)

דאָקטאָר קאָך: (אין אַ טראַנס) און אין דעם קאַמף וועל איך אויך פאַלן, ווייל אַזוי איז אָנגעצייכנט געוואָרן פון לאַנג שוין, און דערנאָך וועט קומען משיח בן דוד און אויסלייזן די יידן און זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל.

יסכה: ווי איז מיר! אַ דאָקטאָר! רופט אַ דאָקטאָר! כ'וועל אַליין לויפן! אוי, ווי איז מיר! (אָפּ)

מרדכי־יוסף: (קומט אַריין אין באַגלייטונג פון פיר יונגע חסידים. דער־זעט דאָקטאָר קאָך:) דאָקטאָר קאָך, דו קאָכסט זיך לעצטנס זייער פיל! דו ביסט געוואָרן אַן אמתער קאָך־לעפל! דו האָסט שוין ווידער פאַרקאָכט אַ קאַשע!

דאָקטאָר קאָך: וואָס פאַר אַ קאַשע?

מרדכי־יוסף: מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו ווילסט דווקא ברענגען משיחן.

דאָקטאָר קאָך: אויב עס וועט זיין אַן עת רצון.

מרדכי־יוסף: אויב עס וועט זיין אַן עת רצון וועט משיח אַליין קומען. אָבער דו ביסט אַ דוחק את הקץ! דו גייסט ברענגען אַ גרויס אומגליק אויף יידן!

דאָקטאָר קאָך: איך גיי ברענגען אַן אומגליק אויף יידן? — נישט אמת! איך האָב צופיל ליב יידן.

מרדכי־יוסף: טאָ פאַרוואָס רעדסטו צו דעם רבין אַז ער זאָל מפציר זיין ביים רבונו של עולם?

דאָקטאָר קאָך: איך רייד אים צו גאָרנישט צו! ער האָט מיך בלויז גע־פרעגט אַן עצה.

מרדכי־יוסף: און דו האָסט דערבײַ משליט געווען דײַן שוואַרצע השפּעה אויף אים.

דאָקטאָר קאַך: שוואַרצע השפּעה?

מרדכי יוסף: באַהאַלט זיך נישט מער פון מיר. איך ווייס ווער דו ביסט. דו ביזט פון דער „כת", פון דער סטרא אחרא, פון דער טומאה און איך וועל אַרויסטרעטן קעגן דיר און מיטן כוח פון דער קדושה דיך באַהערשן.

דאָקטאָר קאַך: דער רבי זאָגט נישט אַזוי!

מרדכי־יוסף: דער רבי זאָגט נישט אַזוי, אָבער ער ווייס מער נאָך ווער דו ביזט! כ'מיין דיך מיט אַלע דײַנע מחנות! דער רבי וויל אַזוי שטאַרק ברענגען די גאולה, אַז ער וויל אײַנשפּאַנען דערצו אַפילו דעם כוח פון דער טומאה. אַלץ איז בײַ אים רעכט אויף אויסצולייזן די יידן! דערצו איז דער רבי אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין דער קדושה, אַז ער האָט פאַר דײַן שליטה קיין מורא נישט! איך בין אָבער דערצו נישט מסכים! איך זאָג אַז מען טאָר מיט דער טומאה גאָרנישט האָבן צו טאָן, אַפילו פאַר אַזאַ זאַך ווי אויסצולייזן די יידן! איך זאָג, אַז די גאולה מוז זיך אָנהויבן מיט קדושה און זיך ענדיקן מיט קדושה! מען טאָר פון דער טומאה נישט נעמען כי הוא זה, אַפילו נישט אַ שמעק טאַבאַק!

דאָקטאָר קאַך: עס איז נישטאָ קיין קדושה אָן טומאה, און עס איז נישטאָ קיין טומאה אָן קדושה!

מרדכי־יוסף: דער אָנהויב, דער יסוד מוז זײַן קדושה. הויבט מען אָן מיט דער טומאה איז אַלץ פאַרפאַלן:

דאָקטאָר קאַך: די קדושה קאָן דאָך שפּעטער גובר זײַן די טומאה.

מרדכי־יוסף: עס איז אַלעמאָל תתאה גבר! דאָס אונטערשטע איז שטאַרקער! דער יסוד איז דער עיקר! לאָזט מען צו צום ערשטן די טומאה, פאַרשפּרייט זי זיך, און לאָזט מער נישט איבער קיין פּלאַץ פאַר דער קדושה. מען מוז אַלעמאָל האַלטן די טומאה אין צוים. נישט בחינם בעטן מיר אין אונדזערע תפילות אין די ימים נוראים, „ותגער בשטן", און דו זאָלסט אָנשרייען אויפן שטן...

דאָקטאָר קאַך: עס שטייט דאָך אָבער געשריבן אין די הייליקע ספרים...

מרדכי־יוסף: ברענג נישט קיין הייליקע ספרים איבער דײַנע ליפּן.

(לויפט אַרויף און אַראָפּ איבערן בית־המדרש.)

1טער יונגער חסיד: (צו דאָקטאָר קאַך) שטן!

2טער יונגער חסיד: קליפּה! (שטעלט אים אַרויס אַ צונג)

3טער יונגער חסיד: סטרא אחרא! (ווײַזט אים אַ פײַג)

4טער יונגער חסיד: אשמדאי! (בײַלט אַ פויסט קעגן אים)

דאָקטאָר קאַך: זאָל אָפּדאַרן די הענט בײַ דעם וואָס וועט וואַגן זי אויפצוהויבן קעגן מיר!

מרדכי־יוסף: דאָס וועסטו טאָן מיטן כוח פון כישוף.

דאָקטאָר קאָך: (שטרענג) מרדכי־יוסף, שטיי מיר נישט אין וועג! איך וואָרן דיך!

מרדכי־יוסף: איך האָב פאַר דיר קיין מורא נישט!... איך זאָג כסדר „ה׳ הוא האלקים״!

דאָקטאָר קאָך: (גיט זיך אַ טרייסל) מיר וועלן זען!

דער רבי: (קומט אַרויס אַ פריילעכער, אַ לוסטיקער, שרייט) יוסף!

דאָקטאָר קאָך: איך בין דאָ, רבי! (גייט דעם רבין אַנטקעגן)

דער רבי: (נעמט יוספן אונטערן אָרעם און שפּאַצירט מיט אים אַרויף און אַראָפּ. רעדט הויך) יוסף, ס׳איז נישטאָ נאָך אַזאַ גלייכע זאַך ווי אַ קרו־מער לייטער; ס׳איז נישטאָ נאָך אַזאַ קרומע זאַך ווי אַ גלייכווערטל, און עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ גאַנצע זאַך ווי אַ צעבראָכן האַרץ...

דאָקטאָר קאָך: רבי!...

דער רבי: יוסף, דו זעסט אַט דאָ (ווייזט אויפן האַרץ) ס׳טוט וויי! עס איז נישט קיין ווייטיק צו וועלכן מען דאַרף אַ פלאַסטער. עס איז די נשמה וואָס ליידט...

דאָקטאָר קאָך: אָבער די גאולה איז דאָך אַזוי נאָענט.

דער רבי: און אַזוי ווייט!... יוסף, מען זאָגט אויף מיר, אַז איך וויל נישט העלפן יידן, אַז איך האָב נישט קיין רחמנות אויף אידן, אָבער מיין נשמה גייט דאָך ממש אויס אויף צו העלפן יידן. איך בין דאָך גרייט יעדע מי־נוט זיך מקריב צו זיין פאַר יידן. נו, אוודאי נישט דורך ראַטעווען עמעצנס אַ בהמה אָדער אַריינצולייגן עמעצן געלט אין קעשענע אַריין, כדי ער זאָל קע־נען צאָלן דעם פּריץ... מען דאַרף ראַטעווען דעם כלל ישראל. מען דאַרף אויסלייזן די יידן פון גלות!...

(דער רבי און דאָקטאָר קאָך גייען אַוועק אָן אַ זייט, וואו זיי שמועסן צווישן זיך.)

1טער יונגער חסיד: (צו מרדכי־יוספן) איר זעט ווי דאָס דייטשל שטייט דאָרטן און רעדט אַריין אין רבין?

2טער יונגער חסיד: (צו מרדכי־יוספן) פאַרוואָס גייט איר נישט צו און דעקט אַלץ אויף?

3טער יונגער חסיד: (צו מרדכי־יוספן) איר דאַרפט עס טאָן! איר זייט אונדזער רבי! דער איזשביצער רבי!

4טער יונגער חסיד: ווען עס איז אַ געפאַר פאַרן כלל ישראל, טאָר מען נישט שווייגן!

1טער יונגער חסיד: איך וועל צוגיין צו זיי און אים דאָס זאָגן.

2טער יונגער חסיד: דער איזשביצער וועט צוגיין און מיר אַלע נאָך אים!

3טער יונגער חסיד: לאָמיר אַלע צוגיין שוין, צוזאַמען.

4טער יונגער חסיד: איך בין גרייט צו פירן אַ מלחמה מיט אים אויף טויט און לעבן!

מרדכי־יוסף: גוט, איך גיי צו. קומט אַלע מיט מיר; (גייט צו מיט זיי צום רבין)

דער רבי: מרדכי־יוסף, וואָס איז געשען?

מרדכי־יוסף: איך זע אַ גרויס אומגליק קומט אויף יידן.

דער רבי: אַ גרויס אומגליק? פאַרוואָס?

מרדכי־יוסף: מען טאָר נישט זיין אַ דוחק את הקץ.

דער רבי: אונדזערע אָבות האָבן אַלעמאָל מפציר געווען ביים רבונו של עולם. אברהם אָבינו — וועגן סדום. משה רבינו וועגן חטא פון עגל, אפילו חנה האָט מפציר געווען. ביים רבונו של עולם מעג מען זיך איינשפאַרן — און עס העלפט אויך!

מרדכי־יוסף: דער דור איז נישט ראוי!...

דער רבי: דער דור... דער דור... קיין דור איז נאָך נישט געווען ראוי, און קיין דור וועט נישט זיין ראוי... ביי גאולת מצרים שטייט „והוצאתי אתכם מסבלות מצרים". פאַרוואָס שטייט עפּעס „מסבלות", פאַרוואָס נישט „מעול מצרים" אָדער „מעבודה קשה אשר במצרים". ווייל עס איז געווען נאָך אַן ערגערע זאַך — „סבלות", דאָס מיינט דולדן, סובל זיין. דאָס אומגליק איז געווען וואָס די יידן האָבן שוין געדולדט דעם עול פון מצרים. שוין סובל געווען און נישט געוואָלט די גאולה... זיי האָבן געהאַט פרנסה און זיינען געווען צופרידן. ווער האָט געוואָלט די גאולה? נאָר יחידי סגולה, געקליבענע יונגעלייט, אויף וועלכע משה האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן...

מרדכי־יוסף: אָבער וואו נעמט מען היינט אַ משה?

דער רבי: משה איז משיח. אין יעדן דור איז דאָ משה, ווייל אין יעדן דור איז דאָ משיח...

דאָקטאָר קאַך: און אין אונדזער דור, איז...

דער רבי: (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, אַז ער זאָל שווייגן) מרדכי־יוסף, לאָמיר דיר דאָס דערציילן בדרך משל. אַמאָל איז געווען אַ בן מלך, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט ביי זיין פאָטער. האָט אים דער מלך פאַרטריבן פון זיין הויף. האָט דער זון געוואַנדערט איבערן לאַנד, און ווען ער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין געלט, איז ער אַריינגעפאַלן צווישן אַ מחנה בעטלער און געלעבט צווישן זיי. איז ער אַרומגעגאַנגען קרוע ובלוע, אַן מאַנטל און אין צוריסענע שיך און שטענדיק געווען הונגעריק. ויהי היום, איז געפאָרן איין מאָל אַ מיניסטער פון מלך איבער דער מדינה און איז געקומען אין אַ שטאָט, וואו ער האָט געזען זיצן אַ מחנה פון בעטלער און צווישן זיי דעם בן מלך. האָט ער אים גלייך דערקענט, און געזאָגט צו אים: „איך ווייס ווער דו ביסט. דו

ביסט דער בן מלך, וואָס דיין פאָטער, דער מלך האָט דיך פאַרטריבן פון הויף. זאָג מיר וואָס דו ווילסט, וועל איך דיר געבן!״ האָט דער בעטלערישער פרינץ אָנגעקוקט דעם מיניסטער און געזאָגט: „אַלץ וואָס איך וויל איז אַ גאַנצע פּאָר שיך און צוויי לאָבל ברויט!!״ דער נמשל איז, דער כביכול פרעגט ביי די יידן וואָס זיי ווילן, ווייל ער וויל זיי צוריקברענגען צו זייער גדולה. ער וויל זיי אויסלייזן פון גלות. אָבער זיי ווילן נאָר פּרנסה, אַ פּאָר גאַנצע שיך און צוויי לאָבל ברויט!...

מרדכי־יוסף: דאָס טענה איך דאָך, אַז דער דור איז נישט ראוי...

דער רבי: איך האָב אָבער מיר צוגעגרייט צוויי מנינים יחידי סגולה! אויב צען צדיקים האָבן געקענט ראַטעווען סדום, קענען צוואַנציק צדיקים נישט ברענגען די גאולה?... עס איז אַלעמאָל געווען די יחידי סגולה, וואָס פירן די וועלט! — נישט דער ערב־רב. ווי זאָגט די גמרא: שקול משה כנגד ששים רבוא... איין משה איז מער ווערט ווי זעכציק טויזנט. איך וועל מפציר זיין ביים רבונו של עולם, און די גאולה מוז קומען!

מרדכי־יוסף: און טאָמער נישט?

דער רבי: (מילדער) מרדכי־יוסף, לייג מיר נישט קיין שטיינער אויפן האַרצן! ווייסטו, מרדכי־יוסף, אַז יעדע נאַכט וועקט מיך אַ קול וואָס רופט: „מענדל, וואָס שווייגסטו? יידישע צרות זיינען אַזוי גרויס! עס איז באָו מים עד נפש! פאַרוואָס שווייגסטו, מענדל! לייג אַוועק דאָס לערנען און טו עפּעס פאַר די יידן... עת לעשות לה׳ הפרו תורתך!... (פאַרטראַכט) דו ווייסט, מרדכי־יוסף, וואָס נאָך דאָס קול זאָגט צו מיר: „מענדל, דיין נאָמען איז מנחם, דאָס איז דער נאָמען פון משיח. מנחם שמו. זיין נאָמען איז מנחם. אין יעדן דור איז דאָ משיח און ער זיצט און וואַרט, אַז די יידן זאָלן אים רופן. גייט אַוועק אַ דור און די יידן רופן אים נישט — גייט דער משיח אויך אַוועק, און עס קומט אַ נייער דור מיט אַ נייעם משיח!... אָבער עס ווענדט זיך אויך אָן משיחן... ער דאַרף נישט וואַרטן ביז אַלע יידן וועלן אים רופן... עס איז גענוג אפילו צוויי מנינים יידן! (שטורמיש) מרדכי־יוסף, האָב איך צוויי מנינים יידן?

דאָקטאָר קאָך: יאָ, רבי!

מרדכי־יוסף: אויב מען זאָל גיין מיטן כוח פון דער קדושה, — זאָל דער רבי נישט הערן וואָס ער זאָגט! ער איז פון כוח הטומאה!

דער רבי: אויך דעם כוח הטומאה מוז מען איינשפּאַנען פאַר דער גאולה.

מרדכי־יוסף: די קדושה מוז אָבער פריער באַהערשן די וועלט.

דער רבי: ביי יציאת מצרים האָבן די יידן געשטעקט אין מ״ט שערי טומאה.

מרדכי־יוסף: דערפאַר זיינען זיי נישט געקומען קיין ארץ ישראל, נאָר

אויסגעשטאָרבן אין דער מדבר, און אַפילו משה האָט אין לאַנד פון די אָבות נישט געקענט אַריינקומען.

דער רבי: עס שטייט אין די הייליקע ספרים, אַז ווען עס וועט קומען די צייט פון דער גאולה, וועלן קומען צו די יידן צוויי משיחים. פריער וועט קומען משיח בן יוסף און דערנאָך משיח בן דוד. איז דאָך אַ קשיא, צי וואָס דאַרף מען האָבן צוויי? איז איינער נישט גענוג? איז די זאַך אָבער אַזוי: ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער באַשאַפן אויך דעם שטן. איז איין מאָל געקומען דער שטן צו גאָט און האָט זיך געקלאָגט אויף זיין מערכה: רבונו של עולם, האָט ער געזאָגט, אַלץ וואָס דו האָסט באַשאַפן אין דער וועלט האָט צוויי כוחות. איין כוח אויף צו בויען, צו שאַפן זאַכן, און אַ צווייטער כוח אויף צו צושמעטערן, צו פאַרניכטן. אָבער מיך האָסטו געשאַפן נאָר בלויז אויף צו פאַרניכטן זאַכן. פאַרוואָס האָסטו מיך געמינערט פון אַלץ, וואָס דו האָסט געשאַפן? האָט גאָט ברוך הוא געזאָגט צום שטן: גוט. איך וועל דאָס משלים זיין, ווען עס וועט קומען די גאולה, וועסטו מיר צוהעלפן אויף דיין אופן. עס וועט דאַרפן אויך זיין פאַרניכטונג, אָבער עס וועט זיין פאַר־ניכטונג, כדי צו בויען. עס וועט זיין אַ סתירה על מנת לבנות... (פאַרטראַכט זיך) ...ווען עס וועט קומען די צייט פון דער גאולה, וועט די וועלט זיין פול מיט טומאה. עס וועט זיין „ותמלא הארץ חמס”, די וועלט וועט ווערן פול מיט רויב. עס וועט זיין כסדר גנבה, גזילה און רציחה... נישט נאָר פון יחידים, נאָר פון רבים, אַפילו פון מלכות. דאָס מלכות וועט באַשטיין פון פּראָסטע רויבער און באַנדיטן. עס וועט הערשן אַזאַ טומאה, אַז עס וועט נישט זיין מער אויסצוהאַלטן. ווער וועט אָבער קענען מלחמה האַלטן מיט אָט דער טומאה? — די קדושה? — ניין, אוממעגלעך. די קדושה קאָן נישט קריכן אין שמוץ. די קדושה קאָן די טומאה נישט אויסרייניקן... דערפאַר וועט דעמאָלט מוזן קו־מען משיח בן יוסף, וועלכער וועט אַרויסקומען פון דער טומאה, פון מקור פון אַלע זינד, פון דעם חטא פון אָדם און חוה, פון דער זינד פון יהודה און תמר און פון אַלע אַנדערע זינד, און ער וועט מלחמה האַלטן מיט דער טומאה און זי פאַרניכטן פון דער וועלט. (פאַרטראַכט זיך) ...און איז דען נישט איצט אַזאַ צייט? איז דען איצט די טומאה נישט אַזוי גרויס, אַז עס איז שוין נישט מער אויסצוהאַלטן! עס הערשט איצט כסדר רויב, גנבה, גזילה און רציחה אומעטום, אַפילו ביי מלכות. ווער שטייט איצט אָן דער שפיץ פון מלכות? פּראָסטע יונגען, רויבער און פאַרפירער. טאָ ווער זאָל מלחמה האַלטן מיט דער טומאה? — נאָר דער וואָס קומט פון דער טומאה אַליין. דערנאָך ערשט וועט קומען משיח בן דוד, וואָס שטאַמט פון מקור פון דער קדושה, און וועט אויסלייזן די יידן און זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל. (לויפט איבערן בית־המדרש פאַרטראַכט, און גייט דערנאָך אַריין אין זיין צימער.)

מרדכי־יוסף: (פאַרצווייפלט צו דאָקטאָר קאָך) דו האָסט אים געפאַנגען! דו האָסט אים אין דיין נעץ! געדענק אָבער, נעם דיר בלויז זיין גוף, אָבער היט זיין נשמה!... (צו די יונגעלייט) די קליפּה האָט גובר געווען! זייט פאַר־זיכטיק! האַלט זיך היינט ביינאַכט נאָענט צו מיר! וואָס איך וועל אייך זאָגן, דאָס זאָלט איר טאָן! (אָפּ, צוזאַמען מיט די יונגעלייט)

אליעזר פּולטיסקער: (קומט אַריין, דערזעט מרדכי־יוספן) שלום עליכם, מרדכי־יוסף.

מרדכי־יוסף: שלום עליכם, אליעזר. אַ וואָזשנעם איידעם האָסטו זיך איינגעהאַנדלט!

אליעזר פּולטיסקער: דו מיינסט דאָס דייטשל?

מרדכי־יוסף: דאָס דייטשל!... זאָג דעם סטרא־אחראניק!

אליעזר פּולטיסקער: סטרא־אחראניק?

מרדכי־יוסף: אַלע ווייסן עס! ער איז פון דער „כת". ער האָלט דיין טאָכטער געפאַנגען.

אליעזר פּולטיסקער: מיין יסכהן?

מרדכי־יוסף: פאַרוואָס נישט, אַז ער קען האַלטן דעם רבין געפאַנגען?

אליעזר פּולטיסקער: טאָ גיב מיר אַן עצה ווי אַזוי זי אָפּצורייסן פון אים.

מרדכי־יוסף: עס ציט זי צו אים ווי מיט כישוף...

אליעזר פּולטיסקער: טאָ וואָס טוט מען? גיב מיר אַן עצה?

מרדכי־יוסף: היינט — גאָרנישט. אפשר מאָרגן! (טאָן ענדערונג) מען האָט געדאַרפט עפּעס טאָן וועגן רבין.

אליעזר פּולטיסקער: וואָס קען מען טאָן?

מרדכי־יוסף: מען מוז פאַרטרייבן דאָס דייטשל פון רבין.

אליעזר פּולטיסקער: וואָס קען איך טאָן? איך בין דאָך נאָר אַ ייד אַ סוחר. פאַרוואָס האָסטו געשוויגן?

מרדכי־יוסף: כ'האָב שוין גאָרנישט געשוויגן! אָבער דער שטן האָט טויזנט אויגן... איבערהויפּט פאַרלייגט ער זיך אויף גרויסע צדיקים!... וואָס גרעסער דער צדיק, אַלץ גרעסער דער גערעאַנגל.

אליעזר פּולטיסקער: מען דאַרף רופן הירשן, אפשר האָט ער עפּעס אַן עצה! (רופט) הירש! הירש!

הירש טאָמאַשאָווער: (קומט אַריין, דערזעט אליעזרן) שלום עליכם אליעזר. ווען ביסטו געקומען?

אליעזר פּולטיסקער: נאַרוואָס. האָסט געהערט וואָס מרדכי־יוסף זאָגט?

הירש טאָמאַשאָווער: וואָס!

מרדכי־יוסף: דאָס דייטשל וועט אומברענגען קאָצק!

הירש טאַמאַשאָווער: דו רעדסט נאַרישקייטן, מרדכי־יוסף. קיינער וועט נישט אומברענגען קאַצק!

מרדכי־יוסף: דער רבי הערט זיך צופיל צו צו אים.

הירש טאַמאַשאָווער: מן הסתם ווייס ער וואָס ער טוט! איך האָב צו־טרוי צום רבין!

אליעזר פּולטיסקער: וואו איז איטשע־מאיר? וואו איז העניך?

מרדכי־יוסף: דאָס איז דאָך די צרה, וואָס קיינער פון זיי איז נישטאָ. ווען עמעצער פון זיי וואָלט דאָ געווען, וואָלט מען אפשר געקענט אים אָפּ־האַלטן.

אליעזר פּולטיסקער: אפשר האָט עס דער שטן אַזוי בכיוון אויסגע־פּלאַנט?

הירש טאַמאַשאָווער: דו רעדסט שוין אויך אַזוי, אליעזר? איר אַלע האָט פאַרלאָרן אייער אמונה אין קאַצק. (אָפּ)

יסכה: (דערזעט איר פאָטער, קומט צו) דער טאַטע איז בייז אויף מיר?

אליעזר פּולטיסקער: איך בין נישט בייז, נאָר עס איז מיר אַ רחמנות אויף דיר!

יסכה: אַ רחמנות? פאַרוואָס?

אליעזר פּולטיסקער: ווייל דו ביסט אַ געפאַנגענע פון דייטשל.

יסכה: איך וויל זיין געפאַנגענע. איך וויל עס זיין וואָס אַ מאָל אַלץ מער. זאָל ער זיך נאָר מער אינטערעסירן מיט מיר! איך האָב זיך אַפילו היינט מיט אים וועגן דעם געקריגט.

אליעזר פּולטיסקער: געקריגט?

יסכה: כ׳בין שוין מיד פון בית־המדרש, פון די נשמה־ליכט — און פון אַלעם וואָס עס איז דאָ פאַראַן און כ׳האָב אים געזאָגט, אַז כ׳וויל אַז ער זאָל מיך אַוועקנעמען פון דאַנען.

מרדכי־יוסף: דו זעסט, אליעזר, עס קען נישט מער די טומאה, מיט וועלכע ער האָט זי אַנגעשטעקט, פאַרטראָגן די קדושה.

אליעזר פּולטיסקער: פאַרוואָס האָסטו, יסכה, פריער אַזוי נישט גע־רעדט? פאַרוואָס פלעגסטו מיך בעטן, אַז כ׳זאָל דיך מיטנעמען אַהער!

יסכה: כ׳ווייס נישט!

אליעזר פּולטיסקער: און וואוהין ווילסטו דאָס גיין?

יסכה: צו פעלדער, וועלדער, צו פּויערים, צום פּראָסטן פאָלק.

מרדכי־יוסף: דאָס רעדט די סטרא אחרא פון איר אַרויס.

יסכה: (בייז) עס רעדט נישט אַרויס פון מיר קיינער! — איך רעד עס אַרויס פון מיר. איך האָב דערוואַכט!

אליעזר פּולטיסקער: אפשר ווילסטו פאָרן, נאָך שבת, מיט מיר אַהיים?

יסכה: כ׳וואָלט געוואָלט, אָבער נישט אַן יוספן.

אליעזר פּולטיסקער: קום מיט מיר אויף מיין אכסניה. כ'וויל מיט דיר דאַרטן ריידן! (ביידע אָפּ)

דער גריצער רב: (קומט אַריין) שלום עליכם, מרדכי־יוסף.

מרדכי־יוסף: שלום עליכם, גריצער רב. זייער גוט וואָס דו ביזט געקומען.

גריצער רב: וואָס הייסט? עס' איז דאָך דער ערשטער פרייטיק צו־נאַכט וואָס דער רבי וועט פירן טיש, נאָך אַזאַ לאַנגע צייט.

מרדכי־יוסף: און נישט עפּעס גלאַט אַ פרייטיק צו־נאַכט.

גריצער רב: וואָס מיינסטו דערמיט, מרדכי־יוסף?

מרדכי־יוסף: האָסט גאָרנישט געהערט?

גריצער רב: דו מיינסט אפשר דאָס וואָס דער רבי וויל אָנהויבן אַ גאולה התעוררות.

מרדכי־יוסף: אַ גאולה התעוררות רופסטו עס אָן? ער וויל אָנהויבן אַ מלחמה מיטן כביכול? ער וויל זיך איינשפּאַרן אַז עס מוז זיין די גאולה!

גריצער רב: מן הסתם ווייס ער דאָך וואָס ער טוט! נישט יעדער איינער קען זיך איינשפּאַרן ביים רבונו של עולם! צו קענען דאָס טאָן, מוז מען זיין אַ קאָצקער רבי!

מרדכי־יוסף: און ווי איז, אַז דער גאַנצער געדאַנק קומט גאָר פון דער „כת", רחמנא ליצלן?

גריצער רב: פון דער „כת"?

מרדכי־יוסף: נו. דו ווייסט עס נישט? — פון דייטשל, פון דער סטרא אחרא!

גריצער רב: מרדכי־יוסף, רעד נישט אַזוי! מאַך נישט קיין בלבולים אויף יידן!

מרדכי־יוסף: אַלע ווייסן עס!

גריצער רב: קיינער ווייס עס נישט! קיינער זאָגט עס נישט, אַ חוץ דו!

מרדכי־יוסף: ער רעדט זיך דאָך איין, אַז ער איז משיח בן יוסף!

גריצער רב: ס'איז נישט אמת! ער האָט עס קיינעם נישט געזאָגט. עס איז בלויז דיין איינפאַל, דיין כוח הדמיון.

מרדכי־יוסף: פּיוול, דו ווייסט נישט וואָס דאָ קומט פאָר? דאָס דייטשל שטאַמט פון מקור הטומאה. ער איז געקומען אַהער כדי צו פאַרפירן דעם רבין!

גריצער רב: שעם זיך בעסער, מרדכי־יוסף, אַזוי צו רעדן! דאָס דייטשל וועט פאַרפירן דעם רבין! אַ מענטש רעדט! וואָס פאַלט דיר גאָר איין?! און אַפילו ער זאָל זיין דער שטן אַליין און מיט טויזנט אויגן! —

וואָלט דער רבי נישט באַלד געוואוסט ווער ער איז און וואָס ער וויל? — ווייסטו ווער עס איז דער קאַצקער, !

מרדכי־יוסף: הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן. היינט ביינאַכט וועט קומען אַ גרויס אומגליק אויף יידן!

גריצער רב: בייס דיר בעסער אָפּ די צונג! דו ביסט אַ מורד!

מרדכי־יוסף: ווייל איך וויל פאַרהיטן פון אַן אומגליק?

גריצער רב: קיינער בעט דיך נישט דאָס צו טאָן!

מרדכי־יוסף: און ווען איך זע אַז דאָס דייטשל האָט אַ שלעכטע השפּעה אויפן רבין?

גריצער רב: ווער ביזטו דאָס, צו וויסן, צי ס'דייטשל האָט אַ שלעכטע השפּעה אויפן רבין צי נישט? ווייסטו דאָס אפשר בעסער ווי דער רבי אַליין? ביזטו אפשר העכער פון רבין?

מרדכי־יוסף: (שטרענג) גריצער רב, איך מיש זיך נישט מער! נאָר טאָמער, די שעה זאָל נישט זיין, וועט קומען צו אַן אומגליק, וועל איך האַנדלען ווי איך פאַרשטיי! (אָפּ)

דער רבי: (קומט אַריין מיט דאָקטאָר קאָך פון זייטיקן אַריינגאַנג. זיי גייען צוזאַמען אַרויף און אַראָפּ איבערן בית המדרש, דער גאַנצער עולם צר־טיילט זיך אין צווי לאַגערן, כדי צו מאַכן פלאַץ פאַרן רבין און דאָקטאָר קאָך. דער רבי רעדט עפּעס צו דאָקטאָר קאָך און דאָקטאָר קאָך ענטפערט אים, נאָר מען קען נישט הערן וואָס זיי רעדן. פּלוצלונג שטעלט זיך דער רבי אָפּ און קוקט אויפן עולם און שרייט אויס) זיינען אַלע דאָ, מיט מיר?

(שטיל. קיינער ענטפערט נישט)

דער רבי: (שטורמיש) פאַרוואָס שוויגט איר? רעדט!

גריצער רב: אַלע זיינען מיט אייך, רבי!

דער רבי: (אַלץ שטורמיש) טאָ פאַרוואָס שוויגן זיי?

גריצער רב: פאַר מורא.

דער רבי: (שטורמיש) פאַר מורא? וואָס בין איך, אַ ווילדע חיה?!

גריצער רב: ס'איז יראת הכבוד!

דער רבי: (אַלץ שטורמיש) זאָלן זיי זאָגן יאָ, צי ניין!

שטימען: יאָ, רבי! מיר זיינען מיט אייך, רבי!

דאָקטאָר קאָך: (מיט אַ נצחון טאָן) וואָס האָב איך געזאָגט!

(דער רבי און דאָקטאָר קאָך גייען צום זייטיקן איינגאַנג. פאַרן אַרויסגיין רופט דער רבי): בערל!

בערל חסיד: וואָס, רבי?

דער רבי: (זאָגט אים עפּעס אין דער שטיל. אָפּ מיט דאָקטאָר קאָך.)

בערל חסיד: (גיט אַ קלאַפּ אין באַלעמער) זאָל זיין שטיל! דער רבי וועט היינט מקבל שבת זיין ביי זיך אין הויז. ער האָט מיר געהייסן אייך

זאָגן, אַז מען זאָל דאָ היינט נישט דאַווענען בציבור, נאָר יעדער איינער זאָל מקבל שבת זיין פאַר זיך.

שטימען: פאַרוואָס?

בערל חסיד: דער רבי האָט אַזוי געהייסן!

(אין בית המדרש פאַרמירן זיך איצט קופּקעלעך פון חסידים..)

ערשטע קופּקעלע (אַרום דעם גריצער רב.)

1טער חסיד: ס׳וועט היינט ביינאַכט עפּעס געשען!

2טער חסיד: מיין האַרץ שרעקט זיך!

3טער חסיד: עס באַפאַלט מיך אַזאַ מורא!

גריצער רב: קאָצקער חסידים האָבן נישט קיין מורא!

צווייטע קופּקעלע (אַרום הירש טאָמאַשאָווער)

4טער חסיד: וואָס איז דער זין פון נישט דאַווענען היינט בציבור?

1טער חסיד: (אַריבערגעקומען פון ערשטער קופּקעלע) דער רבי איז איצט אין די הויכע הימלען.

2טער חסיד: (אויך אַריבערגעקומען פון ערשטן קופּקעלע) הירש טאָמאַשאָווער מוז וויסן וועגן היינטיקן אָונט. נאָר ער שוויגט.

4טער חסיד: נו, טאַקע, הירש טאָמאַשאָווער, פאַרוואָס שוויגסטו?

הירש טאָמאַשאָווער: קאָצקער חסידים דאַרפן האָבן צוטרויען צום רבין!

דריטע קופּקעלע (אַרום מרדכי־יוסף)

1טער יונגער חסיד: די קליפּה האָט גובר געווען.

2טער יונגער חסיד: אפילו אַזאַ קלוגער קאָפּ ווי דער גריצער רב איז אויך געוואָרן פאַרבלענדט.

3טער יונגער חסיד: ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אומגליק עס וועט קומען אויף דער וועלט?

מרדכי־יוסף: גיט אַכטונג! די סטרא אחרא וועט ברענגען אַהער שפּעטער איר גאַנץ חייל! טאָמער געשעט עפּעס, זאָלט איר זיין אַרום מיר און טאָן אַלץ וואָס איך וועל אייך זאָגן.

(די קופּקעלעך צוגייען זיך. אַ טייל דאַווענען ביחידות מעריב. שפּעטער הערט מען שטימען „גוט שבת״! „גוט שבת״!

חסידים זעצן זיך אַוועק ביי די טישן לערנען גמרא. אַנדערע שמועסן צווישן זיך. אַלע וואַרטן אַז דער רבי זאָל אַרויסקומען און מאַכן קידוש, נאָר דער רבי קומט נישט. עס דויערט לאַנג.)

הירש טאָמאַשאָווער: (גייט אַריין צום רבין. קומט אַרויס און רופט) מאַכט אַ וואַרע! דער רבי גייט!

(אַלע חסידים צוטיילן זיך ווידער ווי פריער אין צוויי לאַגערן צו מאַכן פלאַץ פאַרן רבין.)

דער רבי: (קומט אַריין מיט גיכע טריט, שאַרנדיק זיך) **גוט שבת! גוט שבת!** (פאַרנעמט זיין פלאַץ אין מיטן פון אַ באַנק ביים געגרייטן טיש.)

שטימען: גוט שבת, גוט שבת!

דער רבי: הירש, גיס אָן דעם כוס!

הירש טאָמאַשאָווער: (גיסט אָן דעם כוס מיט ווין.)

דער רבי: מאַכט קידוש. ציט אויס יעדעס וואָרט מיט באַזונדערע כוונות. ווען ער ענדיקט, זאָגן אַלע נאָך „אמן".)

(דער רבי טרינקט און מקורבים טרינקען אויך. בעל חסיד ברענגט אַ שעפ מיט צוויי אויערן מיט וואַסער, אַ שיסל און אַ האַנטוך. דער רבי וואַשט זיך, זאָגט „שאו ידיכם" און מאַכט המוציא, און שניידט איבער אַ חלה, שניידט אָפּ אַ „מוציא", טינקט אין זאַלץ און עסט. אַלע חסידים וואַשן זיך ביים כיור אין דרויסן און קומען צוריק. הירש טאָמאַשאָווער שניידט „מוציאס" פאַר די טיש זיצערס. בעל חסיד ברענגט אַריין אויף אַ טעלער געפילטע פיש פאַרן רבין. דערנאָך ברענגט ער טעלערלעך מיט געפילטע פיש פאַר די מקורבים. דער רבי עסט אַ שטיקל פיש און שטעלט עס אַוועק, די חסידים כאַפּן שיריים.

הירש טאָמאַשאָווער גיסט אָן גלעזלעך מיט בראָנפן פאַר דעם רבין און די חסידים. אַלע טרינקען און ווינטשן „לחיים" דעם רבין און אַלע מקורבים...

אַ טייל חסידים הויבן אָן צו זינגען זמירות, אַנדערע העלפן אונטער.)

דער רבי: (זיצט פאַרטראַכט און פאַרבאַהאַלט זיך דאָס פנים מיט ביידע הענט. עס דויערט אַ ווײַלע. באַלד נעמט ער אַוועק די הענט און הויבט אָן צו זאָגן תורה) **אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואָך, פרשת תולדות, שטייט געשריבן ביי דער מעשה פון דער בכורה, וואָס יעקב האָט אויסגענאַרט פון עשיו'ן פאַר אַ „נזיד עדשים", אַז „ויבז עשיו", עשיו האָט געוויינט. זאָגט רש"י, אַז עשיו האָט פאַרגאָסן צוויי טרערן!...** (מיט אַ העכערן טאָן) **עשיו האָט פאַרגאָסן צוויי טרערן! אַ שרעקלעכע זאַך! אַזש גאַנצע צוויי טרערן! — און פאַר די צוויי טרערן וואָס עשיו האָט פאַרגאָסן האָט איִם דער־פאַר דער רבונו של עולם געגעבן די גאַנצע וועלט! אַזוי פיל אומות! אַזוי פיל רייכטום און אַזוי פיל כבוד!** (מיט נאָך אַ העכערן טאָן) **און מיר, מיר, די קינדער פון יעקבן, וואָס מיר האָבן שוין פאַרגאָסן טויזנטער טרערן! מיליאָ־נען טרערן! מילי־מילאָנען טרערן! גאַנצע טייכן פון טרערן! ימים פון טרערן! וואָס האָבן מיר געקראָגן דערפאַר? — גלות! קנעכטשאַפט און חורבן!** (העכער) **נו, פרעג איך ביי דיר, רבונו של עולם, האַר פון אַלע וועלטן, איז**

דאָס גערעכטיקייט? איז דאָס משפט? פאַרוואָס איז קיינער פון עשיוס קינ־דער, וואָס האָבן נישט געוואָלט נעמען דיין תורה, נישט אין גלות, און אַלע קינדער פון יעקב, וועלכע האָבן געזאָגט נעשה פאַר נשמע — זיינען יאָ אין גלות? איז דאָס גערעכטיקייט? איז דאָס משפט? — פאַרוואָס האָבן אַלע קינ־דער פון עשיו מדינות און לענדער און עסן ביי אייגענע טישן, און בלויז מיר, דיינע קינדער, די אויסדערוויילטע, מוזן עסן ביי פרעמדע טישן? איז דאָס גערעכטיקייט? איז דאָס משפט? (גיט אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אין טיש, שרייט ווילד) „השופט כל הארץ לא יעשה משפט"?!!! איך פרעג דיך, רבונו של עולם! ענטפער מיר!... (פאַרטראַכט זיך) ...רבונו של עולם, איך, מנחם מענדל פון קאָצק וויל משפט!... נישט קיין רחמים, נאָר דין!... לויטן דין אויב פאַר צוויי טרערן קומט אַזוי פיל גוטס, קענסטו דיך פאַר אונדזערע ימים פון טרערן גאָרנישט אויסקויפן!... אָבער איך וויל זיך מיט דיר פאַרגלייכן, רבונו של עולם! מאַך אַ סוף צום גלות, אָט שוין די מינוט! און מיר וועלן דיר אַלדאָס איבעריקע מוחל זיין, כי אתה אלוקינו. דו ביסט דאָך אונדזער גאָט! כי אתה אָבינו, דו ביסט דאָך אונדזער פאָטער, און ווי קענען מיר זיך קריגן מיט אונדזער גאָט און אונדזער פאָטער?... (פאַרטראַכט) ...אָבער די גאולה מוז שוין קומען! יידן קענען מער נישט ליידן! עס איז באו מים עד נפש!... אין יעדן דור איז דאָ משיח, און ער איז בבחינת משה, אונדזער ערשטער גואל, וואָס אויף אים איז געזאָגט געוואָרן, אַז ער זאָל אין לאַנד פון די אָבות נישט אַריינקומען... רבונו של עולם, אויב דו האָסט מיך אויסגע־ווילט צו זיין דער משיח פון היינטיקן דור, בין איך גרייט פאַר אַלעם, אַבי לייז אויס די יידן! (שטורמיש) אויב איך האָב זיך פאַרזינדיקט מיט מיינע רייד קעגן דיר, דערמיט וואָס איך בין מפציר ביי דיר; אויב עס קומט מיר אַ שטראָף, טו מיט מיר, רבונו של עולם, וואָס דו ווילסט! וואַרף מיך אין גיהנום, אין כף הקלע, אין שאול תחתיה, אין תהום! וואַרף מיך אין וואַסער, וואַרף מיך אין פייער! אָבער איך וועל פון דעם אָרט נישט אָפּטרעטן, איך וועל נישט אַוועקגיין און נישט אויפהערן צו מאָנען ביי דיר: לייז אויס די יידן! (פאַרטראַכט) ...רבונו של עולם, צען צדיקים האָבן געקאָנט אָפּראַטע־ווען סדום. זע, עס זיינען דאָ פאַראַן מער ווי צען צדיקים. זיינען מיר יידן ערגער ווי די מענטשן פון סדום ועמורה? איך וויל, גאָט, אַז דו זאָלסט מיר געבן אַ צייכן, אַז די גאולה איז נאָענט! (שרייט הויך) איך וואַרט, גאָט, פאַר דיין צייכן!!. איך וואַרט!!!...

(אַן אימה באַפאַלט דעם עולם. פילע ציטערן. ביי אַנדערע טרייסלען הענט און פיס.)

(שטורמיש) רבונו של עולם, דו ווילסט מיר קיין צייכן נישט געבן! דו ווילסט נישט אויסטיילן גערעכטיקייט צו דיינע קינדער! דו ווילסט אונדז ווייטער האַלטן אין גלות! אויב אַזוי... אויב אַזוי... אויב אַזוי... בין איך

מורד אין דיר! אויב אַזוי וועל איך פאַרוואַרפן דיין תורה!... וועל איך נישט מער אָפּהיטן דיינע געזעצן!... וועל איך דיך מער נישט ליבן און זאָגן תפילות צו דיר! איך וועל אויסלעשן די ליכט!... אויס שבת! זאָל זיין פינצ־טערניש איבער דער וועלט!... (שטרעקט אויס די האַנט אין דער ריכטונג פון די לייכטער פון טיש.)

(אַ פחד באַפאַלט דעם עולם. עס ווערט אַ געשריי און אַ לויפעניש צו דער טיר. אַנדערע שפּרינגען דורכן פענצטער מיט ווילדע קולות.)

מרדכי־יוסף: (כאַפּט אָן דעם רבין ביי דער אויסגעשטרעקטער האַנט, שרייט אויס) אַ גרויס אומגליק איז געשען! ער וויל חרוב מאַכן די וועלט! במקום שיש חילול השם, אין חולקין כבוד לרב! בינדט׳ס אים!

1טער יונגער חסיד: (אַרום איזשביצער, כאַפּט אַראָפּ דעם גאַרטל פון זיך און לאָזט זיך צום רבין. אַנדערע טוען איך נאָך.)

דער רבי: (פאַכעט צו זיי מיט דער האַנט און ווייזט זיי, אַז זיי זאָלן צו־ריקגיין) בהמות! איר דאַרפט מיך נישט בינדן! זעט איר דען נישט אַז איך בין געבונדן אָן שטריק? איך האָב געבויט אויף אייך, אָבער איר האָט מיך פאַרלאָזן! אַוועק פון מיר, אַלע! אַלע! איך וויל אייך מער נישט זען! איר זיינט נישט ראוי לגאולה! בהמות! (אָפּ גיך אין זיין צימער.)

(פיל חסידים וויינען. אַנדערע ברעכן זיך די הענט.)

דאָקטאָר קאָך־ (אָפּ גיך.)

מרדכי־יוסף: (הויך) זאָל זיין שטיל! חסידים זייט שטאַרק! עס איז שבת! לאָמיר זינגען זמירות. (הויבט אָן זינגען „מנוחה ושמחה״, אָבער קיינער זינגט נישט מיט) חסידים, איך האָב געגוג געוואַרנט! עס איז געווען די אָר־בעט פון דער קליפּה! די כוח הטומאה האָט גובר געווען!... אָט, זע איך נישט מער דאָ דעם פינצטערן כוח!... די סטרא אחרא האָט אָפּגעטאָן איר שוואַרצע שטיקל אַרבעט און איז אַוועק!... מאָרגן בייטאָג אם ירצה השם וועל איך פירן טיש אויף מיין אכסניה און אַזוי אויך צו שלוש סעודות. באַלד נאָך הבדלה פאָר איך קיין איזשביצע, וואו מ׳וועט פראַוועון מלווה מלכה. ווער עס וויל — קאָן מיטפאָרן. מיר וועלן אָנהויבן דאָרטן מיט השם יתברך׳ס הילף אַ נייעם דרך, דער דרך פון איזשביצע.

1טער יונגער חסיד: (שרייט) מיר פאָרן אַלע קיין איזשביצע! דער איזשביצער איז אונדזער רבי!

2טער יונגער חסיד: אַ נייע זון וועט אויפשיינען אין איזשביצע!

3טער יונגער חסיד: אין איזשביצע וועט איצט רוען די שכינה!

4טער יונגער חסיד: קאָצק גייט אונטער!

(אַנדערע חסידים וויינען.)

מרדכי־יוסף: (אַרויסגייענדיק) קומט מיט מיר, ווער עס וויל זיך ראַטע־וועןֹ פון דער קליפּה! (אָפּ, מיט אַ גרופּע חסידים.)

הירש טאָמאַשאָווער: (גיט אַ קלאַפּ אין באַלעמער) **קאָצק גייט נאָך נישט אונטער! קאָצק וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין! קאָצק וועט אייביק בלייבן! דאָס ליכט פון קאָצק וועט שיינען פאַר דורי דורות! לאָמיר זינגען זמירות!** (פּרובירט זינגען, אייניקע זינגען מיט, אָבער אַנדערע וויינען נאָך שטאַרקער, און נאָך אַנדערע זיפצן: „אוי מה היה לנו!“ אַ גרויס אומגליק איז געשען!)

גריצער רב: די קליפּה האָט גובר געווען! (ברעכט זיך די הענט און וויינט).

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

צווישן שפּיל

(פֿאַרן פֿאָרהאַנג)

שמואל־משה: (דערזעט פֿון ווייטן חזקיהן, גייט אים אַנטקעגן) שלום עליכם, חזקיה. וואָס מאַכסטו?

חזקיה: שלום עליכם, שמואל־משה. ווען ביזטו געקומען?

שמואל־משה: נעכטן אין אָוונט. ווי נאָר כ׳האָב געהערט, אַז דער רבי איז זייער קראַנק, בין איך גלייך אַוועק אַהער.

חזקיה: ביזט שוין זייער לאַנג דאָ נישט געווען.

שמואל־משה: זינט יענעם פּרייטיק צו־נאַכט.

חזקיה: שוין באַלד צוואַנציק יאָר.

שמואל־משה: יאָ. עס איז דעמאָלט געווען פּרשת תולדות תקצ״ט.

חזקיה: און איצט איז דאָך שוין באַלד ענדע פֿון שבט תרי״ט.

שמואל־משה: דו ווייסט, חזקיה, אַז איך בין קראַנק פֿון דעמאָלט אָן.

חזקיה: אַ וואונדער! דו ביזט דען דער איינציקער?

שמואל־משה: צו אַלע צרות האָב איך נאָך דעמאָלט געדאַרפֿט שפּרינגען דורכן פֿענצטער.

חזקיה: דו ביזט אויך געווען פֿון די שפּרינגערס?

שמואל־משה: וואָס מיינסטו עפּעס? כ׳האָב געמיינט אַז דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ אויף דר׳ערד.

חזקיה: איך בין גראָד געבליבן, אָבער יעדעס מאָל ווען איך טראַכט פֿון יענעם פֿרייטיק צו־נאַכט, ציטערט אויף מיר די הויט...

שמואל־משה: דער אומגליק איז געווען, וואָס דער עולם איז נישט געווען צוגעגרייט צו דעם אַלעם.

חזקיה: מען האָט אפֿשר געדאַרפֿט פֿאַרבעטן יידן ווי אויף אַ חתונה? דער אומגליק איז געווען, וואָס עס האָט געפֿעלט אמונה אין רבין!

שמואל־משה: וואָס רעדסטו? עס איז דאָך געקומען אַזאַ עולם!

חזקיה: עס איז געקומען אַן עולם, אָבער עס האָט געפֿעלט האַרץ! עס איז געווען אַ גרויסע שעה, אָבער קיין מענטשן זיינען נישט געווען!

שמואל־משה: נישט יעדער איינער איז גרייט יעדע מינוט צו אַ גרויסע שעה.

חזקיה: צו אַ גרויסער שעה דאַרף מען אויסוואַקסן!

שמואל־משה: מי לנו גדול ממשה. פונדעסטוועגן האָט ער די יידן צו־געגרייט צו קבלת התורה.

חזקיה: דער רבי האָט זיך צופיל פאַרלאָזט אויף זיינע יונגעלייט.

שמואל־משה: כ'האָב געהערט אַז הירש טאָמאַשאָווער האָט באַלד דער־נאָך אויסגערופן אַן איסור צו רעדן וועגן דעם, וואָס עס איז געשען.

חזקיה: עס איז נישט געווען הירש טאָמאַשאָווער, גיכער דער גריי־צער רב.

שמואל־משה: און דער איזשביצער האָט טאַקע געפירט טיש באַזונדער אויף זיין אכסניה.

חזקיה: אויך מיר געפירט טיש!

שמואל־משה: כ'האָב געהערט אַז ער האָט איצט אַ גרויסן עולם!

חזקיה: קאָצק האָט זיך קיינמאָל נישט געיאָגט נאָך אַן עולם. דו ווייסט עס גאַנץ גוט!

שמואל־משה: און וואָס איז פאַרגעקומען מיט דער רביצין יענעם פריי־טיק צו־נאַכט?

חזקיה: דו מיינסט, וואָס די רביצין האָט דעמאָלט געזאָגט? נו, מילא, אַ יידענע.

שמואל־משה: כ'האָב עפּעס געהערט. וואָס איז געשען?

חזקיה: גאָרנישט. אַזוי ווי מען זיצט אַזוי באַזאָרגט, באַלד נאָך דער געשעעניש, און אייניקע ווייגען, קומט אַריין די רביצין און פרעגט אונדז: „כ'האָב געהערט אַז דער איזשביצער רייסט זיך אָפּ פון אונדז און גייט אַוועק־נעמען אַ סך חסידים. ווער דאָס שאַטן צו דער פּרנסה?"

שמואל־משה: וואָס האָט מען איר געענטפערט?

חזקיה: וואָס האָט מען איר געקענט ענטפערן? עס האָט זיך געגלוסט צו לאַכן, עס איז דאָך אָבער די קאָצקער רביצין, האָט מען געשוויגן.

שמואל־משה: און זייט דעמאָלט האָט זיך דער רבי פאַרשלאָסן אין זיין צימער און איז נישט מער אַרויסגעקומען?

חזקיה: די שונאים האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען האָט אים דאָרטן פאַרשפּאַרט, אָבער דאָס איז נישט אמת. ער האָט זיך אַליין פאַרשפּאַרט.

שמואל־משה: און זייט דעמאָלט נישט געפירט קיין טיש?

חזקיה: זייער זעלטן.

שמואל־משה: כ'האָב געהערט, אַז פון צייט צו צייט פלעגט ער עפענען די טיר און שרייען: „פערד! בהמות! וואָס טוט איר דאָ?"

חזקיה: ער טרייבט איצט אַלע פון זיך, אַפילו אייגענע.

שמואל־משה: פאַרוואָס?

חזקיה: ער האָלט נישט מער פון דער וועלט.

שמואל־משה: כ׳פאַרשטיי נישט.

חזקיה: ער האָט איינמאָל געזאָגט, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. ער האָט געמיינט אַז מען קען גלייך אויפציען אַ דור פון גרויסע יידן, דאָס איז געווען פאַלש. פריער מוזן זיין גרויסע מענטשן, און ערשט דערנאָך — גרויסע יידן!

שמואל־משה: האָט דער רבי שוין אין גאַנצן זיך אָפּגעזאָגט פון דער גאולה?

חזקיה: ער האָט איצט אַ נייע שיטה.

שמואל־משה: דהיינו?

חזקיה: ער זאָגט, אַז עס מוז קומען פריער די גאולה פון דער גאַנצער וועלט, די גאולה פון מענטש.

שמואל־משה: דאָס הייסט דאָך, דאָס וואָס מיר בעטן אין די תפילות פון די ימים נוראים.

חזקיה: יאָ! עס מוז קומען אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דער וועלט. דער מענטש מוז שטייגן. עס מוז זיין ווי מען זאָגט אין די ראש־השנהדיקע תפילות „וייראוך כל המעשים". די גאַנצע וועלט מוז דערקענען די געטלעכ־קייט. דער איצטיקער דור איז נאָך נישט ראוי פאַר אַזאַ זאַך! ער איז נאָך נישט ראוי צו דער גאולה!

שמואל־משה: און ווען וועט קומען דער נייער דור, דער דור פון גאולה?

חזקיה: ווער ווייס? דערווייל נישט. דער רבי שרייט איצט כסדר: „דער מענטש שטינקט, די גאַנצע וועלט שטינקט, און איך ווער דערשטיקט".

שמואל־משה: און וואָס איז געוואָרן מיטן דייטשל?

חזקיה: ער איז נעלם געוואָרן יענע נאַכט און מער נישטאָ.

שמואל־משה: און זיין ווייב יסכה?

חזקיה: זי דרייט זיך אַרום אַן עגונה.

שמואל־משה: און וויינט?

חזקיה: ניין! זי איז נישט מתרעם. פאַרקערט נאָך. זי זאָגט, אַז ער וועט קומען צוריק צו איר!

שמואל־משה: ווי לאַנג איז שוין ווי דער רבי איז קראַנק?

חזקיה: שוין צוויי וואָכן. אָבער היינט איז אים געוואָרן פיל ערגער. ס׳האָלט שלעכט.

שמואל־משה: השם ירחם!

(מען הערט זינגען „אַמאָל האָט געדוט די שכינה אין קאָצק".)

חזקיה: דו הערסט? דאָס איז דער איזשביצער ניגון. זיי האָבן אַ טבע, די איזשביצער, צו רייצן זיך מיט אונדז, און ווען זיי פאָרן קיין איזשביצע, גייען זיי פאַרביי דעם קאָצקער הויף און זינגען דעם ניגון.

שמואל־משה: להכעיסניקעס!

חזקיה: קום אָן אַ זייט. כ'וויל נישט, אַז זיי זאָלן מיך זען.

(ביידע אָפּ.)

דריטער אַקט

צווייטע סצענע

(אַ דאָנערשטיק אין דער פרי, אין הויף פון קאָצקער רבי. די סצענע איז די זעל־בע ווי די צווייטע סצענעס פון צווייטן אַקט.
ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זעט מען פאַרבייגיין איזשביצער חסידים, וועלכע זינגען דעם „איזשביצער ניגון".)

הירש טאָמאַשאָווער: (מיט כעס) וואָס טוט איר דאָ, איזשביצער חזירים! אַרויס פון דאַנען! מאַרש! געגאַנגען! גיכער!

(איזשביצער חסידים אָפּ, זינגענדיק דעם „איזשביצער ניגון".)

(יסכה און די רביצין קומען אַן צוזאַמען אין הויף פאַרטיפט אין אַ שמועס.)

רביצין: ... טאָ וואָס זאָל איך טאָן? אַז אַפילו איצט, ווען ער איז אַזוי קראַנק, קען מען זיין צימער נישט אויפרוימען! ער לאָזט נישט! דאָס צימער איז פול מיט שפּינוועבס, אָבער ער לאָזט עס נישט אַראָפּנעמען. עס לויפן אַפילו אַרום מייז אויך. דער דאָקטאָר האָט געהייסן, אַז איך זאָל אַ ביסל אויס־לופטערן זיין צימער — לאָזט ער נישט! האָב איך געוואָלט אַוועקשטעלן אַ „פּילאָווקע" צו כאַפּן די מייז — לאָזט ער מיך דאָס אויך נישט!

יסכה: אפשר זיינען דאָס נשמות, וואָס קומען צו אים נאָך אַ תיקון?

רביצין: טאָ וואָס איז מיין הויז, אַ בית־עולם פאַר נשמות?

יסכה: ווי אַזוי פילט דער רבי היינט?

רביצין: ער איז זייער שוואַך. עס קומען צו אים יעדן טאָג צוויי דאָק־טוירים, דער יידישער דאָקטאָר און דער קריסטלעכער, אָבער וואָס איז די פּעולה? אַז ער פאָלגט זיי נישט. ווי נאָר זיי פאַרשרייבן אים עפּעס, הייסט ער מיך דערלאַנגען אים די רעצעפּט און ער צורייסט עס.

יסכה: און שלאָפן, שלאָפט ער?

רביצין: נישט גוט! ביז מיט צוויי וואָכן צוריק פלעגט ער זיצן און שרייבן גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט. אָבער וואָס קומט אַרויס פון זיין שרייבן, אַז ער פאַרברענט עס דאָך! עס פלעגט זיך אָנזאַמלען יעדעס יאָר גאַנצע פּעק. איז געקומען ערב פּסח, האָט ער פאַרברענט אַלצדינג. די לעצטע צוויי וואָכן

שרייבט ער נישט מער. אָבער עס ליגט דאָרטן אַ גאַנצער פּאַק. און מן הסתם וועט ער עס ערב פּסח ווידער פאַרברענען. און וואָס מאַכסטו, יסכה? שאַ, דו האָסט דיך עפּעס אויסגעפּוצט היינט!

יסכה: (מיט באַהאַלטענעם פרייד) מיין יוסף קומט היינט!

רביצין: (איבערראַשט) דאָקטאָר קאַך?

יסכה: יאָ.

רביצין: ער האָט דיר געשריבן אַז ער קומט?

יסכה: ניין. נאָר כ'האָב געזען אַ חלום. עס איז אַ מאָדנער חלום געווען. מיר האָט זיך געחלומט אַז איך ליג אויפן פעלד. עס איז אין מיטן טאָג. די זון שיינט. פּלוצלונג קומט אָן אַ כמאַרע און עס ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ טונקעלער, ביז עס איז גאָר פינצטער. איך דערשרעק זיך, און וויל לויפן אַהיים. מיט אַ מאָל דערזע איך פון טונקעלן וואָלקן אַרויס — יוספס פּנים, און איך הער ווי ער זאָגט צו מיר: יסכה, האָב נישט קיין מורא! איך קום היינט צו דיר!

רביצין: אַ מאָדנער חלום! ווי לאַנג האָסטו אים שוין נישט געזען?

יסכה: שוין צוואַנציק יאָר. זייט יענעם פרייטיק צו־נאַכט.

רביצין: און דו האָסט אַלץ געוואַרט אויף אים?

יסכה: יאָ. איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט קומען צוריק צו מיר! מיין טאַטע האָט שוין געוואָלט טאָן פאַרשידענע זאַכן, אַז איך זאָל נישט זיין קיין עגונה, אָבער איך האָב אים נישט געלאָזט!

הירש טאָמאַשאָווער: (קומט צולויפן פון רבינס הויז. רופט) **רביצין! רביצין!**

רביצין: (דערשראָקן) וואָס איז געשען?

הירש טאָמאַשאָווער: דער רבי רופט אייך!

רביצין: (גייט אָפּ.)

יסכה: (גייט אַוועק צום טויער, שטייט און קוקט אויף די ווייטע פעלדער.)

דער רבי: (עפנט דאָס פענצטער און שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענצטער, אַנגעטאָן אין אַ גרויסע יאַרמולקע און אין אַ גרויסן טלית קטן. רופט:) **בהמות! פערד! וואָס טוט איר דאָ? ווער דאַרף אייך דאָ?** (פאַרמאַכט דאָס פענצטער.)

(עס קומען אָן העניך און דער גריצער רב. הירש טאָמאַשאָווער גיט זיי שלום עליכם. זיי זאָגן אים עפּעס אין דער שטיל.)

הירש טאָמאַשאָווער: (פאַרן רבינס פאַרמאַכטן פענצטער) **רבי, עס זיינען געקומען מקורבים, וואָס ווילן זען דעם רבין!**

דער רבי: (עפנט אויף דאָס פענצטער, מיט כעס) **מקורבים!... מקורבים!... וואַזשנע מקורבים!... נאָך וואָס קומען זיי צו מיר?... זיי האָבן דאָך**

מיך פּאַרלאָזט!... זאָלן זיי גיין געזונטערהייט!... אַהאַ, זיי דאַרפן מן הסתם, עפּעס אויסבעטן ביי גאָט, און ווילן אַז איך זאָל עס טאָן פאַר זיי! האַ? אָבער וואָס מיינען זיי, אַז איך בין מיט גאָט פּאַני־בראַט?!... זאָלן זיי אַליין בעטן צו אים און גאָט האָט אַלץ, „לי הכסף ולי הזהב" זאָגט דער רבונו של עולם און נאָך מער: ער האָט אַ סך געדולד צו אַלע מענטשלעכע נאַרישקייטן... איך האָב עס נישט! נאָך וואָס קומען זיי צו מיר? (פאַרמאַכט צוריק דאָס פענצטער.)

(העניך און דער גריצער רב זאָגן עפּעס ווידער הירש טאַמאַשאָווער אין דער שטיל.)

הירש טאָמאַשאָווער: רבי, העניך איז דאָ און דער גריצער רב איז דאָ און זיי ווילן נעמען שלום.

דער רבי: (עפנט צוריק דאָס פענצטער) אַ, העניך און דער גריצער רב, זאָלן זיי אַריינקומען.

(העניך און דער גריצער רב אָפּ אין רבינס וואוינונג.)

דער רבי: ווייסטו הירש, פאַרוואָס חסידים טרינקען בראָנפן?

הירש טאָמאַשאָווער: (שוייגט.)

דער רבי: בהמה, וואָס שווייגסטו?

הירש טאָמאַשאָווער: כדי צו מאַכן אַ „שהכל".

דער רבי: פערד וואָס דו ביזט. אַ „שהכל" קאָן מען דאָך מאַכן אויף וואַסער אויך.

הירש טאָמאַשאָווער: (ציט מיט די אַקסלען, אַז ער ווייסט נישט.)

דער רבי: איך וועל דיר זאָגן, אַ „שהכל" קאָן מען מאַכן אויף וואַסער אויך, אָבער ווער עס געדענקט כסדר אַז — „שהכל נהיה בדברו", אַז אַלץ איז געשאַפן געוואָרן פון זיין ווילן, דער איז ווערט אַ טרינק בראָנפן... (פאַר־טראַכט) ...הירש, איך טראַכט איצט אַז עס איז דעם רבונו של עולמס ווילן, אַז ווי לאַנג דער מענטש איז יונג, זאָל ער מאַכן טעותן, און ווען ער ווערט עלטער, זאָל ער איינזען די טעותן, וואָס ער האָט געמאַכט, אָבער ער האָט שוין נישט מער דעם כוח פון אַ מאָל. אויך איך האָב געמאַכט אַ טעות, אַ גרויסן טעות! אַמאָל האָב איך געמיינט אַז עס איז געגוג, אַז אַ ייד זיצט און לערנט, איז מקיים אַלע מצוות און זאָגט זיך דערצו נאָך אָפּ פון הבלי עולם הזה, אַז ער זאָל ווערן אַ גרויסער ייד. הויבט עס זיך נישט אָן. אַ גרויסער ייד הייסט זיין אַ גרויסער מענטש! אַ קליין מענטשעלע קאָן קיין גרויסער ייד נישט זיין!... קיינמאָל נישט!... (פאַרמאַכט דאָס פענצטער.)

יכבה: (דערזעט פון וויטן דאָקטאָר קאָך. לויפט אים אַנטקעגן מיט אויסגעשפרייטע אָרעמס) יוסף! יוסף! איך האָב געוואוסט אַז דו וועסט היינט קומען! איך האָב אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך דיר.

דאָקטאָר קאָך: און איך האָב שוין אויסגעקוקט אויף דער מינוט צו קענען קומען צו דיר! (כאַפּט זי אַרום און קושט זי. זי קושט אים אויך.)

יסכה: פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען פריער?

דאָקטאָר קאָך: נישט געקענט.

יסכה: כ׳האָב אויסגעווייקט די קישנס פון בענקשאַפט נאָך דיר!

דאָקטאָר קאָך: איך נאָך דיר נאָך מער!

יסכה: און נישט געקענט קומען?

דאָקטאָר קאָך: ניין!

יסכה: וואו ביזטו דען געווען?

דאָקטאָר קאָך: אין אַ שליחות.

יסכה: וואָס פאַר אַ שליחות?

דאָקטאָר קאָך: ווייס דען דער זעלנער וואָס דער גענעראַל וויל? מען הייסט אים גיין — גייט ער. ער מוז פאָלגן!

יסכה: און דו גייסט באַלד ווידער אַוועק פון מיר?

דאָקטאָר קאָך: ניין!

יסכה: וועסט שוין בלייבן מיט מיר?

דאָקטאָר קאָך: יאָ.

יסכה: דאָ אין קאָצק?

דאָקטאָר קאָך: היינט איז דער לעצטער טאָג פון קאָצק.

יסכה: (דערשראָקן) יוסף, רעד נישט אַזוי!

דאָקטאָר קאָך: ווען די זון זעצט זיך, בין איך פריי. איך וועל מיט דיר גיין ווי נאָר דו ווילסט.

יסכה: לאָמיר אַ ביסל שפּאַצירן אויף די פעלדער.

דאָקטאָר קאָך: כ׳וויל פריער זען דעם רבין.

יסכה: נאָר דעם רבין אַליין?

דאָקטאָר קאָך: נאָר!

יסכה: טאָ גיי אַריין צום רבין און זע אים, און איך וועל דערווייל שפּאַצירן אַליין אויף די פעלדער. (אָפּ)

דאָקטאָר קאָך: (קומט אַריין אין הויף. חסידים גיבן אים נישט קיין שלום עליכם, בלויז הירש טאָמאַשאָווער גייט צו צו אים.)

הירש טאָמאַשאָווער: אַ גאַסט! שלום עליכם, דאָקטאָר!

דאָקטאָר קאָך: שלום עליכם, הירש!

הירש טאָמאַשאָווער: פון וואַנען קומסטו?

דאָקטאָר קאָך: פון דער וועלט!

הירש טאָמאַשאָווער: און וואָס הערט זיך אויף דער וועלט?

דאָקטאָר קאָך: זי ווערט כסדר געפירט פון ערב־רב.

הירש טאָמאַשאָווער: און וואָס איז די עצה דערצו? דו דאַרפסט דאָך עפּעס וויסן?

דאָקטאָר קאָך: עס זיינען דאָ צוויי וועגן: אָדער הערשן איבער זיי, אָדער ווערן באַהערשט פון זיי.

הירש טאָמאַשאָווער: אונדזער רבי איז אַנטלאָפן פון זיי. מיינסטו אפשר, אַז ווען ער וואָלט געהערשט איבער זיי, וואָלט בעסער געווען?

דאָקטאָר קאָך: דאָס דאַרף מען קענען!

הירש טאָמאַשאָווער: וואָס איז דאָ פאַראַן צו קענען?

דאָקטאָר קאָך: צו באַהערשן זיי, מוז מען זיין איינער פון זיי, און — דער ערגסטער פון זיי!

דער רבי: (עפנט דאָס פענצטער) יוסף! יוסף!

דאָקטאָר קאָך: (גייט צו) רבי!

דער רבי: שלום עליכם, יוסף. כ'האָב געהערט דיין קול. קום צו נע־ענטער צום פענצטער! כ'האָב געוואוּסט אַז דו וועסט היינט קומען.

דאָקטאָר קאָך: און איך האָב זיך אויך געאיילט אַהער! עס איז גע־ווען קפיצת־הדרך.

דער רבי: פע, יוסף! מען רימט זיך נישט אויס מיט אַזעלכע זאַכן! (טאָן ענדערונג) און וואָס האָסטו געלערנט אין דער וועלט?

דאָקטאָר קאָך: איך האָב געוואָלט אויסגעפינען וויפיל עס זיינען דאָ מענטשן פון אמת.

דער רבי: אומזיסט דיין מי, יוסף. די „פאַספּולסטווא" איז אַזוי פיל אַז דו דאַרפסט זיפּן און זיפּן ביז דו געפינסט איינעם, און דעם איינעם — לאָזט מען אויך נישט זיין דאָס וואָס ער וויל! (שרייט אויס) וואָס טוט מען, יוסף, מיטן ערב־רב? זיי שטערן דאָך די גאולה פון דער וועלט!

דאָקטאָר קאָך: דאָס וואָס איך וויל וויסן, רבי, איז גאָר נישטאָ קיין עצה דערצו!

דער רבי: משה רבינו האָט אויך געמאַכט דעם טעות, ווען ער האָט אַרויסגענומען די יידן פון מצרים. ער האָט אויך מיטגענומען דעם ערב־רב, ווי עס שטייט אין פסוק: „וערב־רב עלה אתם", און דאָס האָט אַלץ קאַליע געמאַכט.

דאָקטאָר קאָך: אָבער עס איז דאָך געווען אַ גרויסע יידישע אומה, אַ חוץ דעם ערב־רב?

דער רבי: דו פאַרשטייסט נישט, יוסף. ווען דער רבונו של עולם האָט נאָכן מבול איינגעזען, אַז דער מענטש טויג נישט, אַז די קרוין פון אַלע באַ־שעפענישן איז נישט געלונגען און אַז אַפילו אַ מבול העלפט אויך נישט, ווייל מען מוז דאָך אָנהויבן צוריק פון אַלטן, צוריקן פון זעלבן מין, האָט ער באַ־שלאָסן איבערצולאָזן אַלע שבעים אומות, אַז זיי זאָלן דינען די עבודה זרה און פאַר זיך נעמען איין פאָלק וואָס זאָל דינען צו אים און אויסרופן זיין נאָמען איבער דער וועלט, די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, וואָס זייערע על־

טערן האָבן די ערשטע דערקענט די געטלעכקייט און געדינט צו אים. דער רבונו של עולם האָט פריער געוואָלט זיי געבן זיין תורה, און דערנאָך זיי פירן קיין ארץ־ישראל. ער האָט דערפאַר באַשלאָסן צו פירן זיי דורך דעם מדבר. ווייסטו פאַרוואָס?

דאָקטאָר קאָך: פאַרוואָס, רבי?

דער רבי: כדי זיי זאָלן זיך דערווייטערן פון גשמיות, און קאָנען ווערן אַן „עם קדוש". ווי דער פסוק זאָגט: „קדושים תהיו כי קדוש ה׳ אלוהיכם", איר זאָלט זיין הייליק, ווייל הייליק איז אייער גאָט. היות אָבער ווי אַ מענטש האָט גשמיותדיקע פאַרלאַנגען, האָט דער רבונו של עולם געוואָלט זיי מיט אַלעם באַזאָרגן, כדי זיי זאָלן פאַר גשמיות נישט דאַרפן זאָרגן. האָט ער זיי געגעבן יעדן טאָג אַ מעסטל מן און אויף שבת — צווײ; האָבן זייערע קליידער אויף זיי נישט געפוילט, און זייער געזונט איז נישט געוואָרן געמינערט, כדי זיי זאָלן זיך קענען אָפּגעבן נאָר מיט רוחניות. דערצו האָט גאָט געהייסן משהן שאַפן אַ משכן, ווי עס שטייט אין פסוק: „ועשו לי משכן ושכנתי בתוכם", איז אַלץ געווען וואויל און גוט, בלויז איין קלייניקייט האָט קאַליע געמאַכט. ווייסט וואָס, יוסף?

דאָקטאָר קאָך: וואָס?

דער רבי: דער ערב־רב. די „פּאַספּולסטווא" וואָס משה האָט מיטגע־נומען פון מצרים. זי האָט כסדר געשטערט. פריער האָט זי געוואָלט פליש. דעם „סיר הבשר אשר במצרים", דערנאָך וואַסער, און דערנאָך אַנדערע זאַכן. און צום לעצט גאָר געמאַכט דעם עגל — אַ גאָלדן קאַלב. דעריבער האָט גאָט געזאָגט, אַז די „פּאַספּולסטווא" מוז אויסשטאַרבן אין דעם מדבר און משה אויך, דערפאַר וואָס ער האָט דעם ערב־רב מיטגענומען. דערפאַר איז ער נישט אַריינגעקומען אין לאַנד פון די אָבות. (פאַרטראַכט זיך) און דאָס, זעסטו יוסף, איז אויך מיין שטראָף. איך האָב נישט געזיפּט גענוג! וויפיל איך האָב נישט געטריבן די „פּאַספּולסטווא" פון מיר, איז אַלץ דאָ געוואָרן אַן עולם, אַ גרויסער עולם. און אפשר האָב איך אַמאָל בחדרי חדרים נאָך הנאה גע־האָט דערפון וואָס איך האָב אַ גרויסן עולם, איז דאָס געווען אַ זינדיקער גע־דאַנק!... אָבער אַפילו דו, יוסף, האָסט מיר געזאָגט, אַז די יונגעלייט זיי־נען מיט מיר.

דאָקטאָר קאָך: זיי האָבן דאָך דאָס געזאָגט דעם רבין אַליין.

דער רבי: כ׳האָב נישט געוואוסט אַז זיי זיינען אַזעלכע שרעקעוודיקע, אַזעלכע פחדנים!

דאָקטאָר קאָך: זיי זאָגן אַז זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די וועלט וועט חרוב ווערן. זיי האָבן רחמנות געהאַט אויף די מענטשן.

דער רבי: עס איז מיר אַלע מאָל געווען אַ רחמנות אויף בעלי־רחמנות.

דאָקטאָר קאָך: כ׳וויל דער רבי זאָל מיר עפּעס זאָגן, אײדער דער טאָג זעגנט זיך, וואָס כ׳זאָל האָבן צו געדענקען.

דער רבי: (פאַרטראַכט) געדענק, יוסף, דריי זאַכן. עס איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ אַזאַ זאַך וואָס איז ווערט מען זאָל צוליב דעם אָנקומען צו אַ מענטשן; עס איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ אַזאַ העלד, וואָס זאָל קענען באַפרייען דעם וואָס האָט זיך אַליין געשמידט אין קייטן, און עס איז אויף דער וועלט נישטאָ אַזאַ איבעריקע זאַך ווי דער, וואָס זאָגט אַז ער איז צופרידן!

דאָקטאָר קאָך: גאָלדענע ווערטער. איך וועל זיי אײביק געדענקען!

דער רבי: רוף מיר אַהער איטשע־מאירן.

דאָקטאָר קאָך: (רופט) איטשע־מאיר! איטשע־מאיר!

איטשע־מאיר: (קומט אַרויס פון בית המדרש) ווער רופט מיך?

דאָקטאָר קאָך: דער רבי!

איטשע־מאיר: (אַפּ אין רבינס הויז.)

דער רבי: (פון אינעווייניק, דורכן אָפענעם פענצטער הערט זיך זיין שטים) נעם אַלע פּאַפּירן וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן און פאַרברען זיי! מאַך אַ גרויס פייער אין דער קיך און פאַרברען אַלץ! לאָז גאָרנישט איבער!

איטשע־מאיר: רבי, דאָס זיינען דאָך חידושי תורה.

דער רבי: חידושי תורה! פּש... פּש... פּש... די וועלט וועט זיך באַקראַצן אויך אָן זיי! די בהמות דאַרפן עס נישט! וואַרף אַלץ אין פייער אַריין!

איטשע־מאיר: איך וועל טאָן אַזוי ווי דער רבי הייסט.

(פון דרויסן זעט מען אַ פייער ברענען און איטשע־מאיר וואַרפט אַהין אַריין פּאַפּירן.)

דער רבי: פאַרברען אַלץ! לאָז גאָרנישט איבער! ס׳איז נישטאָ פאַר וועמען!

איטשע־מאיר: רבי, אָט האָב איך אַ בלעטל אין האַנט. עס הייסט „ספר תולדות אָדם" און עס איז דאָס ערשטע בלעטל פון אַ ספר.

דער רבי: ניין, איטשע־מאיר. דאָס איז אין גאַנצן דאָס ספר! דאָס ערשטע בלעטל און דאָס לעצטע! עס איז אַ ספר פון איין בלעטל!

איטשע־מאיר: פון איין בלעטל?

דער רבי: כ׳האָב עס געשריבן צוואַנציק יאָר. אין דעם בלעטל האָב איך געוואָלט זאָגן דעם תמצית פון אַלץ וואָס עס איז דאָ אין לעבן. דאָס האָב איך געטראַכט אַמאָל צו לאָזן פאַר די מענטשן, אָבער כ׳האָב געביטן מיין מיינונג. פאַרברען דאָס אויך!

איטשע־מאיר: זאָל דער רבי מיר דאָס געבן אַלס אַ מתנה!

דער רבי: דו ביסט אויך שוואַך! דער סוף וועט זיין אַז עס וועט אַריינפאַלן צו דער „פּאָספּולסטוואָ"! פאַרברען עס!

איטשע־מאיר: אָבער רבי!... רבי!..

דער רבי: איטשע־מאיר, פאַרברענט עס, אַז נישט וועל איך אַראָפּגיין פון בעט און עס אַלײן טאָן! איך וויל גאָרנישט איבערלאָזן פאַר די מענטשן! כ׳האָב גאָרנישט צו טאָן מיט די מענטשן!

איטשע־מאיר: (וואַרפט עס אין פײער אַרײן) שוין אַלץ פאַרברענט. דאָס איז געווען דאָס לעצטע!

דער רבי: איצט פיל איך רואיקער! (טאָן ענדערונג) איטשע־מאיר, קום אַהער און זאָג מיט מיר ווידוי.

איטשע־מאיר: (מיט אַן אויסגעשריי) **רבי!**

דער רבי: (מיט אַ שטיל קול) **הויב אָן: אשמנו בגדנו...**

דער רבי: איטשע־מאיר, איצט זאָג מיט מיר קריאת שמע. הויב אָן: שמע ישראל...

איטשע־מאיר: (זאָגט, און דער רבי נאָך אים) שמע ישראל ה׳ אלוקינו ה׳ אחד! (מען הערט אַ כאָרכל מיטן האַלדז.)

איטשע־מאיר: רבי! רבי! געוואַלד!! רביצין! חסידים! גיכער!

(עס ווערט אַ געלאָף אין הויף און אַ גערודער. די רביצין פון אינעווייניק שרײַט: „אוי, ווי מיר! אוי איז מיר!״ זי לויפט אַרײַן אין רבינס צימער. אַ שטילקייט.)

איטשע־מאיר: (קומט צו צום פענצטער און שטעקט אַרויס דעם קאָפּ. אַלע פאַרציטערט) **יידן, דער רבי איז שוין מער נישטאָ צווישן אונדז! ער איז פאַרבעטן געוואָרן אין הימל צו דער פמליא של מעלה! דער רבי איז נאָרוואָס נסתלק געוואָרן!**

(אַ טויט שטילקייט. אַנדערע וויינען.)

הירש טאָמאַשאָווער: ברוך דיין אמת. (אַלע זאָגן עס נאָך.)

איטשע־מאיר: (פון פענצטער אַרויס) **יידן, איך וויל אײַך זאָגן עטלע־כע זאַכן, וואָס דער רבי האָט מיר איבערגעגעבן כ׳זאָל עס אײַך זאָגן באַלד נאָך זײַן פטירה. אָבער פריער וויל איך זאָגן צו די כהנים וואָס זײַנען דאָ פאַראַן, אַז זיי דאַרפן נישט פאַרלאָזן דעם הויף. דער רבי איז געווען אַ קדוש וטהור בחייוו און אַזוי אויך במותו. קיין שום שמץ פון טומאה האָט זיך צו אים קיינמאָל נישט צוגעקלעפּט! געדענקט דאָס!...** (פאַרטראַכט) **איך וויל אײַך זאָגן, אַז די חברה קדישא פון קאָצק וועט זיך ביי דער לוויה נישט מתעסק זײַן. אַזוי איז געווען דעם רבינס אויסדריקלעכע בקשה. מיט דער טהרה און מיט דער לוויה וועלן זיך מתעסק זײַן בלויז די אייגענע. לויט דער בקשה פון רבין וועט די לוויה פאַרקומען באַלד! עס קומט שוין פאַר די טהרה. די נושאי המטה זײַנען, לויט דער צוואה, העניך, דער גריצער רב, די רביצין, די קינדער, הירש טאָמאַשאָווער, בערל חסיד און איך.**

איך וויל אײַך אויך זאָגן אַז מיר וועלן אַרויסגיין מיטן אָרון פון יענער

זייט הויז און נישט דורכן הויף. באַלד ווי דער אָרון וועט אַרויסגיין, זאָלט איר אויסטאָן די שטיוול און זיך זעצן אויף דר׳ערד שבעה. קיינער פון אייך זאָל זיך נישט דערוועגן מיטצוגיין מיט דער לוויה. אַזוי איז געווען זיין ווילן! (אָפּ פון פענצטער.)

(מען הערט זאָגן תפילות ביי דער טהרה, מען הערט די ווערטער „ויהי בנסוע הארון״ און די חסידים טוען אויס די שטיוול און זעצן זיך אויף דר׳ערד. אַ טרויער שטילקייט הערשט. אייניקע וויינען.)

(איזשביצער חסידים מיט פעקלעך אויף די פּלייצעס קומען אַן זינ־גענדיק דעם „איזשביצער ניגון״ — „די שכינה האָט געטוט אַמאָל אין קאָצק״ — אַן אויפרעגונג צווישן די קאָצקער חסידים. אייניקע הויבן אָן זינגען דעם „קאָצקער ניגון״, אָבער קאָנען נישט זינגען, ווייל די טרערן שטיקן זיי. די איזשביצער גייען אַוועק ווייטער זינגענדיק זייער ניגון.)

הירש טאָמאַשאָווער: (רעדט הויך ביים פענצטער) לויט׳ן ווילן פון רבי, זכרונו לברכה, וועט מען מיטטיילן ביים אָפענעם קבר, אַז זיין תלמיד און חבר, איטשע־מאיר פון גער, איז געוואָרן דער ממלא מקומו! מזל טוב איטשע־מאיר! מזל טוב גערער רבי! (אָפּ)

שטימען: מזל טוב! מזל טוב איטשע־מאיר! מזל טוב גערער רבי, מזל טוב, מזל טוב!

איטשע־מאיר: (ביים אָפענעם פענצטער מיט אַ וויינענדיקע שטימע) חבריא קדישא, עס איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס גרעסטע ליכט פון דער וועלט אין אונדזער דור! עס איז אַוועק פון אונדז אונדזער רבי, דער קדוש וטהור ר׳ מנחם מענדיל, זכרונו לברכה... נישטאָ מער קאָצק (וויינט) מיר זיינען געוואָרן יתומים!... (וויינט שטאַרקער; שטאַרקט זיך) חבריא קדישא, פאַר וואָס האָבן מיר אַזוי געקלעפּט אַן קאָצק! וואָס האָבן מיר דאָ געלערנט? — דער ענטפער איז, אַז אין קאָצק האָט מען געלערנט צו זיין ביז גאָר אמת׳דיק מיט זיך אַליין. יעדע עבודה, סיי אַ גשמיות׳דיקע און סיי אַ רוחניות׳דיקע, אפילו אַ קרעכץ, זאָל זיין אַן שום פניה, נאָר מיט דער ריינער כוונה צו טאָן דער רצון פון בורא; אַז עס זאָל זיך נישט אַריינ־גנב׳ענען קיין שום אַנדערער געדאַנק אין קאָפּ ווען מען שטייט פאַרן מלך מלכי המלכים, ווייל אויב יאָ איז מען אַן „עובד את עצמו״, מען דינט זיך אַליין, וואָס עס איז עבודה זרה, און פאַרן מלך מלכי המלכים שטייט מען כסדר, פיר און צוואַנציג שעה אין מעת לעת ולית אתר דפנוי מיניה... עס איז נישטאָ קיין אָרט וואו ער איז נישטאָ...

מיר האָבן אויך געלערנט אין קאָצק ווי אַזוי צו פירן אַ מלחמה מיט זיך אַליין און אַרויסטרייבן פון קאָפּ און פון האַרץ יעדע נגיעה פון תאוה און גאוה, ווייל נאָר דעמאָלט קען אַ מענטש קומען צום תכלית השלמות פון אמת. וואָרים וויסען זאָלט איר, אַז דער יצר הרע איז אַ באַהאַלטענער

גנבֿ. ער גנבֿט זיך אַרײַן אין מענטש אַזוי אַז מען ווייסט אפילו נישט דערפֿון. מיר האָבן געלערנט אין קאָצק, אַז אַ מענטש דאַרף כסדר פֿירן אַ מלחמה מיט זיך אַליין. דער מענטש מוז אַרויסגיין פֿון זיך, כדי צו זײַן ריין פֿון יעדע פּניה. אַ מענטש מוז זיך היטן פֿון גענאַרן זיך אַליין מיט שקר און צביעות. אין קאָצק האָט מען געלערנט אַז יעדעס וואָרט וואָס אַ מענטש רעדט אַרויס דאַרף זײַן הייליג און אַז אפילו אַ זיפֿץ דאַרף זײַן לשם שמים... (פּויזע) דרײַ זײַנען זיי געווען. דרײַ זײַלן פֿון חסידות. ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, דאָס גוטע האַרץ, דער גרויסער אוהב ישׂראל; ר׳ שניאור זלמן פֿון ליאַדי, דער גרויסער קאָפּ, דער אײַזערנער מוח און ר׳ מענדל קאָצקער, דער אײַזערנער ווילן און דאָס אײביקע פֿײַער. יעדער פֿון זיי האָט געהאַט זײַן שיטה. ר׳ לוי־יצחק האָט אונדז געלערנט חסידות פֿון האַרץ, ר׳ שניאור זלמן — חסידות פֿון קאָפּ און קאָצק — חסידות פֿון שטאַרקן רצון. אָבער זיי זײַנען אַלע מער נישטאָ און מיר זײַנען געוואָרן יתומים! חבל על דאבדין ולא משתכחין! (ווײַנט. אָפּ)

חזקיה: (קומט אַרויס פֿון אַ זײַט צוזאַמען מיט שמואל משהן) עס הויבט זיך איצט אָן אַ נײַע תקופֿה! מיר וועלן פֿון איצט אָן פֿאַרן קיין גער! עס הויבט זיך אָן די תקופֿה פֿון גערער רבי! לאָמיר זינגען אַלע אַ נײַעם ניגון לכּבֿוד גער! לאָמיר זינגען דעם נײַעם גערער נגון! (הויבט אָן צו זינגען דעם „גערער ניגון" — שרײַט אויס) שמואל־משה, העלף מיר צו. דו ביסט דאָך אַ מנגן!... העלפֿט אַלע צו! לאָמיר זינגען דעם גערער ניגון!...

(אַלע זינגען דעם גערער ניגון.)

(פֿאָרהאַנג פֿאַלט לאַנגזאַם.)

די ניגונים

1. דער קאַצקער ניגון
(אין פּראָלאָג)

2. וואו וואוינט דער אייבערשטער

וואו וואוינט דער אייבערשטער ?
וואו מען לאָזט אים אַריין.
וואו לאָזט מען אים אַריין ?
אין אַ דירה וואָס איז ריין.
וועלכע דירה איז ריין ?
אַ מענש וואָס האַלט זיך קליין.

3. דער וואורקער ניגון

ווער ס'האָט זיך באַהאַלטן
אונטער מיין באַלקן
איז אַ סימן, ער האָט ליב געהאַט
דעם טאַטן דעם אַלטן.

נישט געדאַוונט, נישט געלערנט,
אַבי דעם בורא עולם נישט דער־
צערנט.

לאָמיר נישט זאָרגן
וואָס ס'וועט זיין מאָרגן,
לאָמיר בעסער פאַרריכטן
וואָס מ'האָט קאַליע געמאַכט נעכטן.

4. דער איזשביצער ניגון

די שכינה האָט גערוט אַמאָל אין
קאָצק,
אוי־אוי, אוי־אוי ! אוי !
און היינט רוט זי אין איזביצע,
הוי, הוי־הוי, הוי־הוי, הוי !
אוי, איזשביצע, איזשביצע,
איזשביצע, איזשביצע,
אוי, איזשביצע, איזשביצע,
איזש — בי — צע ־

מ'האָט געלערנט תורה אַמאָל אין
קאָצק,
אוי, אוי־אוי ! אוי־אוי ! אוי !
און איצט טוט מען עס אין איזש־
ביצע,
הוי ־הוי ! הוי־הוי, הוי !
אוי, איזשביצע, א. אַז. וו.

געוועזן התלהבות פריער אין קאָצק,
אוי, אוי־אוי ! אוי־אוי ! אוי !
און איצט איז עס איז איזשביצע,
הוי־הוי ! הוי־הוי, הוי !
אוי, איזשביצע, א. אַז. וו.

מ'האָט געטאַנצט און געזונגען
אַמאָל אין קאָצק
אוי, אוי־אוי ! אוי־אוי !! אוי !
און איצט טוט מען עס אין איזשביצע,
הוי־הוי ! הוי־הוי, הוי !
אוי, איזשביצע, א. אַז. וו.

5. אָמאַר מאַטשעק...

אָמאַר מאַטשעק, אָמאַר,
לעזשי, יוזש נא לעססטשי,
גדיבי מי זאַגראַנא
פּאָסקאָקאַלבי יעזשטשע !
אַי דאַנאַ, דאַנאַ...

אַ קאָצקער איז געשטאָרבן,
מיטן ליילעך שוין פאַרצויגן ;
זאָל מען נאָר אונטערזינגען
וועט ער פון טויטן בעט אַראָפּשפּרינ־
גען
אַי דאַנאַ, דאַנאַ...

6. ידיד נפש...

ידיד נפש, אב הרחמים,
נפשי חולה אהבתך
אנא אל, רפא נא לה,
בהראות לה נועם זיוך. א. א. וו.

7. אל מסתתר

אל מסתתר בשפריר חביון
עילת העילת מקור כל רעיון, א. א. וו.

8. יה רבון עלם ועלמיא

יה רבון עלם ועלמיא,
אנת היא מלכא מלך מלכיא,
עובד גבירתך ותמהיא,
שפר קדמך להחויא. א. א. וו.

9. גערער ניגון (אָן ווערטער)